STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07553

OYF VEGN FUN GOYRL

Avraham Zak

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַברהם זאַק

(אייל־בילד פון מאָלער בען, פּאַריז)

אַברהם זאַק

אויף וועגן פון גורל

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

174

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

אברהם זאַק

אויף וועגן פון גורל

(דערציילונגען)

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1964 — ה׳תשכ״ה

הילע — יוסף ראַטנער־מירסקי

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיוראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־אײַרעס

פאַניען —
אַ מתנה

אינהאַלט:

נאָכן חורבן

אין זיין לעצטער היים — 11

דער קבר ביים פענצטער — 33

אַ קינד פון געטאָ — 47

דער סוף פון אַ שפּאַס — 58

אויסגעלייזטער טרויער — 68

זיין ערשטע און לעצטע ליבע — 75

אַ שפּיל פון גורל — 84

דער עלנטער קדיש — 104

צווישן שאָטנס — 120

פון רויקע צייטן

אין אַ חופּה־נאַכט — 179

צוויי גיבורים — 197

נאָכן חורבן

אין זיין לעצטער היים

א

נאָכן אומקערן זיך מיטן רעפּאַטריאַציע־שטראָם פון גלות־רוסלאַנד צוריק קיין וואַרשע — צו דער חרובער וואַרשע — האָט שמעון האַרצמאַן דאָרט קיינעם פון זיינע באַקאַנטע נישט געפונען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי דעם און ביי יענעם פון די ניצול־געוואָרענע פון וואַרשעווער געטאָ, געזוכט, גענישטערט אין די רשימות, וואָס האָבן זיך געפונען אין צענטראַל־קאָמיטעט — אָבער אומזיסט! נישטאָ צווישן די לעבנגעבליבענע נישט זיין פרוי, נישט זיינע צוויי אונטערוואַקסנדיקע קינדער, נישט קיין פריינט, נישט קיין גואל...

איין טאָג, שטייענדיק אין דער ריי נאָך ברויט אין וואַיעוואָדישן קאָמיטעט אויף טאַרגאָווע, האָט ער פון דער וויטנס דערזען עפּעס אַ קענטלעך פּנים. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט און איז איבערראַשט געוואָרן: זיין שכן בערמאַן, וואָס האָט געוווינט אינעם זעלביקן הויז אויף נאַוואָליפּקי, וווּ ער האָט געוווינט אַ טיר נעבן אַ טיר. איז האַרצמאַן צו אים איילִיק צוגעגאַנגען און צוגעפאַלן צו אים ווי צו אַ ברודער:

— בערמאַן!

— האַרצמאַן! גאָט מיינער, וועמען זע איך...

ביידן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן.

די אַלטע שכנים האָבן זיך צערעדט און אין געציילטע מינוטן זענען שוין ביידע געוואָר געוואָרן וואָס מיט יעדן איינעם פון זיי איז פאַרלאָפן. האָט זיך האַרצמאַן איצט דערוווּסט, אַז זיין ווייב מיט די ביידע קינדער — צוזאַמען מיט בערמאַנס פרוי און בן־יחיד — זענען צוגענומען געוואָרן פון „קעסל" אויף מילע־גאַס צום „אומשלאַג־פּלאַץ". אַלע זענען זיי געווען באַ־

האַלטן אין אַ „סכראַן" אויפן בוידעם, ווו מען האָט זיי געפּאַקט און אַראָפּ־געשלעפּט. בערמאַן גופא איז צופעליק אין יענעם מאָמענט נישט געווען אין „סכראַן", און אים האָט עס נאָך דעם דערציילט אַ שכן, ווען עס איז גע־לונגען זיך אַרויסצודרייען פון דער דאָזיקער „אַקציע". בערמאַן האָט זיך נאָך דעם אַרויסבאַקומען אויף דער „אַרישער זייט" און זיך אַזוי אַרום גע־ראַטעוועט פאַר געלט ביי אַ פּויער אין אַ דאָרף.

פון בערמאַנען איז האַרצמאַן אויך געוואָר געוואָרן, אַז זיין עווע האָט געאַרבעט ביי טעבענסן אין „שאָפּ" אויף לעשנבע ווי אַ „קוואַליפיצירטע" ביינאַרין — הגם מיט שניידעריי האָט זי קיין מאָל קיין געמיינזאַמס נישט געהאַט. און נישט נאָר זי. 90 פּראָצענט פון די „שאָפּ"־אַרבעטערינס זענען געווען אַזעלכע שניידערקעס ווי זי. אָבער פאַר געלט איז מען דאָרטן גע־וואָרן אַ „נוצלעכער יודע" און באַקומען אַן אַרבעט־קאַרטע, וואָס האָט צו יענער צייט געמיינט אויך אַ „לעבנס־קאַרטע"... אָבער אין „קעסל" האָבן שוין געווילדעוועט די „ס. ס." און יענע האָבן ווייניק אַכט געלייגט אויף די אַרבעט־קאַרטן — זייער אויפגאַבע איז געווען אָנצופילן די וואַגאָנעס אויפן „אומשלאַג־פּלאַץ".

אַז עמיצער האָט זיך געפּרוווט ראַטעווען און געדרוקט דעם „ס. ס."־מאַן זיין אַרבעט־קאַרטע, האָט יענער געחוזקט:

— דו האָסט שוין גענוג געאַרבייטעט.

דערפאַר טאַקע האָט זיך זיין פרוי אויסבאַהאַלטן אין „סכראַן", כאָטש זי האָט געהאַט אַן אַרבעט־קאַרטע. זי האָט שוין גוט געוווּסט, אַז ס'איז אַ קנאַפּע שוץ קעגן די „ס. ס."ישע בעסטיעס...

האַרצמאַן האָט אויסגעהערט די אַלע פּרטים און בעת־מעשה געשווי־דערט. די קני האָבן זיך אים גענומען אונטערהאַקן און ער האָט זיך געמוזט אַראָפּלאָזן דערנעבן אויף אַ ברעג באַנק.

יענער, דער שכן פון נאַוואַליפּקי, האָט נאָך אַלץ דערציילט, דערמאָנט נאָך מער און מער פּרטים, און די רייד זענען געפאַלן אויף האַרצמאַנס האַרץ און געמיט ווי טראָפּנס סם...

כאָטש האַרצמאַן האָט שוין גענוי געוווּסט פון זיין אומגליק; גענוג זיך אָנגעהערט וואָס עס איז געוואָרן פון די יידישע גאַסן — פון דעסטוועגן האָט עס אים געצויגן אַ קוק צו טאָן מיט די אייגענע אויגן אויף זיין נאַוואַליפּקי־גאַס; ווי זעט זי איצט אויס, זיין גאַס, ווו ער האָט אַ שטיק לעבן פאַרבראַכט

אין היימישע ווינקעלעך, צוזאַמען מיט זיין געליבט ווייב, — מיט זיין עווען; צוזאַמען מיט זיינע ביידע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך צעבליט ווי די רויזן... ווו ער האָט קיין מאָל נישט געפילט דעם טעם פון עלנט, פון נע־ונד — — — —

האָט ער זיך נאָך דעם זעלביקן טאָג אַוועקגעלאָזט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צום צעוואָלגערטן געטאָ. אַוועק אַהין ווי אַן אָבל, אויף קבר־אָבות... דורך די אָנגעשאָטענע קופּעס גרוז און ציגל האָט ער זיך קוים דערשלאָגן צו זיין אַמאָליקער גאַס — צו זיין נאָוואָליפּקי. ער האָט דאָס הויז, פאַרשטייט זיך, נישט געפונען. אומעטום — ציגל, ציגל! צעשאָטענע קופּעס ציגל. אָבער ער האָט געהאַט אַ גוטן סימן, וואָס האָט אים כמעט געגעבן אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו דאָס הויז איז געשטאַנען, דער סימן איז געווען — דער קלויס־טער פון הייליקן אויגוסטין מיט זיין סטאַרטשענדיקן שפּיץ אין דער הויכ־קייט. דער קלויסטער איז יאָ געבליבן ווי אַן איינציקער זכר פון אַ געוועזע־נעם לעבן... און ער האָט טאַקע געוווינט אַ פּאָר הייזער פון קלויסטער און ס'איז אים לייכט געווען משער צו זיין דאָס אָרט. האָט זיך האַרצמאַן אַ זעץ געטאָן אויף אַ קופּע ציגל און זיך גוט אויסגעוויינט...

און אַזוי פלעגט ער כמעט יעדן טאָג קומען צו בלאָנקען אין געטאָ און פאַרהאַלטן זיך אויף די ציגל פון זיין נאָוואָליפּקי.

ער איז נישט געווען אַליין. אין יענע טעג פון דער רעפּאַטריאַציע פלעגן קומען אין געטאָ הונדערטער, הונדערטער יידן. זיי פלעגן קומען מיט זייער שווער האַרץ, פלעגן אַרומשלייכן ווי די שאָטנס און זיך קיין אָרט נישט קענען געפינען אין זייער צער.

אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס. טאָג־איין, טאָג־אויס.

ב

האַרצמאַן האָט זיך איבערגעטראָגן אין אַ שטאָט פון נידערשלעזיע. אין יענע שטעט, פון וואַנען מ'האָט פאַרטריבן די דייטשן, זענען געגאַנגען דאָס רוב עשאַלאָנען מיט די יידישע פליטים: די רעשטלעך נישט־דערקוילעטע... יידן געראַטעוועטע אין די וועלדער, אין פּאַרטיזאַנען־גרופּעס; יידן פון רו־סישן גלות און אויך יידן געראַטעוועטע אויף דער „אַרישער זייט": ס'האָבן זיך צווישן ים רשעים געפונען אויך גוטע קריסטן־יחידים, וואָס האָבן ביי זיך אויסבאַהאַלטן די קרבנות — ווער פאַר גוטער באַלוינונג, ווער כדי צו

ראַטעווען אַ נשמה פֿאַר קריסטוס־ווענן. איצט, אָבער, אַז די קרבנות, די נישט־דערקוילעטע, זענען אַרויס אויף דער פֿריי, געפֿינען זיך רוצחישע באַנדעס — געטרייע תלמידים פֿון די פֿאַרשווונדענע דייטשישע נאַציס — וואָס ווילן פֿאַרענדיקן די שחיטה... באַפֿאַלט מען ייִדן אויף די פּוילישע וועגן, אויף די באַנען, אין אויטאָבוסן און ווו נאָר עס לאָזט זיך און מען פֿאַרענ־דיקט זיי. דעריבער פֿאַרן גערנער די ייִדן־פּליטים קיין נידערשלעזיע, ווו עס בילדן זיך כלומרשט נייע ייִדישע ישובים. ייִדן ווילן לעבן צווישן ייִדן, אָן שרעק פֿאַרן רוצחישן לאַנגן מעסער...

האָבן זיך געשאַפֿן ייִדישע אונטערנעמונגען, ייִדישע וואַרשטאַטן, ייִדי־שע שולן און אַפֿילו בתי־תפילה. און אַזוי האָט זיך אויך הארצמאַן — פֿון פֿאַך אַ מוזיק־לערער — צוגעטוליעט צו אַ ייִדישער שול און אינטער־נאַט פֿאַר אָפּגעראַטעוועטע פֿאַרוואָרלאָזטע ייִדישע קינדער. אויסגעפּייַ־ניקטע, אויסגעבלייכטע קינדער אָן טאַטע־מאַמע, אַרויסגענומענע פֿון קלויסטערס, אָדער אויסגעקויפֿטע פֿון פּוילישע פֿאַמיליעס. הארצמאַן האָט אין דער דאָזיקער אַרבעט געזוכט צו פֿאַרגעסן זיך אין זייַן גרויסן עלנט. ער האָט די קינדער געשענקט זיין גאַנצע ליבשאַפֿט און געטריישאַפֿט. איין קינד — בערעלע — האָט אים דערמאָנט אָן זיין זון, ווען יענער איז נאָך אַ קינד געווען — מיט זייַן שטימעלע, מיט זיינע בלויע אויגעלעך, מיט אַלע זיינע העוויות, מיט זיין ריידן און לאַכן. הארצמאַן פֿלעגט זיך אַמאָל פֿאַרגעסן און דאָס ייִנגעלע אָנרופֿן מיט זיין זונס קינדערישן נאָמען: „סענ־דערל"...

דאָס נידערשלעזישע שטעטל איז וואָס ווייטער פֿולער געוואָרן. עס זענען כסדר צוגעקומען פֿרישע ייִדישע פּליטים. דעלעגאַטן פֿון צענטער — פֿון וראָצלאַוו (ברעסלוי) און אַמאָל אויך פֿון וואַרשע — זענען אָפֿט געקו־מען; מ'האָט גערופֿן אסיפֿות, געהאַלטן רעדעס — און ס'האָט זיך אויך אָנ־געהויבן אַ געזעלשאַפֿטלעך לעבן. ס'האָט נאָך געהערשט „בורג־פֿרידן" אין פּוילן. זענען די רעדנער געווען פֿון אַלערליי קאָלירן. אויך פֿרומע ייִדן האָבן איינגעשטעלט זייער סדר. אין בית־מדרש האָט מען אַלע טאָג גע־דאַוונט בציבור און אין די שבתים האָט מען געלייענט די תורה און גע־טיילט עליות. געווען אַ בעל־תפילה, אַ שוחט ומוהל און ייִדן האָבן שוין ווידער געפּראַוועט בריתן און חתונות כדת משה וישראל.

וואָס ווייטער האָט מען אין גאַס ווייניקער געזען די רוסישע צוויטקע

„פופייקעס". יידן האָבן זיך שוין אָנגעטאָן „ציוויל" — כמעט אַלע אין די מלבושים געשיקטע מעבר־לים. פון אַמעריקאַנער ברידער־יידן. אַזוי האָט מען אויך פאַרביטן די אומגעלומפּערטע צעכראָסטעטע אַרבעט־שיך אויף באַרמאַלע מענטשלעכע שיך געשיקטע צוזאַמען מיט די מלבושים. אַ חוץ די קליידער און שיך זענען אויך אָנגעקומען בשפע די שפּייז־מתנות אין פּושקעס: פליייש־קאָנסערוון, קאָנפיטורן, מילך־פּולווער, עקזאָטישע פּרוכטן. אויף די זייטיקע פּלעצער און אין רינשטאָקן האָבן זיך געוואַלגערט אויסגעליידיקטע בלעכענע פּושקעס פון אַלערליי מאָסן און קאָלירן.

יידן האָבן געלעבט פון מתנות.

האַרצמאַן איז איין אָוונט געווען שוין אַפילו אַ „מחותן" אויף אַ חתונה פון אַ פּליט מיט אַ פּליטה. דער פּליט איז געווען אַ טעכנישער אַרבעטער ביי דער שול. אַ ייד פון אַ יאָר 45, וואָס האָט אין מאַידאַנעק פאַרלוירן זיין פרוי און צוויי קינדער. דאָ האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פּליטה, וואָס האָט געהאַט אַ נומער פון אוישוויץ אויף איר אָרעם. אויך זי האָט פאַרלוירן איר מאַן. נו, האָבן זיי זיך דערנענטערט און געפּראַוועט אַ חתונה. די חופּה האָט מען געשטעלט אין בית־מדרש־האַל און די אָרעמאַנסקע חתונה איז פאַרגעקומען טאַקע אין דעם געררוימען זאַל פון דעם קינדער־אינטערנאַט. די מחותנים זענען געווען די לערערס און דערציִערס. קיין אַנדערע קרובים האָט דער חתן נישט געהאַט און אויך זי, די כלה, האָט נישט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל. האָט יעדער מיטאַרבעטער פון אינטערנאַט געהאַלטן פאַר אַ מצווה גדולה זיך צו באַטייליקן אין דער שמחה. מ'האָט געמאַכט אַ לחיים און פאַרביסן מיט ברויט, הערינג, קאָנסערוון־פליייש און פאַרטרונקען מיט ביר.

איינער אַ לערער האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעהויבן זיין גלאָז ביר און אימפּראָוויזירט אַ רעדע, וואָס ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

— לאָמיר אַלע מכוון זיין, אַז מיר עסן געבראָטענע הינער און זופּן די גאָלדענע יויך... מזל־טוב, יידן! מזל־טוב, חתן־כלה!...

— מזל־טוב! מזל־טוב! — האָט מען געווונטשן פון אַלע זייטן.

האַרצמאַן האָט אָבסערווירט די אויסטערלישע חתונה, די געסט, די חתן־כלה — און ס'איז אים געוואָרן טרויעריק אויף דער נשמה: מענטשן ווילן זיך ראַטעווען פון עלנט... מ'וויל נישט בלייבן אַליין... כאַפּט זיך אָן איין עלנטער אָן צווייטן... יעדער וויל ווייטער לעבן... מעג עס זיין אויף

קופּעס ציגל... צווישן חורבות... און אפשר?... אפשר דאַרף טאַקע אַזוי זיין?
די שונאים אויף צו להכעיס? אפשר איז טאַקע אַ זינד אין די איצטיקע טעג
צו בלייבן אַליין? ייִדן דאַרפֿן, מוזן ווידער אויפלעבן, זיך ווידער אויפבויען
געצעלטן און ווידער לעבן, לעבן, לעבן — — —

און נישט ווילנדיק שטעלט ער זיך אָפּ אין געדאַנק און פאַרקוקט זיך
אויף די דריי עלנטע פרויען, וואָס אַרבעטן־מיט מיט אים אין אינטערנאַט.
די לערערין פיינער, די לערערין רייזמאַן, די עקאָנאָמקע קאַפּלאַן. אַזעלכע
אומעטיקע שמייכלען זעט ער איצט אויף זייערע געזיכטער צווישן די חתו־
נה־געסט. ער פאַרשטייט זייערע געדאַנקען. ער ווייס, אַז יעדע פון זיי וואָלט
זיך געפילט גליקלעך, ווען ער, אַ שטייגער, דערנענטערט זיך צו איר.
אָבער נישט זיינע טיפן. ווייניק אינטערעסאַנט און דערצו נאָך אַלע דריי
קנאַפּע יפת־תוארס. און זיין אומגעקומענע פרוי — זיין עווע — איז דאָך
געווען אינטעליגענט, סובטעל און טאַקע מיט אַ סך חן אויך. נישט אויף
יעדער פרוי קען ער זי פאַרבייטן. אָ, ניין! — — —

ג

עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען אין שטעטל אויך פּאָליאַקן. גאַנצע פּוי־
לישע פאַמיליעס, מיט בעבעכעס, טייל אַפילו מיט מעבל. די דייטשן האָבן
דאָך נישט געשיקט די פּאָליאַקן אין די גאַז־קאַמערן אַזוי ווי ייִדן — נו,
זענען ביי זיי געבליבן פולע פאַמיליעס. דאָס זענען געווען פּאָליאַקן פון די
פוילישע ראַנד־געביטן, וואָס זענען אַריבער צו סאָוועט־רוסלאַנד. לויט אַן
אָפּמאַך צווישן מאָסקווע און וואַרשע האָבן יענע פּאָליאַקן געהאַט די ברירה
צו אָפּטירן און אַריבערפאָרן אויף דער פוילישער זייט. נו, האָבן אָנגעהויבן
גיין עשאַלאָנען מיט פּאָליאַקן צו די פוילישע שטעט און שטעטלעך, דער
עיקר אין נאָך ווייניק באַווינטן נידערשלעזיע. די פּאָליאַקן זענען אַראָפּגע־
קומען מיט פּרעטענזיעס הלמאי די ייִדן האָבן זיך מקדים געווען און פאַר־
כאַפּט די שענסטע דירות נאָך די דייטשן. און ייִדן האָבן באַלד דערפילט
די ענדערונג. לכתחילה האָבן זיך ייִדן געפילט היימיש, ווי צווישן ייִדן; ווי
ייִדן אין אַ ייִדיש שטעטל. אָבער איצט איז שוין די לופט געוואָרן אַן אַנ־
דערע. אויף דער גאַס האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף פוילישע פּנימער, מיט
בייזע, פיינטלעכע בליקן. פלעגט מען הערן אָפּט די גאַליקע באַמערקונג פון

פּאָליאַקן אויפן חשבון פון אַ ייִדן: „ניעדאָזשניענטי״... (נישט־דערקוילעטער).
מיט דער צייט האָבן זיך טייל ייִדן געמוזט באַגעגענען מיט פּאָליאַקן אויף איין אַרבעט־געביט: אין וואַרשטאַט, אין קאָאָפּעראַטיוו, אין אינסטיטור־ציעס. אָבער קיין „אידיליע״ איז צווישן זיי נישט געווען. נידערשלעזיע איז געוואָרן גלייך צו אַלע פּוילישע געביטן: אַזוי ווי אין אַלע פּוילישע שטעט אַזוי אויך אין די שטעט און שטעטלעך פון דעם נייעם געביט האָבן ייִדן גענומען שפּירן די שנאה פון אַרום. אויך אין די דאָזיקע שטעט און אויף די וועגן האָט מען אָנגעהויבן באַפאַלן און אומברענגען ייִדן. אין וורעצלאַוו, ביים וואָיעוואָדישן ייִדישן קאָמיטעט, האָט געמוזט שטיין אַ וואַך. ייִדן מיט ביקסן האָבן געהיט. מיט ביקסן אין די הענט געוואַכט ביי דער געביידע בייטאָג און ביינאַכט.
ווי אַ דונער האָט פּלוצלינג געטראָפן די ייִדן די מעשה־קיעלץ. די אָר־גאַניזירטע גרויזאַמע שחיטה אויף ייִדן אין מיטן העלן טאָג. די לוויה פון די צוויי און פערציק ייִדישע הרוגים האָט אָנגעפילט מיט טרויער אַלע ייִדישע הערצער.
— וואָס האָבן מיר דאָ צו זיצן אויף דער פאַרשאָלטענער ערד?
— לאָמיר אַוועק פון דאַנען וווּהין די אויגן וועלן טראָגן.
אַזוי האָבן גערעדט ייִדן צווישן זיך אין זייער פּיין און פאַרביטערונג.
און אַזוי האָט אויך געטראַכט הארצמאַן — דער דירעקטאָר און לערער פון קינדער־אינטערנאַט. די ערד האָט געברענט אונטער זיינע טריט. ער האָט מער נישט געקענט קוקן אין פּנים אַריין די מיטבירגער, די פּאָליאַקן, בעת ער האָט זיי באַגעגנט אין גאַס. ער וואָלט שוין געוואָלט זיין וואָס וויי־טער פון דער דאָזיקער ערד.
פון די אַלע שטעט און שטעטלעך האָט זיך ווידער גענומען ציִען אַ שטראָם ייִדן. מ׳איז געלאָפן פון האַס און רציחה. מ׳איז געלאָפן צו דער נאָענטער טשעכישער גרענעץ — צום קוראָרט קודאָווע. דאָרט זענען ייִדן אין די הונדערטער יעדן טאָג אַריבער די גרענעץ, און פון יענער זייט, פון דער טשעכישער, זיך דערשלאָגן צו דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטש־לאַנד, צו די פּליטים־לאַגערן, אָדער נאָך ווייטער — קיין איטאַליע.
און מיטן זעלביקן שטראָם האָט זיך איינער אַ נאַכט אויך מיטגע־כאַפּט הארצמאַן. ער האָט אין ייִדישן קאָמיטעט צוגעשטעלט זיין דעמיסיע — צו שווער איז עס אים נישט אָנגעקומען — און זיך פאַראייניקט מיטן

וואַנדער־שטראָם. קיין צו־גרויסער באַגאַזש האָט אים אויך נישט באַלעס־טיקט. נאָר אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס איז געווען זיין גאַנצער פאַרמעג... איז אים די נייע וואַנדערונג אָנגעקומען גרינג. שווער איז אים נאָר געווען אויפן האַרצן דער ווייטאָג: לאָזט ער דאָך איבער אויף דער פּוילישער ערד דאָס אַש פון זיין גאַנצער משפחה, דערין זיין פרוי און צוויי קינדער. ער האָט זיך אַפילו נישט געקאָנט געזעגענען מיט זייערע קברים — נישטאָ דאָך גאָר קיין קברים! אַלע זענען זיי דאָך פאַרברענט געוואָרן אין די קרע־מאַטאָריעס — — —

ד

פריער אָפּגעאָטעמט האָט האַרצמאַן אין רום — אין דער אַלטערטימ־לעכער שטאָט; אין דער שטאָט פון געשיכטע. צו דער דאָזיקער שטאָט האָבן דאָך אויך זיינע אָבות אַ שייכות... וויפל צרות צרורות האָבן אָפּגעטאָן די אַלטע רוימער דעם ייִדישן פאָלק און דעם ייִדישן לאַנד! — — — האַרצמאַן געפינט דאָ אַ סך שפּורן פון יענע היסטאָרישע טראַגישע תקופות. דער טי־טוס־טויער שטייט נאָך עד היום ווי אַ מעמענטאָ...

אין די ערשטע טעג זיינע אין רום האָט האַרצמאַן אַרומגעבלאָנקעט איבער די אַלטע היסטאָרישע פּלעצער. האָט קאָנפּראָנטירט זיינע ידיעות מיט די פאַרבליבענע שפּורן פון געשיכטע. אין געציילטע טעג אַרום איז האַרצ־מאַן אַריבער פון געשיכטע צום רעאַלן לעבן. צו בעטל־ברויט, ווי אַ סך פּליטים, האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אָנקומען. ער האָט געפונען באַשעפטיקונג אין אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט געאַרבעט פאַר פּליטים. מחמת זיין קענטעניש פון שפּראַכן איז עס אים גרינג אָנגעקומען. ער האָט אומעטום געקאָנט זיין שטעטל באַשטיין. אויב נישט ווי אַ מוזיקער, איז ווי אַ ביוראַליסט. און פון לוקסוס האָט ער זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט: נאָך רוסלאַנד איז אים אַלצדינג ניחא. אַלץ וואויל און גוט. האָט ער דאָך אין רוסלאַנד געאַרבעט שווער און ביטער פאַר בלויז אַ „פּייקע“ ברויט...

און אַזוי האָבן זיך ווידער געקייטלט זיינע טעג און וואָכן אין זיין נייער קרעטשמע. קרעטשמע — נישט הים. האַרצמאַן האָט באַלד אין געדאַנק באַשלאָסן, אַז רום קאָן נישט זיין פאַר אים אַ לאַנגע קרעטשמע. ס׳איז אַלץ דאָ פרעמד און ווייט. מער היימישקייט האָט ער נאָר צווישן די היימ־

לאַזע, אויסגעוואָרצלטע ברידער זיינע — די פּליטים פון פּוילן, וואָס דאָס רוב פון זיי מוזן לעבן אויפן חשבון פון קהלשן שיסל... איז עס אים אויך דערווידער, און ער חלומט וועגן אָנקומען ערגעץ צו אַ ברעג, צו אַ סביבה, וווּ עס פּליסט אַ נאָרמאַל ייִדיש און מענטשלעך לעבן; אויף געזונטע יסו־דות, אָן נשמהדיקע פאַרקריפּלונגען... טראַכט ער און מעדיטירט וועגן לענ־דער און וויזעס, — ווי אַ סך אויסגעוואָרצלטע.

זיין רוימישע אכסניה האָט אַ ביסל צופיל געדויערט. קאָנסולאַטן איילן זיך נישט אַזוי מיט געבן וויזעס, מיט גאַסטפריינטשאַפט. לענדער האָבן זיך אַרומגעצאַמט מיט געזעצן און פאַרשריפטן אַזוי ווי מיט אַ כינעזישער וואַנט. מ׳האָט מורא פאַר פרעמדע, פאַר נישט־געוווּנטשענע.

ביז עס איז געשען דער גרויסער נס. דער נס פון מדינת ישראל.

הארצמאַן האָט נישט געהערט קיין מאָל צו קיין ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט, פון אַן אַנדער באַפאַרבונג. אָבער מלחמה־צייט, בעת אַכזריות פון קריסטן האָט גורם געווען טייכן ייִדיש בלוט, האָט ער זיך אַנטוישט אין די וועלט־דערלייזערישע אידייען און אין דער ברידערלעכקייט מצד דער קריסטלעכער וועלט. ביי אים איז רייף געוואָרן דער אידעאַל פון ייִדישער זעלבשטענדיקייט: אַנטלויפן, אַנטלויפן פון די גויִים! ייִדן דאַרפן מאַכן שבת פאַר־זיך. לעבן אויף אייגענער ערד, מיט אַיי־גענער מאָראַל...

הארצמאַן איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געשעענעם נס. ער האָט ווידער ליקווידירט אַ צייטווייליקע אכסניה — די רוימישע אכסניה, מיט אירע היסטאָרישע דענקמעלער, מיט אירע קירכן, מיט איר קטורת...

פון דעם שיינעם נעאַפּאַל האָט אים אַ שיף — שוין גאָר אָן וויזעס! — אַוועקגעטראָגן איבער די וואַסערן פון מיטלענדישן ים.

אַהין, אַהין — צום ייִדישן לאַנד. שוין נישט צו קיין אכסניה, נאָר צו אַ ייִדישער היים — — —

ה

אויף דער שיף האָט הארצמאַן געמאַכט אַ חשבון וועמען ער האָט אַלץ געהאַט אין ארץ־ישראל פאַר דער מלחמה. וועלכע באַקאַנטע, וועלכע פריינט.

פון אַלעמען האָט זיך ביי אים אין מחשבה אויסגעטיילט איינע אַ יוגנט־באַקאַנטע פון זיין געבורט־שטאָט אין דער פּראָווינץ. דאָס איז געניאַ גליקס־מאַן, אַ טאָכטער פון אַ רייכן לעדער־פאַבריקאַנט. ער געדענקט זי ווי אַ צעפּיעשטשעט מיידל. אַ מיידל מיט אַ סך קאַפּריזן. אַ געוויסע צייט איז ער אַמאָל געווען איינער פון אירע פאַרערער. א שיין מיידל געווען, מיט אַ סך חן, מיט אַ וווּנדערלעכן שמייכל. זי האָט ליב געהאַט בחורים דעם קאָפּ צו פאַרדרייען; אָבער צו נאָנט ווערן מיט איר — צו דעם איז נישט דערגאַנ־גען. אַלץ איבער אירע קאַפּריזן. זי האָט ליב געהאַט מער די שפּילעריי, ווי די ליבע. אָבער האַרצמאַן געדענקט אויך אירע מעלות: איז געווען נישט דורכשניטלעך, אינטעליגענט; איז ממש פאַרליבט געווען אין דער רוסישער פּאָעזיע און פלעגט דעקלאַמירן גאַנצע פּאָעמעס אויף אויסנווייניק. און זי האָט טאַקע געקאָנט זיך אַריינפילן אין דעם כישוף פון אַ שיין ליד. זי האָט עס אויפגענומען מיט אַ סך אינטואיציע.

און ער דערמאָנט זיך איינעם אַן אָוונט מיט געניען ביי אים אין „קאַ־וואַלערסקן״ צימער. פאַרן אַרויפגיין צו אים האָט זי אויסגענומען מיט אים אַ תנאי: ער זאָל נישט וואַגן זי צו באַרירן... ער האָט עס איר הייליק צו־געזאָגט, אָבער נישט געקאָנט האַלטן זיין וואָרט... איר שפּילעריי, איר קאַ־פּריז שמייכעלע האָט אים פּראָוואָצירט און ער האָט זי אַ קוש געטאָן.

— דאַ טשטאָ ווי? ס׳אומאַ סאָשלי?! (וואָס טוט איר? איר זייט משוגע געוואָרן?!) — האָט זי אויסגערופן אַ ברוגזע און זיך אויפגעשטעלט אַרויס־צוגיין פון צימער. ער האָט זיך פאַר איר אַנטשולדיקט און זי קוים איבער־געבעטן.

— כ׳שווער אייך ביי באָרד און פּיאות, אַז כ׳וועל שוין זיין גוט און פרום, — האָט ער האַלב אין שפּאַס פאַרזיכערט.

איז זי געבליבן ווייטער אין זיין צימער און געקוויקט זיך מיט אַ ליד פון בלאָקן, וועמעס לידערבוך זי האָט געפונען אויף זיין עטאַזשערקע. ער איז געזעסן נעבן איר און איבערגעקוקט דאָס דאָזיקע ליד.

— איר פילט די שיינקייט פון ריטם? — פרעגט זי אים.

— יאָ, איך פיל, איך פיל.

און אין דער דאָזיקער רגע, גאָר אומגעריכט, איז זי גאָר צו אים צו־געפאַלן און באַשאָטן מיט קושן...

אַזאַ איז זי געווען, די געניאַ.

אָבער פון דער דאָזיקער שפּילעריי מיט געניען האָט זיך דעמאָלט גאָר־נישט אויסגעלאָזט. האַרצמאַן איז לסוף אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און געלעבט זיין לעבן. אין וואַרשע איז צו אים שפּעטער דערגאַנגען די ידיעה, אַז געניאַ איז מיטגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט מישאַ וואַקסמאַן, אַ סטו־דענט — אַ מיטגליד פון אַ ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע — וועלכער האָט פאַרלאָזט דעם אוניווערסיטעט און איז אַוועק ווי אַ חלוץ אין ייִדישן לאַנד. זינט יענער צייט זענען שוין אַ סך וואַסערן פאַרשוווּמען. קיין ווײַ־טערדיקע גרוסן פון איר זענען שוין צו אים מער נישט דערגאַנגען. ווער ווייס איצט איר גורל? אפשר האָט זי — די אויסגעפּיעשטשעטע קאַפּריזנע מיידל — זיך אומגעקערט אַהיים, „צום טאַטן אין ווײַנגאָרטן", נישט קע־נענדיק איבערטראָגן לאַנג דאָס שווערע פּיאָנערן־לעבן. צי איז עס דען גע־ווען צוגעפּאַסט פאַר איר? און זייענדיק צוריק אין דער היים, האָט איר דאָך אויך געקאָנט טרעפן דער זעלבער גורל, וואָס אַלע ייִדן — אין די גאַז־קאַמערן? — — —

ווער ווייס?

שוין באַלד אין די ערשטע וואָכן אויפן באָדן פון ישראל האָט זיך האַרצמאַן פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון זיינע לאַנדסלייט. עס האָט זיך אים געגלוסט צו באַגעגענען זיך מיט אַלע באַקאַנטע, מיט היימישע און דער עיקר — געוואָר ווערן עפּעס מכוח געניען. האַרצמאַן האָט בעת־מעשה ווי פאַרגעסן, אַז זינט יענער צייט, ווען ער האָט זי געזען, זענען שוין אַוועק „אַ שאָק מיט יאָרן". שוין אַ יאָר דרייסיק אַוודאי. און ער האָט זי אַלץ גע־זען אין דמיון אַזוי ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט: אַ בלי׳ענדיק, רייצנדיק מיידל, מיט פּוכיק־בלאָנדע האָר, מיטן לאָקנדיקן חן־גריבעלע אויף איין באַק, מיט איר ווונדערלעכן שמייכל.

האַרצמאַן האָט קיין סך צייט נישט פאַרלוירן אויף זיינע נאָכפרעגע־נישן. ער איז באַלד געוואָר געוואָרן, אַז געניאַ געפינט זיך טאַקע אין ישראל; אַז איר מאַן איז טאַקע געווען יענער סטודענט — מישאַ וואַקסמאַן — מיט וועמען זי איז אַוועקגעפאָרן; אַז זי איז אַ מאַמע פון אַ דערוואַקסענעם זון און אַפילו שוין אַ באָבע. און זי וווינט די גאַנצע צייט אין חיפה און אַרבעט ווי אַ פּריוואַטע קראַנקן־שוועסטער.

און נאָך עפּעס האָט זיך האַרצמאַן ביי די לאַנדסלייט דערוווּסט: אַז געניאַ איז שוין זינט העכער אַ יאָר — צוליב אַן אומגליקספאַל — געוואָרן

אַן אלמנה. אַז אַ געוויסע צייט נאָכן מאַנס טויט האָט זי זיך אויפגעהאַלטן ביי איר זון אין תל-אביב.

ער האָט ביי די לאַנדסלייט אויפגענומען איר אַדרעס און פאַרשריבן אין זיין נאָטיץ-ביכעלע.

ו

ס'איז געווען מער ווי אַ געפיל פון נייגיר, וואָס האָט אים באַוויגן צו באַזוכן חיפה, די פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע פון דער יידישער פּאָרט-שטאָט, דעם כרמל, דעם האַלבקרייזיקן ברעג, וואָס אין פּערספּעקטיוו פון כרמל-הויכעניש נעמט ער אַרום דעם ים אַזוי ווי מיט פונאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס. נישט דאָס אַליין אָבער איז געווען דער עיקר. אין דער אמתן — ער האָט עס זיך אַליין נישט געוואָלט מודה זיין — האָט ער געוואָלט זען געניאַ וואַקסמאַן. די אַמאָליקע געניאַ. ער האָט אַליין געלאַכט אין מחשבה: די אַמאָליקע?! איז עס דען מעגלעך? צי דען שטייט די צייט אויף אַן אָרט? אָבער קיין אַנדער געניאַ האָט ער דאָך נישט געקענט. ער געדענקט דאָך נאָר די אַמאָליקע.

אויף אַ נעבן-געסל צופוסנס פונעם כרמל האָט ער געפונען יענץ הויז לויטן אַדרעס. מיט נישט-זיכערע פינגער האָט ער אָנגעקלונגען אין אַ טיר. אין אַ פּאָר מינוט אַרום דערהערט ער פון יענער זייט טריט און —

אין דער געעפנטער טיר באַוויזט זיך עפּעס אַן אומבאַקאַנטע פרוי מיט אַ פאַרעלטערט, כמעט זקנהש פנים:

— צו וועמען?

— איך דאַרף צו פרוי געניאַ וואַקסמאַן.

— דאָס בין איך... מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

האַרצמאַן איז געבליבן שטיין אַ ווילע ווי געפּלעפט, אָן לשון: אויף אַזאַ באַגעגעניש האָט ער זיך בשום אופן נישט גערעכנט. אַזאַ ענדערונג האָט ער נישט דערוואַרט. די דאָזיקע פרוי מיטן אָפּגעצערט פנים, מיט די דינע קנייטשלעך דאָ-דאָרט אויפן שטערן און אויפן האַלדז איז געווען אַזוי ווייט פון יענער בליענדיקער געניאַ, אַזוי ווי פרילינג פון שפּעטן האַרבסט. „הזאת נעמי?"... — האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מוח. די דאָזיקע פראַגע האָט זיך שיער נישט אַראָפּגעגליטשט פון זיינע ליפּן.

— זאָגט זשע, מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — חזרט זי איבער.

האַרצמאַן האָט זיך ווי מיט כוח אַרויסגעריסן פון זיין פאַרלעגנהייט.

— זדראַאוסטוויטיע, געניאַ באַריסאָוונאַ! — רופט ער אויס עקסטראַ אין רוסיש, אַזוי ווי ער איז געווינט געווען זי צו רופן אין יענער אַמאָליקער צייט.

— קטאָ ווי? יאַ וואָס ניע אוזנאַיו. (ווער זייט איר? איך דערקען אייך נישט).

האַרצמאַן האָט אָנגערופן זיין נאָמען.

— איר געדענקט מיך? — פרעגט ער מיט אַן אומעטיקן שמייכל.

אַן איבערראַשטע און מיט דורכדרינגענדיקע בליקן האָט זי געקוקט אין זיין פנים, ווי וועלנדיק אַראָפּוואַרפן פון אים די שפורן פון יאָרן...

— אַך! סעמיאָן דאַווידאָוויטש! — רופט זי אויס — איצט דערקען איך אייך שוין. ס׳אַראַ גאַסט! ס׳אַראַ אומגעריכטער גאַסט! אָבער וואָס שטייען מיר ביי דער טיר? קומט אַריין, בבקשה! קומט אַריין.

ער גייט איר נאָך אויף טרעפּ אַרויף. זי פירט אים אַריין אין אַ באַשיידענער דירה.

— זיצט! זיצט! אָט דאָ אויף דעם פאָטעל איז מער באַקוועם. רעדט, דערציילט. פון וואַנען? פון וועלכע וועלטן? ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז איר וועט זיך אַזוי אומגעריכט באַווייזן? „קאַק ווידיעניע, קאַק סאָן“... (ווי אַ וויזיע, ווי אַ טרוים), — האָט זי פאַרענדיקט מיט איר אַמאָליקער רוסישער לעקסיק.

זי האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען. און איר שמייכל האָט אים יאָ דערמאָנט די אַמאָליקע געניאַ. איז אַוועק אַ הייטערער וואַרעמער שמועס ווי צווישן אַלטע גוטע פריינט. אויפן טיש האָט זיך באַוויזן כיבוד — מיץ (פרוכטן־זאַפט).

—טרינקט, בבקשה! אין אַ הייסן טאָג איז עפּעס בעסערס און געזינטערס נישטאָ. אפשר וועט איר עפּעס צובייסן?

— אָ, ניין. טרינקען יאָ. דאָ אין ישראל איז נישט אַזוי קיל ווי ביי אונדז דאָרט אין דער אַלטער היים. אין געדיכטן סאָסנע־וואַלד. איר געדענקט?...

דער שמועס האָט זיך לאַנג געצויגן. ביידע האָבן זיך בקיצור קעגנזיי־

טיק אינפאָרמירט וועגן זייערע אַדורכגעמאַכטע יאָרן. ביז מ׳איז צוגעקומען צו די גרויזאַמע חורבן־יאָרן. ווייסן שוין בײדע וואָס יעדערער פון זיי האָט פאַרלוירן. ווייס שוין געניאַ, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין אויף גאָטס וועלט; ווייס שוין אויך האַרצמאַן די פּרטים פון איר אלמנהשאַפט.

— איר מוזט זיך אוודאי וווּנדערן וואָס איך זע אויס אַזוי שלעכט. ס׳איז ערשט אַ יאָר מיט עטלעכע חדשים נאָך מיין אומגליק... — זאָגט זי, גליך ווי וועלנדיק זיך פאַרענטפערן פאַרוואָס זי איז אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן. — ווען איר טרעפט מיך פריִער, פאַר דעם אומגליק, וואָלט איר מיך יאָ דערקענט.

און אין אַ ווײלע אַרום גיט זי צו:

— אָבער איך אייך האָב אויך נישט דערקענט. אויך איר האָט זיך לחלוטין געענדערט. ווו איז אייער גערדיכטע טשופּרינע? איר האָט דאָך אַמאָל שיער נישט קאָנקורירט מיט אַפּאָלאָ... זעט אויס, מיין פריינט, די יאָרן טוען דאָס זייעריקע.

די דאָזיקע באַמערקונג אירע האָט האַרצמאַנען אַ ביסל אָפּגעקילט ווי מיט אַ קאַלטן דוש. עס האָט געהייסן, אַז אויך ער איז שוין קיין יונ־ גערמאַנטשיק; אַז אויך פאַר אים האָט זיך די צייט גערוקט און פאַרשריבן דעם חשבון אויפן פּנים; אַז ער דאַרף לגבי איר נישט שטיין אַזוי אין גרויסן. נישט זיין אַזוי פאַרנאַרט...

די אַלטע פריינטשאַפט האָט צעבונדן די צינגער. מ׳האָט דערציילט, דערמאָנט. דערמאָנט נעמען פון מענטשן פון זייער אַמאָליקן קרייז. מענטשן, וואָס זענען שוין נישטאָ. וואָס דער היטלער־גיהנום האָט פאַרלענדט. ווייס שוין אויך האַרצמאַן, אַז געניאַ האָט פון איר איינציקן זון צוויי אייניקלעך. „צוויי פּרעכטיקע צאַבערלעך" — ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט.

— האָט איר דאָך אויך נחת אין לעבן. איך אָבער... כ׳בין געבליבן איינער אַליין אויף גאָטס וועלט... — זאָגט האַרצמאַן אין אַן אומעטיקן טאָן.
— אַ סך אַזעלכע ווי איר זענען געבליבן, — וויל זי אים טרייסטן. — כ׳מיין אָבער, אַז דאָ אין נייעם לאַנד וועט איר אייער אויך לעבן באַנייען.

ער האָט טריב געשמייכלט, אַריינטראַכטנדיק אין אירע ווערטער: אפשר איז זי גערעכט, די געניאַ? אפשר? אין דער נסימדיקער מדינה וועט מיט אים אפשר אויך אַ נס געשען? ווער ווייס...

געניאַ האָט האַרצמאַנען פאַרהאַלטן אויף מיטאָג.

— ס׳איז ביי אונדז היינט אַ צייט פון צנע. דער מיטאָג וועט נישט זיין אַזאַ גלענצנדיקער. גאַנץ ישראל קוויקט זיך איצט — אָנשטאָט מיט פלייש — מיט דג מלוח (הערינג).

— צו שווערקייטן בין איך געוווינט. פאַרגעסט נישט, אַז מלחמה־צייט האָב איך דורכגעמאַכט די האַרבע סאָוועטישע שול... מ׳האָט מיט מיר דאָרט נישקשהדיק געקנעלט...

— דעם אמת זאָגנדיק, — צערעדט זיך געניאַ, — אין קיין לוקסוס האָבן מיר דאָ קיין מאָל נישט געלעבט. דער מאַן האָט געאַרבעט, איך האָב צוגעהאָלפן. מ׳האָט זיך אַן עצה געגעבן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער היים ביי טאַטע־מאַמע איז אַמאָל אַנדערש געווען. איר געדענקט דאָך אונדזער שטוב פון יענער צייט. מיין אַמאָליקע היים! גאָט, וואָס פון זיי אָלעמען איז געוואָרן!

זי האָט איבערגעריסן מיט אַ זיפץ און ווייטער גערעדט:

— יאָ, מיין מאַן... אַ ליטעראַר אידעאַליסט געווען. און מיט זיין אידעאַליזם האָט ער אויך מיך אָנגעשטעקט און מיר האָבן זיך באַנוגנט מיט אונדזער באַשיידן לעבן. מילא, איז נישט קיין סאַלאָן, איז נישט קיין שיינע מאָדערנע מעבל, איז נישט קיין פּיאַנאָ, קיין זילבער־געשיר, קיין טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע. אָבער מיר האָבן ביידע שטענדיק געהאַט דאָס געפיל, אַז מיר לעבן נישט בלויז פאַר זיך; אַז מיר בויען דאָס ייִדישע לאַנד. ציגל צו ציגל. אַז עפּעס וועט דערפון אַרויסקומען. און איר זעט דאָך — ס׳איז טאַקע עפּעס מקויים געוואָרן...

— איך האָב אייך גאָרנישט געקענט ווי אַזאַ אידעאַליסטקע, — באַמערקט האַרצמאַן. — איר זייט גאָר פאַרליבט געווען אין דער רוסישער פּאָעזיע.

— איך האָב אייך דאָך שוין דערציילט. דאָס איז צו פאַרדאַנקען דער השפעה פון מיין מאַן. איבעריקנס, פּאָעזיע מיט אידעאַליזם איז גאָרנישט קיין סתירה, — ענטפערט זי. — אויף אַלץ איז אַ צייט. מיין ליבע צו פּאָעזיע האָט מיך עד היום נישט פאַרלאָזט. זעט דאָרטן אויף דער ביכער־עטאַזשערקע. דאָרט וועט איר געפינען מיינע באַליבטע רוסישע פּאָעטן. און נישט נאָר רוסישע.

האַרצמאַן הערט זיך איין אין אירע רייד און קומט צום אויספיר: יאָ, די יאָרן האָבן אָפּגעווישט די שפּורן פון איר יוגנט, פון איר אַמאָליקן רייץ אַלס פרוי, — אָבער פאַרטיפט איר פערזענלעכקייט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער עטאַזשערקע און גענומען לייענען די נעמען פון די ביכער אויף די רוקנס: פּושקין, לערמאָנטאָוו, בלאָק, פּעט, פרוג, נאַדסאָן, באָדלער, שעלי, עדגאַר אַלאַן פּאָ, ביאַליק, טשערניכאָווסקי...

— יאָ, איך זע — זאָגט ער אין שפּאַס, — אַז „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט"...

דער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט ביי זיי מיט אַ געמיינזאַמען שפּאַציר. געניאַ האָט אַרומגעפירט האַרצמאַנען איבערן כרמל, געוויזן אים די שענסטע ווינקלען, פון וואַנען עס עפנט זיך די פּיטאָרעסקע פּאַנאָראַמע פון דער שטאָט און פון די ים־רחבותן. די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער. פּורפּור־פלאַמען האָבן אַרומגעכאַפּט דעם האָריזאָנט.

אַז דער אָונט איז צוגעפאַלן, האָט זיך האַרצמאַן וואַרעם געזעגנט מיט געניאַן און אָפּגערעדט זיך ווייטער צו באַגעגענען מיט איר ביי דער ערשטער מעגלעכקייט. מחמת אַלטער פריינטשאַפט האָט ער געפילט אין איר אַ היימישן מענטש. יאָ, אַלטע פריינטשאַפט און אַמאָליקע שפּילעריי... עפּעס בלייבט דאָך אין דער נשמה... און ביי איר, האָט ער קלאָר אַרויסגעפילט, האָט זיך אויך אויפגעוועקט אַ סטרונע... „איך האָף, אַז מיר זעען זיך גאָר אין גיכן"... — האָט זי געזאָגט, אַקצענטירנדיק די ווערטער. און דאָס מיינט אַ סך...

ווען דער „אגד"־אויטאָבוס האָט אים געטראָגן איבערן כביש פון חיפה קיין תל־אביב איז אים כסדר פאַר די אויגן געשטאַנען געניאַ. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן דער שאַרפער ענדערונג אין איר וועזן: פון דעם אַמאָליקן פלאַטער־מיידל איז אויסגעוואַקסן אַן ערנסטע פרוי, באַהויכט מיט אידעאַליזם. אַ פרוי מיט געזעצטקייט און כאַראַקטער. אַ פרוי אַ פאַרהאַרטעוועטע פונעם נישט גרינגן לעבן אויף דער פאַרוואָרלאָזטער ערד. וואָס פאָדערט קרבנות פון די, וואָס באַהעפטן זיך מיט איר...

צי וואָלט ער זיך אָבער געקאָנט איצט דערנענטערן צו געניאַן? — האַרצמאַן איז געשטאַנען פאַר אַ גרויסן פרעגצייכן.

ז

נישט צו שווער איז האַרצמאַנען אָנגעקומענע אין ישראל די „קליטה" — די איינגלידערונג אינעם לעבן. דאָ איז אים בייגעשטאַנען זיין שפּראַכקענטשאַפט. ער האָט אויך געקענט אַ היפּש ביסל העברעיש און האָט נאָר געמוזט אַדורכגיין אַ קורצן פּערפעקציאָנירונגס־קורס און באַלד דערנאָך האָט ער באַקומען אַרבעט ביי זיין מוזיקער־פאַך: געוואָרן לערער פון מוזיק אין אַ מיטלשול אין תל־אביב. ער האָט זיך אויך דערשלאָגן צו אַ שטיקל דירה — אַ באַשיידן קליין צימערל ביי אַ פאַמיליע.

די ערשטע צייט האָט אים פאַרשלונגען דאָס נייע לעבן. דאָס לעבן צווישן כולו ייִדן. אין אַ ייִדישער שטאָט, אין אַ ייִדישן לאַנד. ס'האָט אים פאַרכאַפּט דער אַרום, דער כלל. ער האָט געהאַט אַזאַ גוט געפיל און ס'האָט זיך אים אָפט געריסן אַ ברכה פון מויל. דאָס געפיל, אַז אין גאַס, אין אויטאָבוס, אין פּאַרק וועט ער זיך שוין נישט באַגעגענען מיט פיינטלעכע, שפּיזיקע בליקן האָט אים ממש געגלעט, געטרייסט. געגעבן אים אַ באַצאָלונג פאַר אַלע רשעותן מצד „ברידער"־קריסטן.

אמת, געווען אַ סך זאַכן אין דער מדינה, וואָס האָבן אים אַפילו שאָקירט. דער איבערטריבענער סנאָביזם ביי אַ געוויסן שיכט. פּראָטעקציאָניזם... אָבער ער האָט געפונען אַ זכות: אַ יונגע מדינה. יונגע פירער אָן מלוכהשער דערפאַרונג. דער כלל האָט אים אָנגעפילט מיט פרייד. די מענטשן, וואָס בויען און שאַפן; וואָס אַקערן און זייען... צעוואַקסן זיך ישובים און עס גרינען פעלדער... יאָ, דער כלל. דער פּרט אָבער — זיין פּערזענלעך לעבן — האָט אים מיט דער צייט אָנגעפילט מיט זאָרג. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן עלנט. יעדער איז דאָ פאַרנומען מיט זיך, מיט זיין פאַמיליע, מיט זיינע אייגענע זאָרגן — און ער איז אין די פרייע שעהען אַליין, תמיד אַליין. ער קומט אַריין אין אָוונט אין באַלעבטע קאַפעען אויף אַלענבי־גאַס, צי אויף דיזענגאָף־גאַס. ער זיצט צווישן יונג און אַלט; אָבער ער ביי זיין קאַפע־טישל איז אַליין און קיינער פון די דערנעבנדיקע טישלעך קוקט זיך נישט אום אויף אים און ער קערט זיך אום אַהיים צו די עלנטע פיר ווענט.

און ליגנדיק אָפט אַ שלאָפלאָזער אין די נעכט אויף זיין געלעגער האָט ער זיך דערטראַכט, אַז גענוג... גענוג דאָס „בראַדיאַגישע" לעבן. מילא,

ביז איצט, אין זיין נע־ונד, האָט ער זיך בכוונה נישט געוואָלט פאַרבינדן מיט קיין פרוי, כדי נישט שווערער צו מאַכן זיינע וואַנדערונגען מיט דער אחריות פאַר נאָך אַ וועזן. איצט אָבער... איצט איז ער שוין אין דער היים. יאָ, ישראל איז זיין היים. זיין לעצטע היים, ער וועט שוין פון דאַנען נישט אַוועקגיין ערגעץ אַנדערש זוכן גליקן. איז אויב אַזוי, פאַרוואָס נישט צו־ריקשטעלן, רעסטאַווּרירן זיין פּערזענלעך לעבן מיט אַ נאָרמאַלער שטוב, מיט אַ פרוי? ער פילט עס בחוש, אַז דאָס וואָלט געווען די איינציקע דער־לייזונג פון זיינע גייסטיקע פּלאָגענישן.

זענען פאַרביי וואָכן, חדשים. פאַר דער צייט האָט ער זיך באַקענט אויך מיט פרויען. דער עיקר אין דעם קרייז פון דער שול, ווו ער אַרבעט. אָבער ער האָט זיך ניט אַנגעשטויסן אויף אַזאַ, וואָס וואָלט אים געווען צום האַרצן... ער ווייס: ס׳קאָנען אַמאָל אַוועקגיין יאָרן איידער מ׳טרעפט פּונקט יענע, וואָס קאָן ווערן די געגאַרטע. אַמאָל ווידער, ווען דיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט זי שוין יאָ באַגעגנט — ביסטו כלל נישט איר געגאַרטער. ס׳איז אַ פאַרכי־שופטער קרייז. און זיך אַליין — גיט זיך האַרצמאַן אָפּ אַ חשבון — מוז מען דאָך זאָגן דעם אמת: ער איז דאָך שוין נישט דער, וואָס אַמאָל. דער זעקסטער צענדליק רוקט זיך ביסלעכווייז. אויף ווען זשע וואַרט ער? די יאָרן קומען נישט צוריק — — —

אין זיינע אַלע טראַכטענישן האָט זיך האַרצמאַן אומגעקערט צו דער איינער — צו יענער טאַקע, וואָס ווינט צופוסנס פון הר הכרמל — צו גע־ניען... „וואָס זשע נעמסטו זיך אַזוי צו־בער? — האָט ער ווי דערהערט אי־נעם הושך געניעס קול, — אַז סך־הכל ביסטו דאָך גאַר מיט אַ פאַר יאָר נאָך עלטער פון מיר. אויב איך זע אויס פאַרעלטערט — בין איך דאָך פאַר דיר אַ געטרייער שפּיגל: אויך דו גלאַנצסט שוין נישט מיט יוגנט. ביסט דאָך שוין אויך נישט יענער שיינער בחור מיט דער געדיכטער טשופּרינע אויפן קאָפּ ווי אַמאָל... מיט דיינע שיטערע האַלב־גרויע הערעלעך אויפן קאָפּ וועסטו שוין קיין יונגפרויאישע פעסטונגען נישט איינגעמען"...

און אין דער נאַכט־פינצטערניש האָט ער דערהערט אַ געלעכטער — געניעס געלעכטער. אַזאַ געלעכטער, וואָס ער האָט געהערט פון איר אַמאָל, אַמאָל, ווען זיי ביידע זענען יונג געווען, און די וועלט איז געווען אַזוי בלוי, אַזוי שיין — — —

און אַז ער איז שפּעט אין דער נאַכט אַנטשלאָפן געוואָרן האָט ער גע־

ניען געזען אין חלום. איצט, אין חלום, איז זי שוין פרישער, שענער, מיט מער לעבן אויפן פנים. אירע קנייטשלעך זענען פאַרשוווּנדן. זי איז שוין אַ פנים אין גאַנצן באַרויקט: וואָס די ערד נעמט צו, מוז פאַרגעסן ווערן.

און אַז ער האָט אין דער פרי געעפנט די אויגן, האָט ער דערגאַנצט מיט דער וואַכער מחשבה: „נו, יאָ. וואָס ווייטער פונעם אומגליק וועט גיכער זיך אומקערן צו איר נאָרמאַלן אויסזען — בעסער און יינגער. אַ פרוי פון אַ פּאָר און פופציק קאָן נאָך איצט אָנגיין פאַר יונג".

ח

אין איינעם אַ פרייען טאָג, ווען קיין לימודים אין זיין שול זענען נישט פאָרגעקומען, איז האַרצמאַן געזעסן אין פול־געפּאַקטן אויטאָבוס, וואָס איז געלאָפן איבערן כביש קיין חיפה. האַרצמאַן איז געווען יום־טובדיק געשטימט. ס'איז געווען אַ זוניקער פרימאָרגן. פון לינקס האָט געבלויט דער ים מיט זיינע רחבותן און פון רעכטס האָבן געבלאַנקט די ישובים. די וויי־סע הייזער האָבן, דאַכט זיך, דערציילט מיט נצחונדיקער פרייד וועגן אַ לעבן, וואָס גייט אויף; וואָס בויט זיך צווישן זאַמדן.

דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכטלעך, האָט האַרצמאַן ווידער אָנגעקלונגען צו געניען. דאָס מאָל איז ער צו איר געגאַנגען מיט מער קוראַזש, ווי איינער וואָס האָט שוין אַלץ אויסגערעכנט און אויסגעפּלאַנירט.

— כ'בין געקומען קיין חיפה געשעפטלעך. מיט אַ געוויסער מיסיע. — זאָגט ער איר באַלד נאָכן גריסן זיך מיט איר, ווענלדיק מאַסקירן די אמתע כוונה פון זיין איצטיקן וויזיט ביי איר.

— אַזוי? איר זייט שוין באַשעפטיקט? אויסגעצייכנט!

— טאַקע ביי מיין מוזיקער־באַרוף. אין אַ מיטלשול.

— זייט איר כאָטש צופרידן?

— בסדר.

— אויב „בסדר", איז בסדר. באַגריס איך איך. זאָל זיין מיט מזל.

— תודה רבה.

— איך זע, איר האָט שוין אַזוי שנעל איבערגענומען אונדזער רעדנס־אַרט.

ווידער האָט האַרצמאַן געהאַט אַ וואַרעמע אויפנאַמע אין געניעס באַ־

שיידענע היימישע דלד אמות. זי האָט דערלאַנגט טיי מיט עוגה (קוכן) און ס׳האָט זיך ווידער געוועבט צווישן זיי אַ פריינטלעכער שמועס.

— כ׳האָב אַזוי פיל געטראַכט נאָך אייער ערשטן באַזוך, — דערציילט זי אים, — ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט די אַמאָליקע זאָרגלאָזע צייט. איר געדענקט? די חברטעס מיינע: ליובאַ... דאָראַ... מינאַ... אַלע נעבעך אומגעקומען...

— נו, און אָן אונדזערע אַמאָליקע באַגעגענישן האָט איר זיך אויך דערמאָנט?... געדענקט איר ווי איר זייט איין מאָל געוועזן ביי מיר אין צימער?...

— יאָ, יאָ, ס׳דערמאָנט זיך... כ׳בין נאָך דאַן געוועזן אַ ציג...

האַרצמאַן קוקט איר אָן דורכדרינגענדיק. געניאַ זעט היינט אויס בעסער אין זיינע אויגן. בעסער און טאַקע אויך יינגער. איר געזיכט איז אַ ביסל פולער געוואָרן, נישט אַזוי אַפּגעצערט ווי פריער. די קנייטשלעך כמעט נישט אָנזעעוודיק. די בליקן לעבעדיקער, מונטערער. קלאָר, — טראַכט ער, — וואָס ווייטער פונעם אומגליק מיט איר מאַן, אַלץ מער באַרויקטער ווערט זי; אַלץ מער קומט זי צו איר גלייכגעוויכט. און מערקווירדיק! אַזוי האָט ער זי געזען נישט לאַנג אין חלום — ווי אַ באַנייטע. און נאָך אַ נייס זעט ער היינט אין איר: אירע ליפּן זענען אַ ביסל צוגעשמינקט. די ברעמען־בויגנס מיט אַ טונקעלן שטיפט סימעטריש קאָרעגירט. און דאָס רעדט שוין אַ סך וועגן איר געענדערטער שטימונג.

— נו, זייט איר כאָטש צופרידן דאָ אין אונדזער לאַנד? — פרעגט זי

— כ׳מיין, אַז גראָד איז איך נישט אָנגעקומען צו שווער דאָס איינאָרדענען זיך.

— יאָ, ריכטיק. אַלץ וואָלט געווען גוט און ווויל, ווען נישט...

— ווען נישט וואָס?

— ווען נישט דער עלנט. דער עלנט גייט אומעטום נאָך.

— יאָ, — חזרט זי איבער, — דער עלנט גייט נאָך. נאָכן גרויסן חורבן געבליבן אַ סך עלנטע.

און אין אַ ווײַלע אַרום ציט זי ווייטער דעם פאָדעם פון אירע געדאַנקען:

— גלויבט מיר, מיין פריינט, אַז נאָך מיין אומגליק האָב איך אויך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען פונעם גרויסן עלנט. כאָטש איך האָב אַ דערוואַקסענעם זון, צוויי אייניקלעך. די ערשטע וואָכן נאָכן אומגליק בין איך

געוועזן ביים זון אין תל־אביב. כ׳האָב בשום אופן נישט געקאָנט זיין אַליין צווישן די דאָזיקע ווענט. אָבער סוף־כל־סוף האָבן קינדער זייער אייגן לעבן. בין איך צוריקגעקומען אַהער. אַז מען קומט צו זיך אין די ווינקעלעך, איז מען טאַקע עלנט ווי אַ שטיין. עס רוקט זיך שוין אַזוי דאָס צווייטע יאָר. נו, האָב איך זיך אָנגעכאַפּט ווי אָן אַ רעטונגס־ברעט ווען ס׳האָט זיך געוויזן אַ גואל... יאָ, אַ גואל! אַ גוטער פריינט נאָך פון מיין מאַן ע״ה. אויך ביי אים איז מיט אַ געוויסער צייט צוריק געשען אַן אומגליק מיט זיין פרוי. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ער דאָ ביי מיר געזעסן און האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף זיין עלנט אָט אַזוי ווי איר... און... וואָס זאָל איך אייך דער־ציילן... מיר האָבן זיך דעררעדט וועגן אַ סוף מאַכן צו אונדזער ביידנס עלנט... ווי שפּעט איז איצט?

זי האָט אַ בליק געטאָן אויף איר האַנט־זייגערל:

— איר וועט אים באַלד זען. ער דאַרף שוין באַלד קומען.

האַרצמאַן איז געבליבן זיצן ווי געפּלעפּט. ער האָט זיך באַהערשט, נישט אַרויסצוווייזן זיין אַנטוישונג.

— יאָ, מ׳מוז זיך קאָנען ראַטעווען אין לעבן... — האָט ער באַמערקט מיט אַ געמאַכטן שמייכל, ווי וועלנדיק יוצא־זיין מיט אַ וואָרט.

אין דער רגע האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טיר.

— דאָס איז ער טאַקע, — זאָגט זי און איילט זיך עפענען.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ מאַן אין די זעכציקער, מיט אַ כמעט פולן פּליך אויפן קאָפּ. אָנגעטאָן מיט איבערגעטריבענער פּינקטלעכקייט.

— זייט באַקאַנט! — שטעלט געניאַ פאָר ביידע מענער.

יענער זעצט זיך היימיש ביים טיש, אויף וועלכן ער האָט אַנידערגע־לייגט אַן איינגעוויקלט פּעקעלע.

— וועסט טרינקען טיי? — פרעגט זי.

„זיי זענען שוין אַפילו פּער דו״... — בליצט דורך האַרצמאַנען אין מוח.

געניאַ ברענגט אַריין נאָך אַ גלאָז טיי, עפנט דאָס פּעקעלע און נעמט אַרויס פון דאָרט קיכעלעך און שאָקאָלאַד. זי לייגט עס אויס אויף אַ קלאָשל און לייגט פאָר האַרצמאַנען:

— בבקשה! זייט זיך מכבד.

— אַ דאַנק!

זיצן אַלע דריי ביים טיש און דער שמועס איז אַן אַלגעמיינער. יענער

— דער „חתן״ — איז באַריידעוודיקער און פאַרשיט האַרצמאַנען מיט קשיות און קלאָץ־קשיות. האַרצמאַן ענטפערט קאַרג — זיינע געדאַנקען זע־נען אין דער רגע צעשויבערט. דאָס גלייכסטע וואָלט פאַר אים געווען זיך אויפצוהויבן און אַוועקגיין; אָבער ס׳וואָלט אויסגעזען לעפּיש און אויפ־פאַלנדיק. און פאַר יעדן פּרייז ווילט זיך אים פאַר איר נישט זיין אין אַ נעבעכדיקער ראָל. האָט זיך האַרצמאַן אָפּגעמוטשעט אַ היפּשע צייט, שפּילנ־דיק די ראָל פון אַ גלייכגילטיקן. ביז ער האָט לסוף שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן און האָט זיך אויפגעהויבן צום אַוועקגיין.

— וואָס זשע איילט איר זיך? ס׳איז נאָך נישט שפּעט.

— ליידער מוז איך שוין גיין צום אויטאָבוס. כ׳מוז פּרי אויפשטיין.

— אַז איר וועט ווידער זיין אין חיפה, פאַרגעסט נישט מיין אַדרעס.

— האָט געניאַ אים גאַסטפריינטלעך געזאָגט. — אויב כ׳וועל זיך האָבן אי־בערגעצויגן פון דאַנען, דאַן וועט דער נייער לאָקאַטאָר אייך געבן מיין נייעם אַדרעס.

פאַר האַרצמאַנען איז קלאָר געווען צו וועמען זי דאַרף זיך איבערציִען...

— יאָ, זיכער, זיכער. תודה רבה, גברת געניאַ... להתראות!

און אויף דער גאַס, איילנדיק צוריק צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע פון „אגד״, האָט ער צו זיך אַליין גערעדט אין דער מחשבה מיט סאַרקאַזם:

„האָסט פאַרשפּעטיקט, שלים־מזל! דאָס איז די באַצאָלונג פאַר דיין אייביקן וואַקלען זיך״ — — —

די נאַכטיקע פייערן אויף די חיפהער גאַסן האָבן געווונקען צו אים ווי מיט חוזק און שפּאָט...

בוענאָס־איירעס, 1963

דער קבר ביים פענצטער

(פון ציקל: „דאָקומענטאַרע דערציילונגען“)

א

דערציילט האָט מיר די אויסטערלישע, ממש מאַקאַברישע, אָבער אמתע געשיכטע איינער אַ פּליט. כ׳האָב אים געטראָפן אין וואַרשעווער געטאָ נאָך מיין — און אויך זיין — צוריקקומען פון סאָוועט־רוסלאַנד. ווי די איינזאַמע שאָטנס האָבן די צוריקגעקומענע ייִדן־פּליטים אומגעבלאָנקעט צווישן די קופּעס ציגל און געזוכט. זיי האָבן געזוכט די שפּורן פון זייער חרובער היים, פון זייער חרובן לעבן... יעדער האָט געזוכט זיין גאַס, זיין שטוב, זיין הויף. אָבער אַלע גאַסן, אַלע הייזער, אַלע הויפן האָבן זיך אויסגעמישט אין איין וויסטן פּלאַץ פון גרוז, צעשטויסענע ציגל, צעפּיצלטע ווענט, קאַכלעס פון אויוונס, בלעכן פון דעכער, צעמורשטע מעבל, צעזייטע שטוב־און קיך־מכשירים, שיסלען, פּאַרזשאַווערטע פּאַנען, סקאָוואָראָדעס, לעפל... ווו־נישט־ווו האָט זיך געוואַלגערט אַן איבערגעקערטער צעבראָכענער „וויזעק“ (קינדער־וועגל), מיט די רעדלעך אַרויף. און נישט־ווילנדיק האָט זיך אַ טראַכט געטאָן: „און ווו איז דאָס קינד?“...

יאָ, ווו איז דאָס קינד? ווו זענען די ייִדישע קינדערלעך? ווו? אין וועלכע אויוונס האָט מען זיי געוואָרפן? — — —

ווי די פינצטערע שאָטנס האָבן זיי זיך אַרומגעדרייט, די פּליטים, דורך טויט און חורבן — — —

און אָט שטייענדיק אויף די חורבות פון מיין גאַס, פון מיין געוועזענער שוויענטאָיערסקאַ, זע איך ווי עס דערנענטערט זיך צו מיר מיט פּאַמעלעכע טריט איינער אַ ייִד, מ׳קאָן זאָגן נאָך אַ יונגערמאַן, אין אַ רוסישער

פופייקע און אין צעכליאַפּעטע אַרבעט־שיך. צוגייענדיק גאַר נאָנט פרעגט ער מיך:

— אפשר ווייסט איר ווו איז דאָ געווען די נאָוואָליפּיע?

— האַ, די נאָוואָליפּיע?

כ׳מאַך אים אַ חשבון: וויבאַלד מיר געפינען זיך איצט אויף שוויענטאָ־יערסקאָ, דאַרף עס דאָך זיין דאָ נישט ווייט: מ׳דאַרף זיך דורכשלאָגן דורך די קופּעס פון נאַלעווקעס און אַנהייב נאָוואָליפּקי, דורכן פשעיאַזש און דאַן — רעכטס צו נאָוואָליפּיע.

— וועמען האָט איר דאָרט געהאַט אויף נאָוואָליפּיע? — פרעג איך.

— אַ שוועסטער. אַ יינגערע שוועסטער מיט איר משפּחה. יאָ, געהאַט... מיר האָבן אַלע געהאַט...

מיר טוישן זיך מיט נאָך עטלעכע פראַזן און מיר קריכן שוין ביידע צוזאַמען. ס׳איז גלייכער נישט צו זיין צופיל אַליין אין געטאָ. די פּוילישע כוליגאַנעס לויערן אומעטום ווי די רויב־פייגל אויף יידן. נישט איין ייד שוין געפונען אַ דערשטאָכענעם. ווער פון די כוליגאַנעס עס טוט עס מיט רויב־צוועקן, ווער סתם פון הנאה, וועגן אַוועקצולייגן אַ „זשידעק“. אַ נישט־דערקוילעטן.

אויפן וועג קריכן מיר אַריין אין חרובן קראַשינסקיס גאָרטן, ווו עס וואַלגערן זיך ביימער אויף דער ערד.

— קומט, לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן, — לייגט פאָר מיין מיטגייער, אָנווייזנדיק אויף אַ דיקן שטאַם פון אַ ליגנדיקן ריזן־בוים. ער זעצט זיך דער ערשטער.

— דאָ איז נישט אַזוי זיכער צופיל צו פאַרברענגען. איר ווייסט דאָך, די כוליגאַנעס לויערן אויף יידן.

— שרעקט זיך נישט. איר זעט? אַן דעם ריר איך זיך נישט.

ער האָט אַרויסגעצויגן פון דער הויזן־קעשענע אַ היפּשן נאַגאַן. ס׳איז מיר געוואָרן אַ ביסל אומהיימלעך, קוקנדיק אויף דער דאָזיקער „כלי“.

— זייט פאַרזיכטיק. איז ער אָנגעלאָדן?

— ער איז שטענדיק ביי מיר אָנגעלאָדן.

— איז אייך שוין אויסגעקומען צו מאַכן פון אים געברויך?

— יאָ, איין מאָל נאָר...

ווערט מיר נאָך מער אומהיימלעך. קוק איך אים אָן שווייגעוודיק.

גלוסט זיך מיר וויסן ווער איז ער? וואָס איז ער, אָט דער צופּעליק־באַ־געגנטער יונגערמאַן?

זיצן מיר שוין ביידע אויף דעם דיקן שטאָם און מיר צערײדן זיך. ער ווייס שוין אויך — פון מיינע ענטפערס — ווער איך בין און ער ווערט אָפנהאַרציקער. איך שפיר, אַז עס גלוסט זיך אים זיך אַראָפּריידן פון האַרץ.

— איר זעט? — טוט ער מיר אַ ווייז אַ גאָלדענעם רינג אויף זיין פינגער.

— צו וואָס ווייזט איר מיר דאָס?

— דעם דאָזיקן רינג מיט די איניציאַלן „ב. פ." — קוקט אָן — האָב איך אַראָפּגענומען פון דער טויטער האַנט פון מיין ברודער. איר זענט דאָך אַ שרייבער. איר מעגט עס פאַרשרייבן לזכרון...

כ'בין געוואָרן שטאַרק פאַראינטריגירט. כ'בין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געהער. ווייס איך דאָך שוין, אַז יעדער גראַטעוועטער ייִד טראָגט אין זיך אַזוי פיל פּיין און יסורים, און נישט איינער פון זיי איז אַ העלד פון די טראַגישסטע און אויסטערלישסטע פּאַסירונגען.

און יענער האָט דערציילט. ווי אַ שטראָם האָבן זיך די ווערטער פון אים געגאָסן. און נישט נאָר ווערטער — שטיקער האַרץ האָב איך אין זיי אַרויסגעפּילט. זיינע אויגן זענען פון צייט־צו־צייט פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן.

און וואָס ער האָט מיר דערציילט האָט זיך איינגעשניטן אין מיין זכרון.

ב

בערל פּ. האָט פאַר דער מלחמה געוווינט אין סאָקאָלאָוו. אַן אָפּשטאַמי־קער איז ער געוועזן פונעם שטעטעלע מאָנקעביט, וואָס ער האָט פאַרלאָזן נאָך דער חתונה. אין מאָנקעביט האָט ער איבערגעלאָזט זיין גאַנצע פאַר־צווייגטע משפּחה: טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, פעטערס און מומעס, קוזינען. פלעגט עס אים תמיד ציִען אַהין און ביי יעדער געלעגנהייט, ביי אַ שמחה, צי אַ באַזונדער יום־טוב פלעגט ער אַריינפאַלן צו זיי. און ווייט איז דאָך זיין היים־שטעטל אויך נישט געווען, האָט ער שטענדיק געקאָנט שטילן זיין בענקשאַפט צו זען זיך מיט זיינע נאָנטע און היימישע, צו זיין מיט טאַטע־מאַמע אין די אַלטע היימישע ווינקעלעך, ווו זיינע קינדער־ און

יוגנט־יאָרן זענען פאַרביי; צו כאַפּן אגב אַ שמועס מיט זיינע אַמאָליקע חברים, וואָס זענען אויך געוואָרן אַזוי ווי ער דערוואַקסן און טאַטעס פון קינדער.

דער שטורעם פון מלחמה האָט בערלען פאַרוואָרפן אין רוסלאַנד. אים אַליין, אָן זיין משפחה, אָן זיין פרוי און צוויי קינדערלעך. לכתחילה האָבן אַלע געמיינט, אַז צו פרויען און קינדער וועלן די דייטשן זיין „דזשענ־טעלמעניש" — — —

אין רוסלאַנד האָט מען אים, גלייך ווי די אַנדערע הונדערטער טויזנ־טער פּוילישע יידן, „געראַטעוועט" אויף פאַרשיקונג אין די טייגעס פון קאַלטן סיביר, ביי עבודת פרך. אַ מענטש נאָך גאָר אַ יונגער, האָבן אים געקלעקט כוחות איבערצוטראָגן דאָרט אַלע פּלאָגן, הונגער, קעלט, קראַנ־קייטן, און בעת דער אַזוי גערופענער „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע" איז ער אויך באַפרייט געוואָרן פון לאַגער, און שפּעטער, ביי דער רעפּאַטריאַציע, איז ער גלייך פון די ערשטע צוריקגעקומען מיט אַן עשאַלאָן אויף די חורבות פון פּוילן.

דער עשאַלאָן האָט אים קודם געבראַכט קיין וואַרשע. דאָס חרובע וואַרשע האָט אים דערדריקט און דערשלאָגן. נאָכן אויסווייינען זיך גוט אויף די קופּעס ציגל אין וואַרשעווער געטאָ האָט ער זיך איינגעשאַפּט אַ גוטן נאַגאַן און זיך אַוועקגעלאָזט אין זיין סאָקאָלאָוו. אָן אַ נאַגאַן, ווייס ער, קאָן מען זיך נישט רירן אין אַזאַ וועג... די פּוילישע כוליגאַנעס ווילן דווקא פאַרענדיקן די „אַרבעט", וואָס די דייטשן האָבן נישט באַוויזן אין פולע הונ־דערט פּראָצענט. אין סאָקאָלאָוו האָט ער נישט געטראָפן קיין שפּור — נישט פון זיין הויז, נישט פון זיין פאַמיליע, נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד, קיין רינד. אַ שטעטל לחלוטין אָן יידן. אין די אַלע יידישע שטיבער — גויים, גויים! — — —

האָט ער זיך ווידער אויסגעוויינט און זיך פון דאָרט אַוועקגעלאָזט מיט אַ צעבראָכן האַרץ אין זיין היים־שטעטל — אין מאָנקעביט. ער האָט, פאַר־שטייט זיך, שוין נישט געהאַט קיין האָפענונג אין האַרצן צו טרעפן דאָרט זיינע נאָנטע; נאָכן אָנקוקן די וואַרשעווער געטאָ, נאָכן באַזוכן . סאָקאָ־לאָוו איז שוין דער לעצטער שיין פון האָפענונג פאַרלאָשן געוואָרן. פון דעסטוועגן האָט עס אים געצויגן אַהין, צו זיין מאָנקעביט. עס האָט זיך אים

מוראדיק געגלויסט כאָטש אָנקוקן די הימישע ווינקעלעך. איז ער אַוועק אַהין מיט ציטער, מיט פלאַטער אין האַרצן.

און, פאַרשטייט זיך, מיטן נאַגאַן אין קעשענע.

געקומען אין שטעטל, אין זיין אַמאָליקן ידישן מאָנקעביט, האָט ער קיין ידיש פּנים נישט אָנגעטראָפן אויף דער גאַס. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אַ גרופּע פּליטים דאַרפן דאָ יאָ ערגעץ זיין; אָבער זיי האָבן אַ פּנים מורא זיך צו ווייזן צופיל אין גאַס...

שוידערנדיק אין גאַנצן און מיט וואַקלדיקע טריט איז ער אַוועק צו זייער געסל, צו זייער שטוב. צי וועט ער זי נאָך טרעפן? צי איז זי נישט פאַרברענט? ווו־נישט־ווו זעט ער נאָר חרובע ווענט, קופּעס ציגל.

יאָ, זי שטייט נאָך, זייער הייזקע. ער דערקענט זי פון ווייטן. מער נישט דער דאַך איז געוואָרן אויסגעקרימט און נידעריקער, ווי איינגעקאָרטשעט. די הילצערנע ווענט טונקעלער, מרה־שחורהדיקער.

מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ איז ער צוגעפאַלן צום פענצטער און פאַר־קוקט — פאַרשטייט זיך, גוייִשע פּנימער! איז ער שטיין געבליבן אַ פאַר־גליווערטער. און איידער ער האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח אַריינצוגיין אי־נעווייניק, איז פון דאָרטן אַרויסגעקומען אַ בחור, אַ ידיש בחורל. ער קוקט אים אָן שטאַר — אַ קענטלעך פּנים! אויך דאָס בחורל האָט אים אָנ־געקוקט פאַרחידושט.

— בערל! — שרייט מיט אַמאָל אויס דאָס יינגל.

בערל קוקט אים נאָך שטאַרקער אָן און דערקענט — זיין קוזין.

— חיים־מרדכי! — רופט בערל אויס אַ צעצאַפּלטער.

ער פאַלט דעם בחורל אויפן האַלדז און ביידע צעכליפּען זיך. בערל געדענקט דעם קוזין נאָך ווי אַ צוציק. אַ צוועלף יאָר סך־הכּל אַלט געווען, ווען ער האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזען פאַר דער מלחמה. איצט דאַרף ער שוין אַלט זיין אַ יאָר אַכצן־ניינצן. שוין אַ פאַלנער מענטש.

אַז בערל האָט זיך באַרויִקט פון זיין ערשטער איבעררעשונג האָט ער גענומען אויספרעגן זיין קוזין וועגן אַלץ און יענער האָט אים דערציילט, דערציילט. געעפנט פאַר אים אַ גאַנצע מגילה. ער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט פון זיין קוזין, כאָטש די ווערטער זענען געפאַלן אויף זיין האַרץ ווי סם. אַלץ אין אים האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים. איז ער איצט געוואָר געוואָרן, אַז פון דער גאַנצער משפּחה אין מאָנקעביט איז קיינער נישט גע־

בליבן, סיי דעם קוזינס טאַטע־מאַמע, סיי בערלס עלטערן, סיי אַלע אַנדערע פון די נאָנטע קרובים זענען אַוועק מיטן ערשטן עשאַלאָן קיין טרעבלינ־קע. ער אײנער, דער קוזין, האָט זיך דורך אַ נס אַרויסגעדרייט פון עשאַ־לאָן און אַנטלאָפן אין פעלד. עטלעכע מעת־לעת האָט ער זיך אומגעדרייט איבער די פעלדער ביז אַ פויער האָט אים אָנגעטראָפן — גראָד אַ באַקאַנ־טער פויער, פאַר וועמען זיין טאַטע, דער שניידער, האָט לעצטנס אויפגעּ־נייט אַ שעפסן־פעלץ. דער פויער האָט אויף אים רחמנות געקריגן און ביי־נאַכט אַריינגענומען צו זיך אין כאַטע, אין דעם שכנותדיקן דאָרף. ער האָט פאַר אים איינגעאָרדנט אויפן בוידעם אַ קליינעם בונקער, וווּהין ער פלעגט פאַרקריכן אין שעהען פון סכנה. ער פלעגט דעם פויער העלפן אין זיין שטוב־ווירטשאַפט, אין שטאַל ביי דער בהמה און ביי די חזירים און כשר פאַרדינט זיין שטיקל ברויט. און אַזוי האָט ער איבערגעלעבט ביז דער באַפרייונג.

— און ווער וווינט דאָ איצט אין אונדזער שטוב? — פרעגט בערל דעם קוזין. — און וואָס טוסטו דאָ איצט?

— פראַנצישעק פון הינטער דער מיל. געדענקסט אים? נישט קיין שלעכטע מענטשן. זיי לאָזן מיך אַמאָל איבערנעכטיקן; זענען מיך מכבד אַמאָל מיט אַ שיסעלע זופּ. כ'בין דאָ מיט עטלעכע ייִדישע פאַמיליעס אין דער אַלטער שול.

בערל איז לסוף אַריין אינעווייניק. ער איז אַריין אַ שטומער, אַ שוויי־געוודיקער. אַפילו קיין „דזיען דאָברי" נישט געקאָנט אַרויסריידן. די צונג איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען. ער האָט אַרומגענומען מיטן בליק די ווענט. עס שטייט נאָך זייער אַלטע קאָמאָדע, דער אַלטער אַלמער. זיין טאַטנס ספרים־שענקל. איצט זעט ער שוין נישט קיין ספרים אין אים, נאָר פּראָסטע פויערישע קיך־מכשירים, ליימענע כלים, הילצערנע לעפל. אויבן אויפן אַלמער סטאַרטשעט אַ צלמל אויף אַ הילצערנעם געשטעל. און פון ווינקל קוקט אַרויס די „הייליקע מאַמע" מיטן קינד אויף די אָרעמס...

די פויערטע קוקט אים אָן. זי קען אים נישט, אָדער מאַכט זיך, אַז זי קען אים נישט. ווייל אַלע מאָנקעביטער — ייִד צי קריסט — קענען זיך דאָך. און ער, בערל, איז דאָך ביז צו דער חתונה געווען אין שטעטל, און אַפילו נאָך דער חתונה געווען אַן אָפטער גאַסט ביי טאַטע־מאַמע. קוקט ער

זיך צו צו די היימישע פּאַרפּרעמדטע ווינקעלעך און אונטערן האַרצן גייט אים פּלוצלינג אונטער אַ שוואַכקייט. אַט נאָך אַ רגע און ער פּאַלט.

בערל לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ דערבייאיק בענקעלע און בעט ביים קו־זין — נישט ביי דער פּויערטע — אַ טרונק וואַסער. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז דאָס האַרץ שטעלט זיך אים אָפּ.

נאָכן קומען צו זיך האָט ער זיך פּאַוואָליע צערעדט מיט דער פּויערטע. עס איז אויך אָנגעקומען דער פּויער — פּראַנצישעק פון הינטער דער מיל, — וועמען ער געדענקט זייער גוט. יענער האָט זיך אויך געמאַכט, אַז ער קען אים נישט. און בעת בערל האָט אים געזאָגט ווער ער איז, האָט פּראַנ־צישעק געמיינט, אַז ער איז עס געקומען צונעמען זיין כאַטע און ער איז אַרויס מיט לשון:

— די כאַטע האָב איך אָפּגעקויפט ביי די דייטשן... אַ פּאַרמעגן באַ־צאָלט...

בערל האָט זיך דערויף נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. יענעמס רייד האָבן אים געשניטן ווי מיט טעמפּע מעסערס. „מיין טאַטנס יורשים"... — האָט עס אים געבריט. — כלומרשט ביי די דייטשן אָפּגעקויפט...

ער האָט אָבער אין כאַטע נישט געקאָנט איינזיצן. עס האָט אים גע־הויבן אין דער לופטן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט.

— קום! — רופט ער אויס צום קוזין און ציט אים פאַרן אָרעם.

זיי זענען אַרויס. ער, בערל, פאַרויס, פאַרזונקען ווי אַן אָבל, און דער קוזין ביי דער זייט. אַזוי האָבן זיי געשפּאַנט איבערן געסל.

— ווייסטו וואָס מיט הערשלען איז געשען? — פרעגט פּלוצלינג דער קוזין.

דערהערט דעם נאָמען פון זיין ברודער, איז בערל ווי אויפגעציטערט גע־וואָרן. ער ווייס, אַז זיין יינגערער ברודער הערשל איז צוזאַמען מיט אים אין אָנהייב פון דער מלחמה אַנטלאָפן אויף דער סאָוועטישער זייט. שפּע־טער, בעת דער דייטש־סאָוועטישער מלחמה, איז דער ברודער גענומען געוואָרן אין דער רויטער אַרמיי. אַ לאַנגע צייט האָט ער אין רוסלאַנד פון אים נישט געהערט.

— רעד! דערציילן! — בעט ער זיין קוזין.

און דער קוזין האָט האַלב־שטאַמלענדיק, מיט אָפּגעהאַקטע פראַזן, גע־נומען ריידן:

— הערשל איז דאָ געווען...

— געווען? ווען? ווו זשע איז ער איצטער? רעד זשע.

— ער איז געווען... נאָך דער באַפרייונג.

— טאָ ווו זשע איז ער איצט?

דער קוזין שוויגט. די ווערטער זענען אים שטיק געבליבן אין האַלדז.

— כ׳בעט דיך, חיים־מרדכי, רעד!

— הערשל איז שוין נישטאָ... נישטאָ...

— נישטאָ?!

— מ׳האָט אים דערהרגעט...

— נאָך דער באַפרייונג?!

— נאָך דער באַפרייונג... די פּאָליאַקן...

בערל האָט אין שטומען צער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ היפּשע צייט געשוויגן. אַז ער איז צו זיך געקומען האָט ער מיט אַ געבראָכענער שטים אַרויסגערעדט:

— כ׳בעט דיך, דערצייל מיר ווו, ווען, ווי אַזוי איז עס געשען?

און דער קוזין האָט אים איבערגעגעבן די פּרטים:

— קורץ נאָך דעם ווי די רויטע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשן פון אונדזער געגנט האָט זיך הערשל אַראָפּגעכאַפּט קיין מאָנקעביט. ער איז שוין געווען אַ באַפרייטער פון דער אַרמיי און איז געקומען באַזוכן זיין היים־שטעטל. ער האָט אים געטראָפן טאַקע דאָ אין זייער כאַטע, ווו אויך זיי האָבן זיך אָקאָרשט באַזעגנט. פון דאַנען איז הערשל אַוועק אין דאָרף קשיפּיעס, צו זיין סאַבינען — זיין געליבטער פויערים־מיידל פון פאַר דער מלחמה... נו, און דאָרט אין דאָרף איז געשען דאָס אומגליק...

דער קוזין האָט אים ביסלעכווייז דערציילט מער פּרטים; אָבער בערלען האָט תיכף אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: „ער מוז זען סאַבינען! ער מוז פון איר אַליין אַלץ געוואָר ווערן!“

ג

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט זיך בערל אַוועקגעלאָזט צופוס אויף דעם דאָרפישן וועג צו יענעם שכנותדיקן דאָרף — צו קשיפּיעס. סך־הכל געציילטע קילאָמעטערס פון שטעטל. פון ביידע זייטן וועג — די רחבותדיקע

גרינקייט פון די אַלט־באַקאַנטע היימישע פעלדער און לאַנקעס. איצט פרייט עס נישט זיין פאַרקלעמטן געמיט. פון צייט צו צייט, בעת ער האָט עמיצן באַמערקט אין דער ווייטנס — פוסגייער צי פאָרער — האָט ער אָפּ־געבייגט פון וועג און איז געגאַנגען מיט זייטיקע שטעגלעך, וואָס ער קען זייער גוט. ער האָט עס געטאָן מיט אַ כיוון: דער דורשט פון די צעיושעטע פוילישע כוליגאַנעס נאָך ייִדיש בלוט איז אַלץ נישט איינגעשטילט און מ׳מוז זיין פאָרזיכטיק. כאָטש אין קעשענע האָט ער געהאַט זיין „באַשיי־צער", פון דעסטוועגן איז גלייכער אויסצומיידן די סכנות.

בערל קען אויך סאַבינען, אירע עלטערן. איר פאָטער איז אַ גוטמוטי־קער פויער. ער ווייס גענוי ווו זיי וווינען. געוועזן אַפילו עטלעכע מאָל ביי זיי אין כאַטע. גראָד אין יענער כאַטע הינטערן דאָרף. איז בערל גלייך אַהין צוגעקומען און אַן עפּן געטאָן די טיר. סאַבינע האָט, דערזעענדיק אים, זיך צעהעשעט. די מאַמע אירע האָט זי קוים איינגענומען.

און דאָ ערשט איז בערל אַלץ געוואָר געוואָרן. אַלע דעטאַלן, אַלע פּרטים פונעם אומגליק. ער איז אָפּגעזעסן שעהען־לאַנג מיט סאַבינען, ביז אין אָוונט אַריין, און זי כסדר אויסגעפרעגט און אויסגעהערט. סאַבינע האָט גערעדט און זייער אָפט האָט זי אָפּגעריסן: טרערן האָבן איר כסדר געוואָרגן.

פון אירע רייד וויקלט זיך אַלץ בולטער פונאַנדער די טראַגישע גע־שיכטע פון זיין ברודער.

אַלע אין פויערים־שטוב האָבן הערשלען זייער ליב געהאַט. אַז ער איז געקומען, ווי אַ גאַסט פון „יענער וועלט", האָבן זיך אַלע מיט אים דער־פרייט. סאַבינע האָט נאָך אים געהאַט אירע אויגן אויסגעווײנט. מ׳האָט אים אין דער כאַטע אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. סאַבינע האָט געציטערט איבער זיין לעבן און זי האָט אים קיין טריט פון שטוב נישט געלאָזט אַרויסשטעלן. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז שלעכטע מענטשן טשאַטעווען אויף ייִדישע לעבנס. באַרויבן זיי, מאָרדן זיי. נאָך די „שוואַבן" האָבן די היימישע חיות־רעות געוויזן, אַז זיי קאָנען די מלאכה פון מאָרד נישט ערגער פון יענע רוצחים.

— אַז מענטשן האָבן זיך אָפּגעקערט פון דערלייזער און דער הייליקער מוטער... — האָט סאַבינעס מוטער זיך געצלמט, צוהערנדיק זיך צו סאַ־

בינעס רייד, בעת זי האָט אויסגערעדט איר שווער האַרץ פאַר „הערשקאָס“ ברודער.

סאַבינע דערציילט אים אויך, אַז איר טאַטע האָט מתרה געווען אין דאָרף, אַז אויב עמיצער וועט וואַגן אויפצוהויבן אַ האַנט אויף „הערשקאָן“, וועט ער אונטערצינדן דאָס גאַנצע דאָרף.

און ס'וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען „הערשקאָ“ וואָלט נישט געווען אַזאַ עקשן. ווען ער וואָלט געפאָלגט סאַבינען.

געווען איז עס אין איינעם אַ פאַרשאָלטענעם טאָג. „הערשקאָ“ איז גע־זעסן ביים פענצטער און פלוצלינג דערזען ווי עס גייען פאַרביי אין דער ווייטנס צוויי ייִדישע קינדער — אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן.

— סאַבינאָ! — רופט ער אויס און שטעלט זיך אויף — איך מוז אַרויס־גיין! זעסט די קינדער!

— יעזוס־מאַריאַ, גיי נישט! — האָט זי זיך ביי אים געבעטן און אים צוגעהאַלטן ביים אָרעם, ווייסנדיק פון די סכנות פאַר אַ ייִדן אויף די וועגן.

— ניין, איך מוז! דאַכט זיך, דאָס זענען מיין מומעס קינדער.

עס האָט אַ ביסל געדויערט דאָס אַמפּערן זיך מיט סאַבינען, און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער שוין די קינדער נישט באַמערקט. האָט ער זיי גענומען אַרומזוכן, געגנישטערט רעכטס, לינקס פון דער כאַטע — ביז...

פון ערגעץ זענען אויסגעוואַקסן אַ פּאָר כוליגאַנעס. עס האָט אַ קנאַל געטאָן אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער. „הערשקאָ“ איז געטראָפן געוואָרן און איז אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. סאַבינע האָט, שטייענדיק פאַר דער כאַטע, אַפילו באַמערקט דעם שיסער. דאָס איז געווען אַ היימישער שייגעץ, דער געשטופּלטער יענדריק, וואָס פלעגט אַמאָל אַריינקומען צו סאַבינעס פאָטער צו טאָן עפּעס אַן אַרבעט, אָדער פלעגט ברענגען פון דער אָזיערע פיש צום פאַרקויפן.

— אָ, יעזוס מאַריאַ... — האָט זיך סאַבינע רעכט צעכליפּעט ביים סוף פון איר דערציילן.

אַז זי האָט זיך באַרויִקט, האָט בערל זי אַ פרעג געטאָן:

— נו, און דיין טאַטע? דיין טאַטע האָט דאָך געוואָרנט, אַז ער וועט אונטערצינדן דאָס דאָרף?

— דאָס האָט די מאַמע אים איינגעהאַלטן. זי האָט זיך געשראָקן פאַר

אַן אומגליק אויף אונדזער כאַטע. מען וואָלט דאָך אונדז אַלעמען אויסגעשאָכטן, אַז מענטשן זענען שלעכט געוואָרן ווי די וואַלד־חיות.

— קום! — שטעלט זי זיך אויף און נעמט אַן בערלען פאַרן אָרעם — קום, כ׳וועל דיר עפּעס ווייזן.

און זי האָט אים אַרויסגעפירט פון שטוב און צוגעפירט צום אַרומגעצאַמטן בלומען־גערטנדל וואָס ביי איין וואַנט פון דער כאַטע.

— זעסט? דאָ איז דער קבר פון „הערשקאָ״!...

בערל איז אַ פאַרגליווערטער צוגעפאַלן צום פאַרקאַנדל: פאַר זיינע אויגן — אַ בערגל אין גרינס און בלומען. אַ סך בלומען. אַ בערגל אונטערן סאַמע פענצטער... ביים צוקאָפּנס פון קבר — אַ קליינער פלאַכער שטיין מיט איין־איינציקן אויסגעקריצטן וואָרט: „הערשקאָ״...

בערל האָט געשטומט, געקוקט מיט שטאַרע אויגן און געשטומט, און סאַבינאַ האָט גערעדט:

— ווייסט דאָך, בערקאָ, כ׳האָב „הערשקאָן״ ליב געהאַט ביז משוגעת. כ׳האָב זיך מיט אים נישט געקאָנט שיידן אַפילו טויטערהייט... כ׳מוז אים האָבן אָט־אָ־דאָ נעבן זיך... טאָג און נאַכט... דער טאַטע האָט מיר נישט געלאָזט אים דאָ צו באַגראָבן; אָבער כ׳האָב געוויינט, געקלאָגט. די מאַמע האָט זיך אַריינגעמישט און מ׳האָט מיר נאָכגעגעבן.

ד

נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט אין דער פויערישער כאַטע האָט בערל געזאָגט צו די בני־בית:

— טוט עס מיר, איך בעט אייך. איך מוז כאָטש איין מאָל אַ קוק טאָן אויף מיין ברודער.

און די גוטמוטיקע מענטשן האָבן עס אים צוליב געטאָן. באַלד אינעם פרימאָרגן האָט בערל צוזאַמען מיטן פויער אויסגעגראָבן דעם קבר, אָפּגעשאָטן אַן אַ זייט די ערד און צוגעקומען צום קאַסטן. דער פויער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין גרוב און אַן עפן געטאָן דאָס דעקל...

און בערל, אין גאַנצן אַ פאַרגליווערטער, האָט דערזען מיט זיינע אייגענע אויגן:

הערשל!... ער איז נאָך געווען גאַנץ. ערשט אַ האַלב יאָר דאָך נאָך זיין טויט. ער איז געלעגן אין אַ כאַקי־אַנצוג, ווי אַ שטיק טונקעלער בראַנדז... אַן איינגעשרומפּענער, מיט אַן אָפּגעצויגן שוואַרצלעך פּנים. פון אַ דינעם פינגער אויף זיין ביינערדיקער האַנט האָט געגלאַנצט אַ גאָלדן רינגל.

— נעמט אַראָפּ פון אים דאָס רינגל, כ׳בעט אייך... — שטאַמלט אַרויס בערל.

דער פויער האָט דאָס געטאָן און דערלאַנגט בערלען. אויפן רינגל זע־נען געווען צוויי איניציאַלן: „ב. פּ.״ — בערלס ראשי־תיבות... דאָס איז טאַקע געווען באַשטימט ווי אַ מתנה פאַר אים, פאַר בערלען, צו זיינעם אַ יום־טוב. נאָר הערשל האָט עס מחמת דעם מלחמה־אויסברוך נישט באַוויזן אים אָפּצוגעבן. אָבער געוווּסט האָט בערל, אַז ער גרייט עס פאַר אים.

די כליפּענדיקע סאַבינע, וועלכע מ׳האָט נישט געקאָנט בשום אופן צו־נעמען פון פּלאַץ, האָט נאָך דערמאָנט, אַז אין איינעם פון זיינע טאַשן אי־נעם רעקל ליגט ביים טויטן אַ גאָלדענע רוסישע מטבע. זי האָט עס נישט געוואָלט צונעמען פאַר זיך און עס געלאָזט מיט אים אין קבר.

— דאָס זאָל בלייבן, — זאָגט בערל. — איך נעם נאָר מיין רינגל... זיין מתנה...

און מ׳האָט באַלד צוריק פאַרמאַכט דעם קאַסטן און פאַרשאָטן דעם קבר. אויפן בערגל האָט סאַבינאַ ווידער זאָרגעוודיק אויסגעשפּרייט בלו־מען, אַ סך בלומען, ווי פריִער פאַרן אויסגראָבן.

בערל האָט דאַן אויסגעפרעגט סאַבינאַן גענוי ווו עס איז די כאַטע פון יענעם שייגעץ, דעם „געשטופּלטן יענדריק״ — דעם רוצח פון זיין ברודער. זי האָט אים צוגעפירט אַהין און פון דערווייטנס אָנגעוויזן.

— אָט דער! אָט! אָט! דאָס איז ער טאַקע... — רופט זי פּלוצלינג אויס.

דער „געשטופּלטער יענדריק״ איז עס פּונקט אין דעם מאָמענט אַרויס פון דער כאַטע און זיך געלאָזט איבערן געסל פון דאָרף. בערל האָט זיך אין אים איינגעשניטן מיט די בליקן און אים גוט אַריינגענומען אין זכרון.

און נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט זיך בערל געזעגנט מיט סאַבינען, מיט אַלע שטוביקע און מיטן קבר פון זיין ברודער — מיטן בערגל הינטער סאַבינאַס פענצטער... ער האָט אָפּגעריסן דערנעבן אַ בלימל און אַ וואָרף געטאָן אויפן בערגל. דאָס האַרץ אין אים האָט זיך אַ קאָרטשע געטאָן. ער האָט זיך שטיל אויסגעוויינט און איז אַוועק.

בערל איז פֿאַרשווּנדן געוואָרן מיט האַסטיקע טריט אויפֿן דאָרפֿישן וועג.

ה

בערל איז אָבער פֿון דאָרף נישט אַוועק. ער איז אַראָפּ פֿון וועג און זיך אַוועקגעלאָזט צו די פֿעלדער. דורך די פֿעלדער האָט ער זיך דערנענטערט צו אַ קליין בערגל, פֿון וואַנען מ׳קאָן גוט זען דאָס דאָרף, די אַלע כאַטעס פֿונעם דאָרף. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז און געקוקט אַהין, צו די כאַטעס. געקוקט, געקוקט און באַלד דערקענט יענדריקס כאַטע. בעת סאַבינאַ האָט אים פֿריִער נאָענט צוגעפֿירט צו איר, האָט ער זיך געמאַכט אַ סימן: דער הויכער סטאַרטשענדיקער טאָפּאָל דערנעבן. בערל האָט זיך נאָך דעם פֿאַרשטעקט צווישן קוסטעס אויפֿן בערגל און פֿון דאָרט געלויערט. פֿון צייט צו צייט האָט ער אָנגעטאַפּט דעם רעוואָלווער אין טאַש, איין מאָל אים אַרויסגענומען און קאָנטראָלירט: יאָ, ער איז אָנגעלאָדן! גאַנצע פֿינף קוילן אין מאַגאַזין.

ער האָט געוואַרט. געוואַרט און געברענט פֿון אומגעדולד עס זאָל שוין ווערן טונקל.

דאָס בערגל, וווּ בערל איז געלעגן, איז געווען אויף אַזאַ מרחק פֿון דאָרף, אַז ער האָט אַפֿילו געקאָנט זען די באַוועגונג פֿון מענטשן אַרום די כאַטעס. און אָט זעט ער ווי יענדריק איז פֿון ערגעץ אָנגעקומען און איז אַריין אין שטוב. ס׳איז שוין געווען פֿאַרנאַכטלעך. פֿון די קוימענדלעך אי־בער די דעכער האָבן זיך גענומען וויקלען רויכן: באַלעבאָסטעס גרייטן שוין וועטשערע.

דאָס האַרץ ביי בערלען וואַרפֿט זיך ווי אין קאָנווולסיעס. ער באַהערשט זיך אָבער און מאַכט אַ פּאָר גימנאַסטישע איבונגען מיט די אָרעם־מוסקולן. אין געדאַנק הערט ער ווי אַ באַפֿעל. דוכט, הערשלס שטים שרייט אין אים אַריין: „זיי שטאַרק! זיי פֿעסט!“ — — —

אַז ס׳איז לסוף געוואָרן גוט פֿינצטער, האָט זיך בערל מיט האַסטיקע באַוועגונגען אַ הויב אויף געטאָן און מיט דרייסטע טריט אַוועקגעשפּאַנט צו יענער כאַטע.

און אָט איז ער שוין ביים הויכן טאָפּאָל, און אָט איז ער שוין ביי דער

טיר פון דער כאַטע. זיין האַנט האָט נישט געוואַקלט און נישט אָנקלאַפּנדיק אָן עפן געטאָן די טיר.

אַלע בני־בית זענען שוין געזעסן אַרום טיש ביי דער וועטשערע: טאַטע־מאַמע און דער בנ׳אָק — דער „געשטופּלטער יענדריק״!

בערל האָט זיך דערנענטערט צום מיטן חדר מיטן אויסגעשטרעקטן נאַגאַן און אויסגערופן:

— ווער עס וועט שרייען, קריגט אַ קויל!

אַלע ביים טיש זענען געבליבן געפּלעפט און געקוקט מיט צעמישטע בליקן.

צילט בערל דעם נאַגאַן צו יענדריקן:

— פאַרוואָס האָסטו דערהרגעט „הערשקאָן״???

יענער שטומט. בלויז די מאַמע זיינע האָט זיך גענומען צלמען:

— אָ, שוויענטאַ מאַריאַ...

— פאַרוואָס האָסטו דערהרגעט „הערשקאָן״???

יענער שטומט. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געטרייסלט פון שרעק.

בערלס האַנט האָט קיין וואַקל נישט געטאָן. דער נאַגאַן האָט צוויי מאָל אויסגעשאָסן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די שטראָפנדיקע האַנט האָט נקמה גענומען.

בערל איז תיכף אַרויס פון דער כאַטע און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

***

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַ באַנדע כוליגאַנעס פון זעלבן דאָרף, פון קשיפּיעס, באַפאַלן די שול אין מאָנקעביט און דאָרט אויסגעשאָכטן כמעט דאָס גאַנצע רעשטל יידן — מער ווי אַ מנין נפשות — וואָס האָבן זיך געהאָט צונויפגענומען פון בונקערס און לאַגערן. בלויז אַ פּאָר יידן זענען ווי דורך אַ נס אַרויס מיטן לעבן. צווישן די דערמאָרדעטע איז אויך געווען בערלס קוזין חיים־מרדכי. די שול האָבן די רוצחים אונטערגעצונדן.

דאָס מאָל איז עס געווען נקמה פאַר נקמה. די פּוילישע כוליגאַנעס האָבן דעמאָלט סיי־ווי געשאָכטן יידן — אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָס — — —

בוענאָס־איירעס, 1957

א קינד פון געטא

(פון ציקל: „דאָקומענטאַרע דערציילונגען״)

איינמאָל אין אַ פאַריזער זומערדיקן נאָכמיטאָג בין איך געזעסן אויף אַ באַנק אינעם שמאָלן באַרגיקן פאַרקל, וואָס ביי דער קירכע „סאַקרע קער״. אויף דער זעלבער באַנק האָט זיך צוגעזעצט אַ יונגע פרוי אונטער די דרייסיק. אַ פרוי מיט אַ קינד — אַ מיידעלע פון אַ יאָר 5. סיי די פרוי, סיי דאָס קינד האָבן געהאַט אַרישע פנימער. די פרוי איז געווען בלאָנד, מיט נאַטירלעכער בלאָנדקייט, נישט געפאַרבט. אויגן בלויע, פאַרצויגן מיט עפעס אַן אומעט. דאָס מיידעלע האָט געהאַט אַ מאָגער, בלאָס פנימל, מיט צוויי אַראָפּהענגענדיקע טונקל־ברוינע צעפלעך פון הינטן. זי האָט זיך געשפילט מיט אַ פילקע, געוואָרפן זי צו דער ערד און זיך געפלייסט זי צוריקצוכאַפּן ביים אָפּשפּרינגען. קיין פראַנצויזקע איז זי נישט, די פרוי — דעריין בין איך געווען זיכער. נישט דער טיפּ פון אַ פראַנצויזקע. באַלד האָט זיך דאָס רעטעניש אויפגעקלערט: זי האָט אַ זאָג געטאָן עפעס צום קינד אין פויליש.

— ז׳פּאָלסקי? ראָדאַצי? (פון פוילן? לאַנדסלייט?), — שיק איך אַ פראַגע צו מיין שכנה אויף דער באַנק.

— טאַק יעסט, ז׳פּאָלסקי... ז׳וואַרשאַווי... (אַזוי איז עס... פון פוילן... פון וואַרשע).

פון די וויטערדיקע עטלעכע אויסגעטוישטע פראַזן בין איך געוואָר געוואָרן נאָך עפעס, גאָר אומגעריכט: ס׳איז אַ ייִדישע פרוי.

— און דאָס איז אייער קינד? — פרעג איך.

— ניין, מיין שוועסטערס.

— און ווו איז אייער שוועסטער?

— ווי אַ סך, אַ סך אונדזערע שוועסטערס און מאַמעס... אין מאַידאַ־נעק... אין טרעבלינקע...

כ׳בין געזעסן אויף דער באַנק אין טרויעריקער געשפּאַנטקייט. דערהערט, אַז איך בין אויך אַ פּליט, און אויך פון וואַרשע, און אַז אויך איך האָב נישט קיין קליינעם חלק אין די קרבנות פון וואַרשעווער געטאָ, — איז זי באַלד געוואָרן באַריידעוודיק און אָפנהאַרציק. זי האָט גערעדט און דערציילט. דערציילט איר טראַגישע געשיכטע, וואָס האָט מיך דורכ־גענומען מיט שוידער.

***

געטאָ וואַרשע. זי, העלאַ, האָט געוווינט דאָן ערגעץ אויף אַ בוידעם־שטיבל אויף נאַוואָליפּיע צוזאַמען מיט איר שוועסטער, בראָניע, און איר שוואָגער, יאַקאָב. זיי האָבן געלעבט אין פּלאָגעניש, הונגער, שמוץ און אימת־מות. אירע עלטערן האָבן זיך געפּייניקט אין אַן אַנדער געטאָ — אין די פּוילישע ראַנד־געביטן. העלאַ, מיט איר אַרישן אויסזען, פלעגט פון צייט צו צייט ריזיקירן, זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ פּאַרטיע אַרבעטער אויף דער אַרישער זייט און דאָרט פלעגט זי פּאַרקויפן עפּעס אַ חפץ, אַ „שמאַכטע״ און צוריקברענגען ברויט, אַמאָל אויך עפּעס צום ברויט, און אַזוי אַרום דערהאַלטן דאָס אייגענע לעבן און אויך דאָס לעבן פון איר שוועסטער און שוואָגער.

איר שוועסטער איז שוין געווען פינף יאָר נאָך דער חתונה און האָט נאָך קיין איין מאָל נישט פאַרשוואַנגערט, און גראָד איצט, אין געטאָ, איז עס, מעשה שטן, יאָ געשען. האָט סיי זי, העלאַ, סיי איר שוואָגער איינגע־טענהט מיט בראָניען, אַז זי מוז אומבאַדינגט די שוואַנגערשאַפט איבער־רייסן. אַז עס שמעקט מיט אומגליק. אָבער בראָניע האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין! זי מוז געבוירן דאָס קינד. „וואָס עס וועט זיין מיט אונדז אַלעמען, וועט זיין מיטן קינד״, — האָט זי געטענהט. — „אפשר ביזן גע־בורט פון קינד וועט דער דייטש איינגעמען אַ מיתה משונה״.

אין געטאָ האָבן זיך די ייִדן איינגעטיילט אין „פּעסימיסטן״ און „אָפּ־טימיסטן״. די „אָפּטימיסטן״ האָבן געגלויבט באמונה שלימה, אַז עס קאָן זיך נאָך אַלץ ענדערן צום גוטן; אַז דער דייטש הויבט שוין אָן קריגן מפּלות.

אַז היטלערס ווּיסטער סוף קומט שוין. און צו די דאַזיקע „אָפּטימיסטן" האָט אויך געהערט בראָניע.

עס האָט בראָניען נישט איבערצייגט אויך שפּעטער דער טרויעריקער פאַקט, וואָס איין טאָג איז איר יאַקאָב געכאַפּט געוואָרן אין גאַס בעת אַ „לאַפּאַנקע" (כאַפּעריי) און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. ביידע שוועסטערס האָבן געוויינט, געקלאָגט. און אין דער גרויסער פאַרצווייפלונג האָט זיך העלאַ געבעטן ביי איר שוועסטער, זי זאָל זיך באַרעכענען; אַז ס'איז אַ פּשוטער פאַרברעך נישט צו ליקווידירן איר שוואַנגערשאַפט, בעת מ'ווייס נישט וואָס פאַר אַן אומגליק דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען; אַז זי האָט נישט קיין שום מאָראַליש רעכט צו ברענגען איצט אַ קינד אויף דער וועלט פאַרן טייוול. אָבער אויך איצט האָט זיך בראָניע געהאַלטן ביי אירס. „אפשר, — האָט זי געזאָגט, — וועט דעם קינד יאָ באַשערט זיין איבערצולעבן און עס וועט בלייבן נאָך אונדז כאָטש אַ לעבעדיקער זכר?"

— אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי איז עס מעגלעך? קוק מיט אָפענע אויגן, בראָניע.

— כ'ווייס נישט, העלאַ, דאָס האַרץ לאָזט מיך נישט אַליין אומברענגען דאָס קינד. אַזוי לאַנג געחלומט וועגן אַ קינד.

און אַזוי איז דאָס קינד געוואַקסן אין בראָניעס מוטער־טראַכט — ביז ס'איז שוין געוואָרן אוממעגלעך צו ליקווידירן עס. צו שפּעט. זי איז שוין געווען אין די הויכע חדשים.

און אַזוי איז אָנגעקומען אין געטאָ די גרויל־צייט פון „אויסזידלונג", בעת די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויספירן די יידן אין די טויזנטער, טויזנטער צום „אומשלאַג־פּלאַץ", געפּאַקט זיי אין פּי־וואַגאָנעס פאַר די לאַגערן. אין געטאָ איז געוואָרן שיטערער מיט יעדן טאָג. קינדער האָט מען צוגענומען פון טאַטע־מאַמע, טאַטע־מאַמע — פון קינדער. אויב אין אָנהייב האָט מען נאָך נישט געוווּסט גענוי וווּהין מען פירט עס די פּי־וואַגאָנעס מיט די יידן — זענען שוין נאָך דעם דערגאַנגען ידיעות וווּהין און צו וואָס מען פירט זיי...

אין די דאָזיקע טעג האָט זיך אויף בראָניעס געזיכט פאַרצויגן אַ פינצטערע כמאַרע. העלאַ האָט גוט פאַרשטאַנען בראָניעס צער. זי האָט משער געווען, אַז איצטער מוז בראָניע חרטה האָבן, פאַרוואָס זי האָט נישט גע־

פאָלגט איר עצה; אָבער העלאַ האָט נישט געשפּילט די „גערעכטע“, נאָר, אדרבה, זי האָט נאָך בראַניען געטרייסט:

— זאָרג נישט, בראַניע. עס קאָן נאָך געשען אַ נס.

— גלויב מיר, העלאַ, אויך איצט באַדויער איך נישט וואָס איך האָב נישט געפאָלגט נישט דיר, נישט יאַקאָבן... אויב דער דייטש ברענגט אום יידישע קינדער, וועל איך דעם תליון אויף צו להכעיס דאָס קינד יאָ געבוירן און מיר וועלן אַלץ טאָן, כדי דאָס קינד צו ראַטעווען.

אין יענע טעג האָט מען, אייגנטלעך, שוין נישט געלעבט, נאָר מען האָט זיך גערא טעוועט.

און אַזוי זענען אָנגעקומען אין געטאָ אויך די טעג פונעם אַזוי־גערופענעם „קעסל“, ווען מ'האָט די פאַרבליבענע יידן פון געטאָ אַריינגעטריבן אין אַ קליינעם ראַיאָן, אין דער געגנט פון מילע־דזיקע־סטאַווקע. דער דאָזיקער ראַיאָן — דער „קעסל“ — איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ שטאַרקע שמירה פון די ס. ס.־לייט און מ'האָט אַזוי טאָג־טעגלעך „געררייניקט“ די יידן און זיי געפּאַקט אין די וואַגאָנעס אויפן דערנעבנדיקן „אומשלאַג־פּלאַץ“. אין „קעסל“ האָבן ביידע שוועסטערס אויסגעזוכט עפּעס אַ „מאַלינע“ אויף ראָג מילע־דזשיקע. אַ „מאַלינע“ אויף אַ בוידעם, אַ מאַסקירטע באַהעלטעניש, וואָס עס האָבן דאָ געהאַט גנבים נאָך פאַר דער מלחמה. און אין דער דאָזיקער „מאַלינע“ האָט בראַניע, אונטער די וויטע יידישע קולות און געוויינען פון דער גאַס, געבוירן איר לאַנג אויסגעחלומט קינד. אַ מיידעלע. געבוירן אין פאַרשטיקטע יסורים, אין פּיין און אין שרעק. זי, העלאַ, האָט אויפן זעלבן בוידעם אויסגעזוכט עפּעס אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט פאַרטראָטן אַ „הייבאַם“ און מ'האָט ווי עס איז פאַרשלייערט דאָס געבורט.

איז איצט צוגעקומען אַ נייע דאגה: ווי ראַטעוועט מען דאָס לעבן פונעם קינד? זיך אַליין צו ראַטעווען האָט מען שוין ווייניק האָפענונג געהאַט.

— העלף מיר, טייערע העלאַ! — האָט זיך בראַניע געבעטן. — דו מיט דיין „גוטן אויסזען“ קאָנסטו עפּעס טאָן. כאַפּ זיך אַרויס אויף דער אַרישער זייט. באַראַט זיך מיט אונדזערע אַרישע פריינט. זע זיך מיט „טאָוואַזשיש“ (חבר) יוזעף. ער איז דאָך יאַקאָבס אַ לאַנגיאָריקער חבר.

און ביידע שוועסטערס האָבן פאַרטראַכט אַ פּלאַן, און העלאַ האָט טאַקע דעם געוואַגטן און ריזיקאַלישן פּלאַן אין גיכן אויסגעפירט. ווי נאָר די

„אַקציעס״ אין „קעסל״ האָבן איין טאָג זיך אָפּגעשטעלט, האָבן בײדע שוועס־טערס פאַרפּאַקט דאָס קינד אין אַ קליין זעקל „שמאַכטעס״. פאַרפּאַקט אַזוי, אַז צום קינדס פּנימל זאָל קאָנען צוקומען אַ ביסל לופט. זיי האָבן דאָס פּיצל קינד אַרײַנגעגעבן אינעם מיילעכל עטלעכע איינשלעפערונגס־טראָפּנס, וואָס העלאַ האָט אויסגעבעטלט ביי אַ פרוי אין אַ שכנהשער „מאַלינע״, ווו עס איז אויך געווען אַ קליין קינד און מ׳האָט עס געמוזט אָפּט פאַרשלעפערן עס זאָל נישט וויינען. און מיטן דאָזיקן זעקל האָט העלאַ נאָך לאַנגן לויערן אויסגענוצט אַ פּאַסיקע רגע און זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ. מיט איר „גוטן אויסזען״ האָט זי זיך אויף דער אַרישער זייט פריי באַוועגט איבער די וואַרשעווער גאַסן. אין ערגעץ אַ טויער האָט זי באַפרייט דאָס קינד פון־נעם זעקל, דאָס זעקל איבערגעלאָזט און געטראָגן דאָס קינד אַן איינגע־וויקלטס אין עפּעס אַן אַלטן מלבוש. אַזוי אַרום האָט זי זיך דערשלאָגן ביז צום קריסטלעכן פינדלהויז, וואָס אויף באַדוענאַ גאַס. הגם די באַדוענאַ איז אין שכנות פון דער רוישיקער מאַרשאַלקאָווסקאַ, פון דעסטוועגן איז דאָ די טראַפיק געווען אַ מינימאַלע. ווען קיין מענטשלעך אויג האָט נישט גע־שטערט, האָט זי געשיקט אַ לייג געטאָן דאָס לעבעדיקע פּעקעלע ביי דעם סאַמען אַרייַנגאַנג פון פינדלהויז און זיך שנעל דערווייטערט. דאָס פּעקעלע האָט פון איין זייט געהאַט אַ צוגעשפּילעט פּאַפּירל מיט אַן אויפשריפט: „טייערע מענטשן! היט אָפּ מיין קינד — מיין איין־און־איינציקע וואַנדאַ. די אומגליקלעכע מוטער״.

אין דעם זעלביקן טאָג — אַלץ לויטן פּלאַן פון בײדע שוועסטערס — האָט זיך העלאַ געטראָפן מיטן „טאָוואַזשיש יוזעף״ אויף זשאַליבאָזש. דער „חבר יוזעף״ האָט געהערט צו דער וואַרשעווער קליינער גרופּע „סינדיקאַ־ליסטן״ (אַנאַרכיסטן). יוזעף פלעגט אַמאָל אַרויפקומען צו העלאַס שוואָגער. עס האָט זיי פאַרבונדן אידעיִשע נאָענטקייט. דער יוזעף האָט זי טאַקע אויפ־גענומען אין זיין אָרעמער פּאַרטער־דירהלע מיט אַ סך מיטגעפיל. העלאַ האָט אים אַלץ אָפנהאַרציק דערציילט וועגן גורל פון ניי־געבוירן קינד. יוזעף האָט זיך זייער מצער געווען, וואָס זיין חבר יאַקאָב, איר שוואָגער, איז שוין פאַרשלעפּט געוואָרן פון די דייטשישע באַנדיטן. ער האָט איבער־גערעדט מיט זיין פרוי און בײדע האָבן אָן קווינקלעכישן מסכים געווען, אַז העלאַ זאָל פאַרבלייבן ביי זיי. — „וואָס מיר וועלן עסן, וועט איר אויך עסן״, — האָט ער געזאָגט, — „זאָלן אונדז נאָר די שכנים נישט באַאומרויִקן״...

העלאַ האָט זיך אַזש צעוויינט פון געריררטקייט.

— איך האָב אָבער גאָרנישט. קיין גראָשן נישט ביי דער נשמה.

— זייט רויק, כ׳וועל איבעררידן מיט חברים. מ׳וועט זיך מוזן אַן עצה געבן.

— און וואָס וועט זיין מיט מיין שוועסטער? מיט בראָניען? דער חלף ענגט דאָך איבער איר האַלדז.

יוזעף שווייגט אַ וויל, זיצט מיט אַ פאַרזונקענעם קאָפּ. באַלד הויבט ער אויף דעם קאָפּ און זאָגט אַנטשלאָסן:

— אויך בראָניען מוזן מיר ראַטעווען. פאַר יעדן פּרייז! כ׳גיי טאַקע באַלד זיך זען מיט חברים. מיר מוזן געפינען אַ פּלאַץ אויך פאַר בראָניען. אַ פּלאַץ און, דער עיקר, „אַרישע פּאַפּירן" פאַר איךביידן.

און יוזעף איז אַרויס. יוזעפס פרוי האָט מכבד געווען העלאַן מיט ברויט און מאַרמעלאַדע.

— בייסט עפּעס צו, — זאָגט זי העלאַן, — די דייטשישע קעסט וואָס מיר האָבן. ברויט געמישט מיט קלייען און זייער מאַרמעלאַדע. אַז קיין פּו־טער זעט מען נישט פאַר די אויגן. וואָס פון אונדזער פּוילן איז געוואָרן!

— און איך האָב געמיינט, — ענטפערט העלאַ, — אַז עס זענען גאָר שוין נישט געבליבן קיין גוטע מענטשן. אַז אַלע מענטשן זענען חיות. אַז די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַרלייגט אויף אונדז, כדי אונדז אַלעמען אומ־צוברענגען. צום סוף זע איך, אַז נאָך פאַראַן אויך צדיקים.

— רעדט נישט אַזוי, — רופט זיך אָפּ די גאַסטגעבערין, — מיר וועלן נאָך פּטור ווערן פון די רוצחים און די וועלט וועט ווידער בלייבן וועלט.

— יאָ, אָבער דערווייל שעכט מען אונדז אויס ווי די שאָף.

— עפּעס טוט זיך אין אונדזער אונטערערד, — רעדט יוזעפס פרוי מיט אַ שטילערן טאָן, ווי פאַרטרויענדיק אַ סוד. — יוזעף קומט אַלע טאָג מיט אַ סך גוטע נייעסן. עס וועט זיכער קומען אַ טאָג פון נקמה.

אין אָוונט איז יוזעף צוריקגעקומען פון זיינע חברים מיט אַ גוטער בשורה פאַר העלאַן: פאַראַן אויך אַן אָרט פאַר בראָניען. אַז מאָרגן קאָן זי גיין נאָך איר און אַרויסנעמען זי פון געטאָ. העלאַ איז געווען גליקלעך. גאָט, זאָל עס נאָר געלינגען. האָט דאָך איר שוועסטער אַ טיפּיש־ייִדישן אויסזען. ווי אַזוי וועט זי זיך דערשלאָגן אַהער?

העלאַ האָט איבערגענעכטיקט ביי דער דאָזיקער אָרעמער, אָבער חברי־

שער פאַמיליע און ביטאָג איז זי אַוועק אין דער ריכטונג פון געטאָ. ערשט פאַרנאַכט, ווען אַ פאַרטיע אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ, האָט זי זיך קונציק אַריינגעדרייט צווישן דאָזיקן עולם. אָבער צו איר גרויסער פאַרצווייפלונג האָט זי איר שוועסטער נישט געפונען: נישט אין דער „מאַ־לינע", נישט אויך אין זייער פּריִערדיקן בוידעם־שטיבל אויף באַוואָליפּיע. ערשט אין אָוונט האָט זי אויף מילע־גאַס געטראָפן נעבן איר „מאַלינע" די אַלטע פרוי — די „הייבאַם" ביי איר שוועסטערס געבורט, — און יענע האָט איר אָנגעזאָגט די פינצטערע בשורה, אַז היינט אין דער פרי איז אויף מילע געוועזן אַן אומגעריכטע קליינע „אַקציע"; אַז די דייטשישע משחיתים האָבן געכאַפּט אין גאַס וועמען זיי האָבן באַגעגנט און אַז אויך העלאַס שוועסטער איז געכאַפּט געוואָרן פאַרן סאַמע טויער.

אַ צעבראָכענע, אין טרויער און געוויין, האָט העלאַ פאַרבראַכט איינע אַליין אַ נאַכט אין דער „מאַלינע" אויפן בוידעם. אין קאָפּ איז איר געקומען אַ געדאַנק: פאַרציִען אַ שטריק אויפן האַלדז און אַ סוף. אָבער דאָס קינד! דאָס קינד! איר שוועסטערס קינד! זי מוז לעבן פאַרן קינד. דאָס האָט זי אָפּגעהאַלטן פון דעם פאַרצווייפלטן שריט אין דער מוראדיקער נאַכט.

דאָס מאָל האָט עס געדויערט צוויי טעג ביז איר איז געלונגען זיך אַרויסצוכאַפּן פון געטאָ. און ווידער איז זי אויף זשאָליבאָזש, אין דער דירה פון אירע קריסטלעכע פריינט, די וויניקע אמתע אידעאַליסטן, וואָס ווייסן נישט פון קיין חילוק צווישן ייִד און קריסט. און צווישן אָט די מענטשן האָט זי איבערגעלעבט כמעט צוויי יאָר, האַרט ביזן אויפשטאַנד אין וואַר־שע, אין 1944; ביז דער קאַפּיטולאַציע פון די אויפשטענדלער, ווען די גאַנצע וואַרשעווער באַפעלקערונג — מענער, פרויען און קינדער — איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט, אין דער ריכטונג צו פּרושקאָוו. אין גרויסן מיש־מאַש האָט זי זיך פאַרלוירן פון יוזעפס פרוי. יוזעף אַליין איז זינט אַ פּאָר וואָכן נישט געווען אין דער היים — ער איז געווען ערגעץ טעטיק אין אונטערערד, אין די רייען פון „אַ. ל." (אַרמיאַ לודאָוואַ — פאָלקס־אַרמיי) און זיין פרוי איז געווען זייער באַזאָרגט וועגן אים. העלאַ איז דאַן צוזאַמען מיט אַ ייִנגערן עולם פּאָליאַקן אַריינגעפאַלן אין אַ דייטשי־שן אַרבעטס־לאַגער, אין אַ דייטשישער אויסבאָמבאַרדירטער שטאָט, וווּ זי האָט זיך אָפּגעמוטשעט ביז צו דער באַפרייונג.

העלאַ האָט זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. אַ פיינפולע וואַנדערונג גע־

ווען, אָבער עס האָט זי געקרעפּטיקט די נקמה, היטלערס וויסטע מפּלה, אויף וואָס אַ גאַנצע וועלט האָט געוואַרט. זי איז געגאַנגען צופוס. ווי נישט ווי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף וועגענער פון רויטאַרמייער. אַ פּאָר וואָכן האָט געדויערט איר „מאַרש" קיין וואַרשע, ביז זי איז אָנגעקומען מיט געשוואָ־לענע פיס אין דער חרובער שטאָט.

אַ פּאָר טעג איז העלאַ געלעגן אַ מאַכטלאָזע, אַן אויסגעשעפּטע ערגעץ אין אַ האַלב־חרובן הויז, צוזאַמען מיט אַנדערע נע־ונדניקעס. און ווען הע־לאַ איז געקומען אַ ביסל צו זיך, איז זי אַוועק צו די חורבות פון געטאָ... דאָס זענען געווען בײַ איר טעג פון טרויער, טעג פון געוויין. זי האָט אַרומ־געבלאָנקעט איבער די חורבות ווי אויף אַ בית־עולם, צווישן קברים.

אין איינעם אַ טאָג איז זי אַוועק אויף זשאָליבאָזש — צו יוזעפן. דאָס הויז איז געווען האַלב צעשטערט, אָבער טייל לאָקאַטאָרן האָבן זיך דאָרט ווי עס איז איינגעאָרדנט. אין יוזעפּס דירהלע זענען געווען פרעמדע מענטשן. ווי מ'האָט איר דאָרט דערציילט, איז יוזעף אַליין געפאַלן אין די קאַמפן מיט די דייטשן. פון זיין פרוי הערט מען נישט. מסתמא איז זי אויך ערגעץ אומגעקומען. אַ באַטריבטע פון דער ידיעה, האָט העלאַ דערוויל אויסגע־זוכט זיך אַ ווינקל אויף אַ פּאָדלאָגע אין אַ הפקרדיקן קהלשן הויז אויף פּראַגע, ווו עס האָבן זיך געזאַמלט יידן פון די באַהעלטענישן, פון די וועל־דער, פון לאַגערן, שאָטנס פון מענטשן!

מיט וואָכן שפּעטער, נאָך לאַנגע נאָכפרעגענישן, איז זי געוווּאָר גע־וואָרן ווו עס געפינט זיך דאָס עוואַקוירטע פינדלהויז פון באַדוענא. זי איז אַהין אַוועק — ערגעץ אויסער דער שטאָט — און זיך געמאָלדן אין קאַנצע־לאַריע פון פינדלהויז. זי האָט אָנגעגעבן די גענויע סימנים, ווען און ווי אַזוי זי האָט דאָס קינד אונטערגעוואָרפן; האָט אַפילו אָנגערופן דאָס קינד לויטן צעטל, ביים נאָמען — „וואַנדאַ". עס האָט געשטימט. אַזוי איז עס טאַקע פאַרשריבן געוואָרן און אַזוי רופט מען טאַקע דאָס קינד אין פינדל־הויז. מ'האָט איר אָנגעוויזן דאָס קינד. עס איז שוין אַלט געווען דריי יאָר לערך. דאָס מיידעלע איז אומגעלאָפן איבערן הויף, אין אַ גרוי סטאַנדאַרט קליידעלע, אין אָרעמע טרעפּעס אויף די פיסלעך, מיט קורץ געשוירענע הערעלעך. אָבער דאָס פנימל — דאָס פנימל איז געווען אין גאַנצן דער שוועסטערס, בראָניעס. ווי צווי טראָפּנס וואַסער. העלאַ איז צוגעפאַלן צום קינד, אַרומגענומען עס, באַשאָטן מיט קושן און זיך היסטעריש צעוויינט.

עס האָבן געדויערט וואָכן און חדשים ביז העלאַן איז לסוף געלונגען אַרויסצובאַקומען דאָס קינד פון פינדלהויז.

אין יענער צייט איז שוין אין וואַרשע, אויף דער פּראַגער זייט, געווען טעטיק דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט איר טאַקע אַ סך געהאָלפן אין אירע באַמיִונגען פאַרן קינד. אין זאַטשעביע, אויף דער אָטוואָצקער ליניע, איז שוין איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אינטערנאַט פאַר די אומגליקלעכע יתומים נאָכן בלוטיקן שניט. אַהין האָט העלאַ דערווייל אויך וואַנדאַן אַריינגעגעבן. צום ערשטן מאָל געבראַכט זי אין אַ ייִדישער סביבה, צווישן ייִדישע קינדער, אונטערן אויג פון ייִדישע דערציִער.

אָבער די רציחות פון די צעיושעטע פּוילישע כוליגאַנעס, די „נאַראָווצעס", איבער די געראַטעוועטע ייִדן, די „האַלאָוועשקעס" נאָך דער מוראדיקער שריפה, — דער עיקר נאָך מעשה־קיעלץ, — האָבן העלאַן געטריבן: „אַנטלויף! ראַטעווע זיך אַליין און ראַטעווע דאָס קינד אין דער פרייער וועלט". האָט זי אין איינעם אַ טאָג אָפּגענומען דאָס קינד פון אינטערנאַט און איז אַוועק מיטן ייִדישן עמיגראַציע־שטראָם. העלאַ האָט דאַן באַפרייט דאָס מיידעלע פון איר פּוילישן נאָמען: אַנשטאָט וואַנדאַ האָט זי איר אָנגעהויבן רופן: וויטאַ — ווי אַ סימבאָל פון לעבן... נאָך לאַנגע און שווערע וואָגלענישן האָט זי מיט דער הילף פון קאָמיטעטן זיך דערשלאָגן ביז פּאַריז. דאָ אין פּאַריז האָט זי שוין אַפילו באַוויזן צו באַגעגענען איר באַשערטן — אויך אַ וואַרשעווער, — מיט וועמען זי האָט געשטעלט אַ חופּה כדין וכדת. ער, איר מאַן, איז בעת דער מלחמה געווען אין רוסלאַנד. דאָרט האָט אים סטאַלין „געראַטעוועט" אין אַ סאָוועטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף סיביר. זיין פרוי און קינד זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. דאָ האַלטן זיי זיך אויף אין אַ האָטעל, טאַקע דאָ נישט ווייט ביי פּיגאַל, — אויפן חשבון פון „דזשאָינט". זיי וואַרטן אויף אַמעריקאַנער וויזעס. צו וועמען? צו וואָס? ווער ווייס... אפשר... אפשר וועט זיך געפינען אַ שטיקל רויִק אָרט פאַר זיי. אַבי וואָס ווייטער פון אומגליק. וואָס ווייטער פון דער פּוילישער ערד — פון דעם גרויסן ייִדישן בית־עולם...

**
*

העלאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. אירע אויגן זענען פֿייכט געוואָרן פֿון אַן אַנגעלאָפֿענער טרער. דאָס קינד האָט זיך נאָך אַלץ געשפּילט מיט דער פּיל־קע. געוואָרפֿן — געכאַפּט, געוואָרפֿן — געכאַפּט. געשפּילט זיך אַליין, באַזונדער, נישט מיט די קינדער, וואָס ביי די שכנותדיקע בענק. דאָס זענען געווען פּראָנצוויזישע קינדער און אַ פּרעמדקייט האָט זיי צעשיידט. דער עיקר איז דאָס לשון געווען צווישן זיי ווי אַ וואַנט.

— ווייסט זי נאָך גאָרנישט וועגן איר מאַמען? — פֿרעג איך.

— נאָך צו פֿרי פֿאַר איר, — ענטפֿערט העלאַ. — אָבער איצט בין איך איר מאַמע. זי רופֿט מיך טאַקע איצטער „מאַמע". די גאַנצע צייט, נאָכן אַרויסנעמען זי פֿון פּינדלהויז, בין איך געווען פֿאַר איר „טשאַטשאַ העלאַ" (מומע העלאַ). אָבער איינמאָל, אַז כ'בין געזעסן מיט איר אין אַ גאָרטן, נעבן קינדער און מאַמעס, גיט זי מיך פּלוצלינג אַ פֿרעג: — „פֿאַרוואָס האָבן אַלע קינדער מאַמעס און איך — אַ „טשאַטשאַ"? איך וויל אויך אַ מאַמע"... איר פֿראַגע האָט מיך דורכגענומען מיט אַ ציטער. ווען איך וואָלט געווען אַ חתונה־געהאַטע, וואָלט איך דאָך לכתחילה איר געזאָגט, אַז איך בין עס איר מאַמע. אָבער ווי האָב איך געקאָנט דאָן אָנגיין ווי אַ „פּאַננאַ ז'דזיעצ־קיעם"?... (אַ פֿריילין מיט אַ קינד?). אָבער באַלד נאָך מיין חתונה האָב איך איר געזאָגט, אַז איך בין טאַקע איר מאַמע און אַז זי זאָל מיך מער נישט רופֿן „טשאַטשאַ", נאָר „מאַמע", און אַז ער, מיין מאַן, איז עס איר פּאַפּאַ, וואָס האָט זיך איצט אומגעקערט פֿון אַ ווייטן וועג... אַזוי אַרום האָט זי שוין איצטער סיי אַ מאַמען, סיי אַ טאַטן... שפּעטער, אַז זי וועט עלטער ווערן, וועל איך איר אויסזאָגן דעם טראַגישן אמת.

פֿון העלאַס רייד איז מיר באַפֿאַלן אַ טרויער. כ'האָב מיך געדאַרפֿט באַהערשן, כדי אַרויסצוברענגען כאָטש אַ פּאָר דערמונטערונגס־ווערטער:

— דאָס מיידעלע טראָגט דאָך איצט דעם נאָמען וויטאַ — לעבן... וועט זי אין איר בלי־צייט איבערוואַקסן איר „טראַגישן אמת". און אפֿשר איז גלייכער איר קיין מאָל נישט אויסזאָגן דעם דאָזיקן סוד? צו וואָס באַטריבן איר לעבן?

— ניין! — ענטפֿערט העלאַ קאַטעגאָריש, — מיר דוכט, אַז אַזעלכע אמתן, ווי טראַגיש זיי זאָלן נישט זיין, טאָר מען נישט פֿאַרהוילן. איבער־ריקנס, איך האָב גאָרנישט קיין רעכט און איך וויל גאָרנישט זי צונעמען אין גאַנצן פֿון מיין שוועסטער. אדרבה, זאָל איר קינד וויסן ווער עס איז

געוועזן איר אמתע מאַמע. זאָל זי טראַכטן וועגן איר. זאָל זי איר דערמאָנען מיט אַ יאָרצייט־ליכט, מיט אַ טרער...

— יאָ, גערעכט. מיר מוזן אָפּהיטן און הייליקן זייער זכר.

אין דער רגע האָט דאָס מיידעלע איבערגעריסן איר שפּיל און איז צו־געקומען צו העלאַן מיט אַ געבעט־שטימעלע:

— מאַמע, גיב מיר אַ שאָקאָלאַדקע!

און בעת דאָס מיידעלע — אַ צעשפּילטע, מיט צעגלאַנצטע אייגעלעך — האָט הנאהדיק געקייט די שאָקאָלאַד, האָט זיך מיר פאַרגלוסט מיט אַ האַנט פול ליבשאַפט צו גלעטן דעם קינדס חנוודיק קעפּל און אין דער מחשבה האָב איך גערעדט צו איר:

— „אָרעם מיידעלע! באַשערט דיר צוויי מאָל צו ווערן אַ יתומה: איין מאָל אין געטאָ — דאַן האָסטו די יתומהשאַפט נאָך נישט געפילט — און דאָס צווייטע מאָל, ווען דו וועסט אונטערוואַקסן און מען וועט דיר מגלה זיין דעם טרויעריקן סוד" — — — —

בוענאָס־איירעס 1959

דער סוף פון א שפּאס

א

אין זיין פּאַריזער האָטעל־צימער, אויף בולוואַר דע לאַ רעפּובליק, איז בנעימותדיק געלעגן אויף אַ סאָפאַ דער דענטיסט גראָסבערג. ס'איז אַ זונטיקדיקער נאָכמיטאָג, אַ פּרייער טאָג ביי אים. ער האָט געבלעטערט צייטונגען, זשורנאַלן, געזוכט, גענישטערט עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אים פאַראינטערעסירן.

אין איינער אַ ידישער צייטונג איז זיין בליק געפאַלן אויף אַ קליינעם לאַקאָנישן אַנאָנס: „אַ יונגע פרוי, אַ ברונעטין, ווינטשט זיך צו באַקענען מיט אַ סאָלידן מאַן ביז 40 יאָר, פון אינטעלעקטועלן ניוואָ. אַדרעסירן אין אַדמיניסטראַציע פאַר ב.".

גראָסבערג האָט אַ שמייכל געטאָן: „אַזוי ווייט האַלט עס שוין, אַז מ'זוכט חתנים דורך דער צייטונג?"...

ער האָט אַ מיש געטאָן די צייטונג ווייטער. אָבער, מערקווירדיק, ווי ביטולדיק ער האָט זיך נישט באַצויגן צו אַזעלכע אַנאָנסן, האָט זיך אים פאַרגלוסט נאָך אַ מאָל אַ בליק טאָן אויף יענעם אַנאָנס פון דער „יונגער פרוי". ער האָט געקוקט, געקוקט און גערעדט אין מחשבה:

— „יאָ, אַ „ברונעטין"... פאַר אַ פּאָר פראַנק קאָן איצט אַפילו אַ באָבע ווערן אַ ברונעטין"...

גראָסבערג איז געווען באַקאַנט אין זיין קרייז ווי אַן „עקשן"; ווי איינער וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל מער נישט חתונה האָבן. איין מאָל אין לעבן האָט ער שוין געמאַכט דעם „עקספּערימענט", — ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק. ס'איז אים אָבער

נישט געגאַנגען אין זיין פאַמיליע־לעבן. נישט געווען קיין האַרמאָניע און ער איז זיך צעגאַנגען מיט זיין פרוי נאָכן אָפּלעבן מיט איר אַ פּאָר יאָר. קיין קינדער זענען נישט געווען — זיי האָבן עס ביידע נישט געוואָלט, — איז דעריבער נישט אָנגעקומען אַזוי שווער די צעשיידונג. פון דעמאָלט אָן לעבט ער אַליין, מעשה־בחור. אגב איז אין מיטן אונטערגעקומען די צווייטע וועלט־מלחמה; די דייטשישע אָקופּאַציע פון פּאַריז; זיין אַנטלויפן אין דער שווייץ. אַ גאַנצע קייט שווערע איבערלעבענישן. און נאָך דער באַפרייונג איז ער געווען פאַרנומען עטלעכע יאָר מיטן צוריקשטעלן, רעסטאַווירן זיין פאַרלוירענע פּאָזיציע, — און גראָד מיט גרויס דערפאָלג. און אַזוי ציט זיך עס זיין „בחוריש" לעבן עד היום אין די פּאַריזער האָטעלן. אמת, אין פּאַריז — אין דער שטאָט פון ליבע — קאָן מען פון איינזאַמקייט נישט שטאַרבן... פון דעסטוועגן בענקט גראָסבערג יאָ אַמאָל נאָך אַ היימישער שטוב; נאָך אינטימער פרייד אין אייגענע דלד אמות. מען ווערט דאָך נישט יינגער. ביז וואַנען וואַרטן? ער קומט אַריין צו באַקאַנטע, צו פריינט, קוקט זיך צו צו זייער פאַמיליע־לעבן — און ער איז זיי מקנא. זיינע באַקאַנטע „מוסרן" אים: „וויפל איז דער שיעור צו לעבן אַליין?". אין גרונט זענען זיי נישט אומגערעכט. עס האָבן אים אַפילו באַקאַנטע לעצטנס געפּרוווט „פאַרשלייערן". מ'האָט אים באַקענט מיט איינער און אַ צווייטער פרוי; אָבער עס האָט זיך נישט געקלעפּט. נישט לויט זיין געשמאַק. און ער איז ווייטער געבליבן דער „עקשן".

„ס'וואָלט, כ'לעבן, געווען טשיקאַווע אויסצופּרוּוון אַמאָל אַ צופאַל"... — טראַכט ער, קוקנדיק אַלץ אויף יענעם אַנאָנס אין דער צייטונג. — „יאָ, איך קאָן מיר פאַרגינען צו מאַכן אַ שפּאַס און אָנקוקן יענע אומבאַקאַנטע „ברונעטין"..."

געטראַכט און געטאָן. גראָסבערג האָט זיך אַ שמייכלדיקער אויפגעהויבן פון דער סאָפע, איז צוגעגאַנגען צום טישל און אָנגעשריבן אַזאַ מין קורץ בריוול:

„זייער געשעצטע פרוי ב.!

אין פאַרבינדונג מיט אייער אַנאָנס דערלויב איך זיך אייך פאָרצולייגן אַ באַגעגעניש מיט מיר. איך וועל אויף אייך וואַרטן קומענדיקן מיטוואָך, צווישן 7 און 8 אין אָוונט, אין לעצטן צימער פון

קאַפע „טערמאָמעטער“ אויף פּלאַס דע לאַ רעפּובליק. כ׳וועל זיצן
ביי אַ טישל מיט דער צייטונג „לע מאָנד“.
מיט אַכטונג,
אומבאַקאַנטער“.

גראָסבערג האָט אַליין געלאַכט אין געדאַנק, בעת ער האָט דעם בריוו פּאַרקלעפּט אין אַ קאָנווערט, אָנגעשריבן דעם אַדרעס פון רעדאַקציע און נאָך דעם געטראָגן צו אַ פּאָסט־קעסטל. ער האָט זיך אַליין איינגערעדט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּאַס; אַ מין צייט־פאַרטרייב...

ב

גראָסבערג איז געווען פּינקטלעך. מיטוואָך 7 אין אָוונט איז ער שוין געזעסן ביי אַן אַפּעריטיוו אין „טערמאָמעטער“. כאָטש ער איז ווייט נישט געווען קיין נאַיוו שעמעוודיק בחורל, פון דעסטוועגן קאָן מען נישט זאָגן, אַז ער איז געזעסן אַזוי גלייכגילטיק. אַ קליין ביסל געשפּאַנט איז ער יאָ געווען — ווייט נישט ווי ביי אַ „שפּאַס“... ער האָט זיך אַפילו צו דעם ראַנ־דע־ווו אָנגעטאָן אַנדערש ווי אין די געוויינלעכע וואָכעדיקע טעג. ער איז געווען אין אַ שיינעם טונקל־ברוינעם אָנצוג, מיט אַ זיידן קאָלירט טיכל אין אויבער־טעשל פון רעקל. זיין געזיכט איז געווען פריש געגאָלט, זיין שעוועליור זאָרגעוודיק צוגעקעמט און אָפּגעפּרישט מיטן ווילגערוך פון לילאַ־אָדעקאָלאָן. ער האָט כסדר געהאַלטן דעם „לע מאָנד“, דעם „קאָפּ“ פון דער צייטונג צום אויסן. ער האָט פון צייט צו צייט אַ שלונג געטאָן פונעם אַפּעריטיוו און געוואָרפן בליקן צום אַריינגאַנג. געקוקט אויפן האַנט־זייגערל און געוואָרן שוין אומגעדולדיק.

דער רוב טישלעך זענען געווען פאַרנומען. ביי איינעם איז געזעסן עפּעס אַ יונג פּאָרל, וואָס האָבן שוין צו אָפּט צוגערוקט די קעפּ איינער צום אַנדערן און זיך געקושט. קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך.

ס׳איז שוין געווען פופצן מינוט נאָך 7, ווען ס׳איז אַריינגעקומען אַ יונגע, שלאַנקע דאַמע, טאָקע אַ ברונעטקע, וועלכע איז אַן קווינקלעניש, כמעט ווי זיך גאָרנישט אומקוקנדיק, דרייסט צוגעקומען צו גראָסבערגס טישל און אים אַ ווייז געטאָן זיין בריוו:

— מעסיע, עקסקיזע׳ מואַ... דאָס האָט איר געשריבן?
— יאָ, איך... זיצט, ס׳יל וו פּלע׳...
זי האָט זיך געזעצט אַנטקעגן אים.
— וואָס וועט איר טרינקען?
— קאַפע.
—אוועק פלעזיר (מיט פאַרגעניגן). אפשר גאַטאָ? (קיכעלעך).
— ניין, מערסי.
— אדרבה, עס וועט מיך זייער פרייען.

גראָסבערג האָט שוין באַוויזן אין די ערשטע פּאָר רגעס צו באַמערקן, אַז זי איז אין דער אמתן נאָך גענוג יונג, עלעגאַנט און טאַקע אויך זייער סימפּאַטיש. אַז איר שוואַרצקייט איז נישט פאַר אַ פּאָר פראַנק. עכטע שוואַרצקייט, ווי ביי אַ ציגיינערין.

— איך מוז אייך אָבער גלייך זאָגן, — גיט זי אָפּ ווי אַ „דערקלערונג", — אַז איר זאָלט נישט זיין אין טעות: דער בריוו, וואָס איר האָט געשריבן, איז נישט פאַר מיר, נאָר פאַר מיין קוזינע... מיין קוזינע האָט זיך זשענירט דאָס ערשטע מאָל אַליין צו קומען און זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך זען מיט אייך. אַ צווייט מאָל וועט זי שוין אַליין קומען.

די דאָזיקע אומגעריכטע „דערקלערונג" האָט גראָסבערגן געפּלעפט און פאַרדראָסן: נישט שיק פון יענער אַריינצוציען גאָר אַ קוזינע אין אַזאַ ריין־פערזענלעכן אינטימען ענין. ער האָט זיך פשוט דערפילט אומבאַקוועם און ווי געפאַלן אין די אויגן פון דער פרעמדער שיינער פרוי. אָבער כהרף־עין פאַלט אים איין אַ „טריק", ווי אַזוי זיך אַרויסצוראַטעווען מיט כבוד פון דער אומבאַקוועמער סיטואַציע:

— יאָ, איך פאַרשטיי זייער גוט אייער קוזינע, — זאָגט ער. — אַ פאַרשטענדלעכע זאַך.. אויך איך בין נישט דער שרייבער פונעם בריוו... דאָס איז מיין ייִנגערער ברודער... ער האָט מיך שטאַרק געבעטן, אַז דעם ערשטן שריט צו דער באַקאַנטשאַפט זאָל א י ך פאַר אים מאַכן.

די אומבאַקאַנטע פרוי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פרעגצייכן אויפן פנים.

— אין דעם פאַל, — זאָגט זי אין אַ ווײלע אַרום, — בלייבט אונדז צו באַשטימען ווען און ווו מיין קוזינע זאָל זיך באַגעגענען מיט אייער ברודער.
— קלאָר, נאַטירלעך.

אָבער דערוויַיל האָט זיך צווישן ביידע פרעמדע מענטשן ביסלעכווייז פאַרבונדן אַ גאַנץ הייטערער שמועס. דער „גאַרסאָן" (קעלנער) האָט געבראַכט קאַפע און שמעקעדיקן קעז־קוכן, וואָס גראָסבערג האָט באַשטעלט קעגן איר ווילן. מ'האָט געטרונקען, צוגעביסן. און ביידע האָבן גאַרנישט באַמערקט ווי די צייט רוקט זיך. אויך זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איי־לעוודיקייט אַוועקצוגיין.

„ווען זי גופא וואָלט עס געוועזן די קאַנדידאַטין, נישט איר קוזינע... באמת אַ ווילע, אינטעליגענטע און טאַקע שיינע פרוי. מלא חן"... — אַזוי האָט בעת־מעשה גראָסבערג געטראַכט, און וואָס ווייטער איז ער מער אַריינגע־פאַלן אין התפעלות.

שפּעטער אַ ביסל האָט אים די פרוי אַ פרעג געטאָן:

— צי קען מען וויסן אַ פּאָר פּרטים וועגן אייער ברודער? דאָס וויל איך וויסן פאַר מיין קוזינע...

— וואָס, אַ שטייגער, אינטערעסירט אייך צו וויסן?

— כ'מיין, ווי איז ער איינגעאָרדנט?

— איר ווילט וויסן צי קאָן ער געבן אַ וויַיב פּרנסה?

— טאַקע דאָס אויך... — ענטפערט זי אַ שמייכלדיקע, מיט אַ סך חן.

— באַרויִקט אייער קוזינע, — ענטפערט ער אויך אין זעלבן שפּאַסיקן טאָן, — קיין פּיראַט איז ער נישט, קיין אַל קאַפּאָנע אויך נישט. קיין פינצ־טערע געשעפטן פירט ער נישט.

די אומבאַקאַנטע האָט האַרציק געלאַכט. און וואָס מער זי האָט געלאַכט, אַלץ מער איז זי אים געווען צום האַרצן. לסוף האָט ער איר אין ערנסט געזאָגט, אַז ער האָט בשותפות מיטן ברודער אַ זייער גוט פּראָספּערירנדיקן דענטיסטישן קאַבינעט אויף מאָזשענטאַ.

— ביידע ברידער דענטיסטן? — חידושט זי זיך.

— ס'פּאַסירט אין לעבן אַזאַ צופאַל אויך.

— גוט, כ'וועל עס איבערגעבן מיין קוזינע.

— וואָס נאָך וועט איר איר זאָגן? צי בלויז די פּרנסה איז דער עיקר?

— אָ, ניין, מעסיע... וועגן אייער ברודער קאָן איך דאָך דערוויַיל גאָר־נישט זאָגן, — כ'קען אים דאָך נישט... כ'קאָן איר נאָר זאָגן מיין איינדרוק וועגן אייער ברודערס ברודער...

— זייער טשיקאַווע... איז אייער אורטייל אַ מילדער?

— דאָס איז מײַן געהיימעניש... — ענטפֿערט זי מיט אַן אינטריגירנ־דיקן שמייכל.

צוויי שעה האָט געדויערט דער דאָזיקער ערשטער שמועס צווישן ביי־דע אומבאַקאַנטע. פֿאַר איר אַוועקגיין פֿון קאַפֿע האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז זיי זאָלן זיך נאָך איין מאָל באַגעגענען און דאַן וועלן זיי שוין באַשטימען ווען די פֿאַראינטערעסירטע זאָלן זיך טרעפֿן.

— אפשר קאָן מען דערוויל וויסן כאָטש אייער פֿאַר־נאָמען? — פֿרעגט גראָסבערג. — מײַן פֿאָר־נאָמען איז בערנאַרד.

— און מיך רופֿט מען בעטי. אַלאָר (בכן), מיר טרעפֿן זיך דאָ אַ צווייט מאָל פֿרייטיק אין דער זעלבער צייט. ביען?

— טרע ביען! (זייער גוט) אַ רעוווּאַר, מאַדאַם בעטי!

— אַ רעוווּאַר!

ג

פֿרייטיק איז גראָסבערג, אַ שטאַרק פֿאַראינטריגירטער, ווידער געקו־מען אין „טערמאָמעטער". ער איז אויך דאָס מאָל געקומען דער ערשטער און פֿאַרנומען דאָס זעלבע טישל אין לעצטן חדר פֿון קאַפֿע. בעטי איז דאָס מאָל געקומען אין אַן עקסצענטריש מיניאַטור־היטעלע, וואָס איז געזעסן ווי אַ קרוינדל אויף איר שוואַרצן קאָפּ. זי איז דערשינען מיט גוטמוטיקן שמייכל און מיט דינעם, סובטעלן פֿאַרפֿום־אַראָמאַט פֿון זשאַסמין.

זיצן זיי ווידער, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווי־זאַ־ווי, און עס וועבט זיך ווײַטער דער המשך פֿון זייער ערשטן שמועס. לכתחילה דערציילט זי אים, אַז זי האָט איבערגעגעבן איר קוזינע אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָ גערעדט; און אויך גראָסבערג אימפּראָוויזירט אַ פּאָר פּרטים וועגן זײַן ברודער. און דער שמועס גייט ווײַטער. שוין נישט וועגן איר קוזינע און זײַן ברודער, נאָר סתם אַזוי. גיכער איז עס געווען אַ דעליקאַטע, פֿאַרזיכטיקע אויסשפּרעכע־ניש איינער ביים אַנדערן; אַ דיפּלאָמאַטיש אַריינדרינגען אין יענעמס אומ־באַקאַנטן וועלטל. ביידע האָבן געוואָלט דערגיין, צי האָבן זיי אפשר גע־מיינזאַמע באַקאַנטע; צי זענען פֿאַראַן געוויסע שייכותן, געוויסע פֿעדעם פֿון סביבה. פּאַריז איז אָבער אַ גרויסע שטאָט, אַ מיליאָנען־שטאָט. ייִדן לעבן

נישט אין קיין געטאָ — אַזוי אַז נישט אַלע מוזן האָבן איין און די זעלבע באַקאַנטע, און נישט אַלע מוזן זיך באַגעגענען אין איין און די זעלבע קאַפעען.

פון אַלגעמיינע פּרטים איז מען אַריבער צו פּערזענלעכע. איז בעטי געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אַ תושב אין פראַנקרייך נאָך פון די דרייסיקער יאָרן און אַז ער האָט שוין באַוויזן זיך צו שיידן מיט אַ פרוי. און ער ווי־דער איז געוואָר געוואָרן, אַז זי, בעטי, איז איצטער אויך אַליין; אַז איר מאַן, אַ דערפאָלגרייכער אינדוסטריעלער, איז בעת דער היטלער־אָקופּאַציע אַריינגעפאַלן אין אַ לאַגער, אין דראַנסי (ביי פּאַריז) און פון דאָרט — קיין אוישוויץ. און אַז איצט איז זי אַליין און פאַרנעמט זיך מיט פּריוואַטע מוזיק־לעקציעס און לעבט מאַטעריעל נישט שלעכט. איר אָנטאָן זיך, איר שיק זאָגט אויך עדות וועגן דעם, אַז קיין פראַנק פעלט איר נישט.

— בעת דעם מלחמה־אויסברוך איז ביי אייך קיין קינד נאָך נישט גע־ווען? — פרעגט ער.

— צום גליק נאָך נישט. ס'איז געווען ערשט עטלעכע חדשים נאָך אונדזער חתונה.

— עס חידושט מיך, — זאָגט גראָסבערג, — וואָס שוין עטלעכע יאָר נאָך דער באַפרייונג און קיין מאַן „אָקופּירט" אייך נישט.

— מסתמא שיץ איך זיך קעגן „שונא"... — לאַכט זי.

— און איך מיין, אַז יעדע פרוי וואָלט גערן געוואָלט אַריינפאַלן אין „שונאס" געפאַנגענשאַפט.

— אין אַלגעמיין יאָ. עס ווענדט זיך אָן דעם כּוח פון „שונא".

— קלאָר... דער „שונא" מוז זיין אַ גוטער סטראַטעג.

— נו, און איר? — פרעגט זי אין אַ ווילע אַרום, — פאַרוואָס זייט איר אַליין? איך גלויב, אַז כאָטש איר האָט זיך צעשיידט מיט אייער פרוי, דאָך מיינט עס נאָך נישט, אַז איר זייט אַ פיינט פון אַלע פרויען. אַ פּרינצי־פּיעלער אַנטיפעמיניסט.

— אָ, דאָס געוויס נישט! דער עיקר קאָן עס נישט געזאָגט ווערן וועגן מיר אין די לעצטע טעג... — ענטפערט ער מיט אַ רמז און שמייכלט איר אַריין אין געזיכט.

— וואָס הייסט עס? פאַרוואָס גראָד די לעצטע טעג? — מאַכט זי זיך נישט פאַרשטייענדיק.

איר זיסער שמייכל גיט אים צו מער קוראַזש און ער ענטפערט, אָנבעמענדיק זי ביי דער האַנט:

— אויב עס זענען פאַראַן אויף דער ערד אַזעלכע פּרעכטיקע פרויען ווי איר, מאַדאַם בעטי, קאָן מען שוין נישט זיין קיין אַנטיפעמיניסט.

בעטי האָט איר האַנט פון זיינער נישט אַרויסגעצויגן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די וויִעס איבער די טונקעלע אויגן און ווי שעמעוודיק באַמערקט:

— צי קאָנט איר אַזוי ריידן ביי אַ צווייטער באַגעגעניש מיט אַ פרוי? איז עס נישט צו פריי?

— כ'ווייס נישט. נישט איך — דאָס האַרץ רעדט עס אַרויס פון מיר.

דאָס האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אינסטינקטיוו, שוין אין אַ צו ערנסטן טאָן. ער איז קיין באַלעבאָס נישט געווען איבער זיינע ווערטער.

די דאָזיקע צווייטע באַגעגעניש האָט זיך נישט געענדיקט אין „טערמאָמעטער". אויף גראָסבערגס פאַרשלאַג זענען זיי פון דאָרט אַוועק אויף אָוונט־ברויט אין אַ רוישיקן רעסטאָראַן. זיי זענען געזעסן ביי אַ פיין סערווירטן טישל, אין אַ זייטיקער נישע, ווי אין אַ לאָזשע. זיי האָבן געמיטלעך געגעסן, געטרונקען שאַמפּאַניער און די שטימונג בייביידן איז געווען אַ געהויבענע. גראָסבערג האָט גערעדט אַ סך, דערציילט. בעטיס שמייכל האָט אים ממש פאַרשיכורט. אָבער אויך זי, בעטי, איז נישט געווען גלייכגילטיק.

ד

אויך דאָס דריטע מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט נאָר זאַלבענאַנד: זי האָט אים דערקלערט, אַז איר קוזינע איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף אַנגינע, און ער איר — אַז זיין ברודער איז גראָד מיט אַ טאָג פריִער אַרויסגעפאָרן אויף אַן אויספלוג אין די וועלדער פון פאָנטענעבלאָ, האָט געזאָלט היינט נאָך צוריקקומען און איז נאָך אַלץ נישטאָ.

— אַ שאָד, — זאָגט זי.

— יאָ, אַ שאָד... — ענטפערט ער, — אָבער פאַרפאַלן. נישטאָ וואָס צו מאַכן. וועלן מיר מוזן אָפּלייגן זייער באַגעגעניש אויף אַן אַנדערש מאָל.

דער היינטיקער אָוונט האָט שוין געהאַט אַ רייכערן פאַרלויף: נאָכן „טערמאָמעטער" זענען זיי אַוועק אין זעלביקן רעסטאָראַן אויף אָוונט־ברויט און פון דאָרטן — אין בוא דע בולאָן (בולאָנער וואַלד). דער יולי־אָוונט

איז געווען אַ הייסער, אַ פאַרנער. האָט גראָסבערג פאַרגעלייגט מ׳זאָל מאַכן דעם שפּאַציר אין בולאָנער וואַלד. זיי זענען צוגעפאָרן אַהין מיט דעם מעטראָ און פון דער מעטראָ־סטאַציע האָבן זיי צוגעשפּאַצירט צו דער גרויסער קאַפעטעריע אינעם האַרץ פון וואַלד. זיי האָבן פאַרנומען אַ טישל צווישן ביימער, אונטער אַ פאַרביקן שירעם, ביי פיינע פאַרציעס „גלאַס" (אייז־קרעם), אונטער די קלאַנגען פון אַ שיינעם פידל־אָרקעסטער. זיי האָבן שוין היינט גערעדט ווי היימישע, ווי אַלטע גוטע באַקאַנטע נישט פון טעג, נאָר פון יאָרן. גראָסבערג איז אַריינגעפאַלן אין אָפנהאַרציקייטן — ווי פאַר אַ נאָענטן מענטשן. אויך זי, בעטי, האָט אויפגענומען זיינע רייד נישט מיטן אויער, נאָר מיטן האַרץ.

זיי האָבן זיך גענוג לאַנג דאָרט פאַרזעסן און פאַררעדט. שפּעט אין אָוונט, צוריקגייענדיק פון דער קאַפעטעריע צו דער מעטראָ־סטאַציע, האָט שוין גראָסבערג געהאַלטן בעטין אונטערן אָרעם. אין מיטן גיין האָט ער פאָרגעלייגט בעטין זיי זאָלן זיך צוזעצן אַ ביסל אויף איינער פון די בענק, וואָס ביים ראַנד פונעם וואַלד־וועג.

— אין אַזאַ נאַכט גלוסט זיך גאָרנישט אַהיים צו גיין, — זאָגט ער.

בעטי האָט אָן ווערטער זיך געלאָזט צופירן צו אַ באַנק און זיי האָבן זיך צוגעזעצט. פון אויבן האָט די לבנה, דורכן געפלעכט פון ביימער, געשיקט אירע בלויע צויבער־פינגער, וואָס זענען צוגעפאַלן צו זייערע קעפּ. איז דאָ אין דער נאַכטיקער שטילקייט און איינזאַמקייט געווען אַ רגע, ווען גראָסבערג איז מיט זיין גאַנצער אַנגעזאַמלטער בענקשאַפט פאַר די לעצטע טעג צוגעפאַלן צו בעטיס ליפּן. אויך בעטי איז געווען ווי פאַרשיכורט. מיט איר צאַרטער האַנט האָט זי לכתחילה געוואָלט אָפּשטופּן זיין קאָפּ; אָבער צו שוואַך איז זי געווען אַנטקעגן זיין גבורהדיקן אויפבראָז און לסוף האָט זי נאָך מיט אירע אָרעמס אַרומגענומען זיין קאָפּ.

אין דער דאָזיקער נאַכט, אויף דער איינזאַמער באַנק אין וואַלד, האָבן ביידע, אין זייער נישט־ניכטערן צושטאַנד, דעפיניטיוו אָפּגערעדט: שוין די צווייטע וואָך גייען זיי אַריין צו אַ רב אויפן ידישן „פּלעצל" און שטעלן אַ חופּה.

— איז עס נישט צו אייליק? — האָט זי, הערנדיק זיין פאָרשלאַג, געפרעגט.

— ניין, טייערע, איך האָב אויף דיר שוין לאַנג, צו לאַנג געוואַרט.

— זיכער אויף מיר?

— זיכער! איצט פֿאַרשטיי איך, וואָס ביז איצט איז מיר קיין איין פרוי קיין מאָל נישט געווען אַזוי צום האַרצן: ווייל דו האָסט געדאַרפט צו מיר דערשיינען. ד ו!...

און ערשט איצט איז אויך געקומען דער מאָמענט, ווען בעטי האָט אים אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז זי איז עס טאַקע — די קוזינע...

דערהערנדיק דאָס, האָט גראָסבערג אַזש זיך צעקייכט פון געלעכטער.

— בעטי טייערע... — רעדט ער אַ לאַכנדיקער, — און איך לאָז דיר פֿייערלעך צו הערן, אַז איך בין עס — מיין ב ר ו ד ע ר...

האָבן זייביידע נאָך מער געלאַכט. ס'איז געווען אַ פריידיק געלעכטער אין דער שטילער נאַכט אַריין. זיי האָבן געלאַכט און זיך געקושט, געקושט און געלאַכט. ביידע זענען געווען פֿאַרכלינֿיעט פון אַן אומגעריכטער כוואַליע פרייד.

די לבנה האָט פון אירע הויכענישן געקוקט אויף די גליקלעך־לאַכנדיקע און האָט אויך בלוי צוגעשמייכלט.

בוענאָס־איירעס, 1959

אויסגעלייזטער טרויער

אין דער געמיטלעכער היים פון דער זינגערין נעמי איז געווען פֿאַרזאַמלט אַ גרופּע פריינט און באַקאַנטע. אַלע פּליטים, געקומענע נאָכן חורבן פון יענער זייט אַטלאַנטיק, פון די חרובע יידישע היימען.

אַלע זענען שוין ווי עס איז איינגעאָרדנט אין דעם אַמעריקאַנער לאַנד; אַ ביסל שוין איינגעזעסן. אָבער די אַלע מענטשן פון „יענער זייט" האַלטן זיך נאָך צוזאַמען. פאַר די היגע תושבים, די אַלטע אימיגראַנטן, גילטן זיי נאָך אַלץ ווי „גרינע", און די „גרינע" פילן זיך נישט אַזוי היימיש מיט די אַלטגעזעסענע, גלייך ווי צווישן זיי וואָלט כסדר געשטאַנען אַ וואַנט פון פרעמדקייט. כאָטש אין גרונט גענומען זענען דאָך סיי די און סיי יענע די זעלביקע יידן; יידן, וואָס שטאַמען פון איין און די זעלבע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ליטע און רוסלאַנד. דער חילוק איז נאָר אין די יאָרן, ווען די און ווען יענע האָבן אויסגעוואַנדערט פון דאָרטן. די גרענעץ צווישן די און יענע איז געווען דער חורבן, דער בלוטיקער מבול, וועלכער האָט פאַרגאָסן זייערע אַמאָליקע היימען...

פילן זיך דעריבער מער היימיש, מער נאָענט די פּליטים איינע מיט די אַנדערע. עס פאַרבינדן זיי איינע און די זעלביקע טראַגישע איבערעלבענישן. זיי האַלטן זיך דאָ, אין דער נייער וועלט, צוזאַמען. קומען איינע צו די אַנדערע ווי צו אייגענע, ווי צו ברידער. היינט טרעפט מען זיך ביי איין פּליט, מאָרגן ביי אַן אַנדערן, איבערמאָרגן ביי אַ דריטן. מ'גייט צוזאַמען אין קינאָ, אין טעאַטער. מען פאַרברענגט, מען ווײַלט זיך צוזאַמען. און פּראַוועט ווער אַ שמחה, זענען אַלע פונעם פּליטים-קרייזל זיינע געסט, וואָס פרייען זיך מיט אים מיט. טרעפט, חלילה, ביי עמיצן אַן אומגליק, אַ לוויה, זענען די פּליטים די מלווים, די מיטבאַטייליקטע אין טרויער.

אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט איז עס געוואָרן אַ נייע משפּחה — די פּליטים־משפּחה.

**
*

היינטיקן אָוונט האָט מען זיך צונויפגעקליבן ביי דער זינגערין נעמי צוליב אירער אַ שמחה: היינט פאַלט אויס איר געבוירן־טאָג, און עולם האָט איר אָנגעבראַכט מתנות. ווער — בלומען, ווער — אַ באָנבאָניערע, ווער — אַ בוך. די באָנבאָניערעס — שוין געעפנטע — שטייען אויפן רונדן טיש. די באַלעבאָסטע סערווירט טיי און דער עולם האַלט זיך אונטער גע־מיטלעך. מען רעדט, מען דערמאָנט. איעדער איינער פון די פּליטים האָט אַ סך, אַ סך צו דערציילן. אַזוי פיל איבערגעלעבט אין דער גרויליקער צייט, אַז עס קלעקט צו דערציילן אויף יאָרן... ווער עס האָט די מלחמה־יאָרן אַדורכגעמאַכט אין היטלערס געטאָס, ווער אין די טויט־פאַבריקן און ווער גאָר אין די סאָוועטישע תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דערציילט מען, דערמאָנט מען פאַרשיידענע עפּיזאָדן: טראַגישע און טראַגי־קאָמישע.

— איר ווייסט? — רופט זיך אָפּ די באַלעבאָסטע, — מיט די „היזיקע״ איז מיר אָפּט מאָל אַזש שווער צו ריידן אויף דער טעמע: ערשטנס, הערן זיי עס אויס נישט גערן... עס קאָן זיי חס ושלום רויבן זייער רו... און, צווייטנס, בעמען זיי עס גאָרנישט אויף אַזוי ווי מיר — די דירעקטע קרבנות.

— אמת, אַזוי איז עס טאַקע, — האַלט אונטער סאָניע אשכנזי, אַן אָפּשטאַמיקע פון אַ שטאָט אין דער ליטע, אַ געראַטעוועטע אויף דער „אַרי־שער זייט״. און זי דערציילט:

— בעת כ׳בין אַהער געקומען, בין איך געווען די ערשטע פּליטה. כ׳האָב דאָ קיינעם נישט געהאַט אַ חוץ די לאַנדסלייט. צווישן זיי עטלעכע געוועזענע חברים און חברטעס. די ערשטע טעג האָט מען זיך געריסן פאַר מיר. איטלעכער האָט מיך פאַרבעטן אויף מיטאָג, אויף אָוונט־ברויט. איין אָוונט זיץ איך ביי אַ געוועזענעם חבר און יענער פרעגט מיך אויס וועגן זיין אומגעקומענעם ברודער. אַז יענער לעבט נישט, — דאָס ווייס ער שוין. דערצייל איך אים — ווי שוין פאַר מיר אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך — די פּרטים ווען און ווי אַזוי ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן; ער מיט זיין פרוי און קינדער. כ׳בין נאָך דעמאָלט געווען אין געטאָ און פלעג זיך אָפט זען

מיט אים און ווייס געווי דעם פאַרלויף פון יענער „אַקציע" אין געטאָ. מיר מיט מיינע קינדער איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן און טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך יענער „אַקציע" זענען מיר אַרויס אויף דער „אַרישער זייט".

צומאָרגנס טעלעפאָנירט צו מיר די פרוי פון דאָזיקן געוועזענעם חבר מיינעם מיט אַ גרויסן ירגזון: „סטייטש און סטייטש? פאַרוואָס זייט איר געווען אַזוי נישט פאָרזיכטיק און דערציילט מיין מאַן די אַלע איינצלהייטן וועגן אומקום פון זיין ברודער? ער האָט דאָך אַ גאַנצע נאַכט נאָך דעם נישט געשלאָפן פון עגמת־נפש. צי דען ווערט מיין מאַן יענעם לעבעדיק מאַכן?" האָב איך איר געענטפערט דורכן טעלעפאָן: „אויב אייער מאַנס ברודער איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען, מעג אייער מאַן כאָטש איין נאַכט נישט שלאָפן"... — און זינט דאַן קומט מער מיין פוס נישט אַהין, אין יענער שטוב.

— און מיך האָבן צום ערגסטן געקרענקט די „קלוגע אַרגומענטן" פון די „היזיקע", — באַמערקט אַן אַנדערער פון די געסט, אַ פּען־מענטש. — דאָס ערשטע יאָר, אַז כ'האָב זיך דאָ זייער געפּלאָגט מיט מיינע בני־בית אָן אַ דירה, אין אַ צימערל ד' על ד' פון עפּעס אַ האָטעלכל און האָב זיך געקלאָגט פאַר מיינע לאַנדסלייט, האָט מיר איינער פון זיי, אַן אויפגעקומענער עושר אין די מלחמה־יאָרן, בעת מיר האָבן דאָרטן געבלוטיקט, געענטפערט מעשה־תם: „די פליטים קלאָגן זיך צופיל. זאָגט נאָר, אין די געטאָס און לאַגערן איז אייך בעסער געווען?... מיר אין די „גרינע יאָרן" האָבן אַזאַ צימערל אויך נישט געהאַט".

און אַן אַנדערער פון דער מסיבה, אַ פּליט־אַקטיאָר, אַ געוועזענער „זעקאַ" *) אין סאָוועט־רוסלאַנד, אילוסטרירט מיט אַן אַנדער „בלימל" די „נאַיוויטעט" פון די „היזיקע" מענטשן.

— די טעג, — דערציילט ער, — האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט אַ גאַנץ פאַרנונפטיקן ייִד, אַ ייִד אַ „קאָכלעפל", אַ פּרעזידענט פון אַן אינסטיטוציע, אַ ביסל אַן „אויסגעלינקטער". כ'האָב אים דערציילט אין שמועס וועגן דער אכזריותדיקער האַנדלונג פון דער „נ.ק.וו.ד." לגבי די ייִדישע

*) אַ פאַרשלאָסענער אין אַ לאַגער.

פליטים אין 1940, אין די ראַנד־געביטן פון פּוילן. דערציילט אים ווי אַזוי מ׳האָט אויף אַ ברוטאַלן און באַרבאַרישן אופן צעשיקט אין די תפיסות און לאַגערן לערך פיר הונדערט טויזנט פּוילישע יידן! האָט מיך יענער אויסגע־הערט, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און צום סוף מיך אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, פאַרוואָס האָט מען אייך פאַרשיקט אין אַ לאַגער? גלאַט אַזוי לייגט זיך דאָך נישט אויפן שכל. מסתמא פאַר „עפּעס״...״.

אין מיטן שמועס, בעת אַלע געסט זענען שוין געוואָרן סערווירט, איז ווידער געקומען צום וואָרט נעמי, די באַלעבאָסטע גופא, די היינטיקע גאַסט־געבערין. לכתחילה האָט נעמי דערציילט טראַגי־קאָמישע פּאַסירונגען פון דער „אַרישער זייט״; ווי אַזוי זי איז אַנגעגאַנגען ווי אַ קאַטוילין אין אַ פּוילישער שטוב אין אַ שטאָטביים טייך סאַן; וועגן אירע באַזוכן אין קלויס־טער; איר בעטן צו דער „מאַטקאַ באָסקאַ״; איר זינגען די „קאָלענדעס״ *). דערביי האָט נעמי — פאַר אַן „אילוסטראַציע״ — אויסגעזונגען איין „קאָ־לענדע״ מיטן עכט־קלויסטערישן טעם.

עולם האָט בעת־מעשה טרויעריק געשמייכלט.

— אין דער קאַטוילישער שטוב, — דערציילט ווייטער נעמי, — פלעגט מען מיך שטענדיק בעטן איך זאָל זיין די פאַרזינגערין. ס׳איז זיי אַלעמען געפעלן געוואָרן מיין שטימע. איין מאָל, זינגענדיק, האָב איך זיך פאַרגעסן און אַריינגעמישט אַ פּאָר טענער פון עפּעס אַ יידישן פאָלקס־ליד... — „צאָ טאָ, צאָ טאָ זאַ שפּיעוו, פּאַני בראָניסלאַוואָ?״... ** — האָבן זיך מיינע באַ־לעבאָטים געכאַפּט. (מיין אַרישער נאָמען איז געווען „בראָניסלאַוואַ״)... שווער, זייער שווער איז מיר טייל מאָל אָנגעקומען דאָס מאַסקירן זיך, דאָס פאַרשטעלן זיך פאַר די שטוביקע פאַר אַן עכטער, פאַר אַ געבוירענער קריסטין... צום ערגסטן איז עס פאַר מיר געווען בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ. איין פרימאָרגן — ס׳איז געווען אַ זייער שיינער זוניקער פרי־מאָרגן — זיץ איך אויפן באַלקאָן וואָס איז אַרויס צו די מויערן פון געטאָ, און אָטעם אַריין אַ ביסל פרישע לופט. צופיל דרייען זיך אין גאַס — אַפילו מיט מיין „גוטן אויסזען״ — איז אויך נישט געווען געזונט. פּלוצלינג דער־

*) ווייַנאַכט־געזאַנגען.

**) וואָס איז דאָס פאַר אַ געזאַנג, פּאַני בראָניסלאַוואָ?

הער איך אַ טומל פון גאַס. אונטן ווערט אַ געלאַף פון מענטשן. עס דערטראָגן זיך צו מיר פון אונטן קולות: „די דייטשן ליקווידירן די געטאָ“. אין האַרצן האָט זיך מיר ווי עפּעס אָפּגעריסן און ס׳האָט געזעצט ווי מיט אַ האַמער. באַלד דערהער איך שוין דייטלעך די ריטשערייען פון די „ס. ס.“־לייט: „שנעלער!“... „לאָ־אָס!“... „לויזיקע יודען־באַנדע!“... די דאָזיקע ריטשערייען זענען אויסגעמישט מיט געוויינען... יידישע געוויינען... כ׳האָב אין גאַנצן אָנגעהויבן צו ציטערן. מיר האָט זיך בעת־מעשה געדאַכט, אַז דאָס וויינט מיין מאַמע... און אָט דערזע איך ווי דורך אַ קווער־גאַס, גאָר נישט וויט פון מיר, ציט זיך אַ מחנה, געטריבן פון די באַוואָפנטע „ס. ס.“־לייט. דאָס טרייבט מען די מחנה יידן צום וואָקזאַל, צו די וואַגאָנעס... „מיין מאַמע! מיין מאַמע!“ — האָט עס מיר געזעצט אין קאָפּ, אין די שלייפן, אין האַרץ.. און אַזוי איז די געטריבענע מחנה יידן פאַרשוואונדן פון מיינע בליקן. כ׳בין געבליבן זיצן אַ צעבראָכענע, אַ דערשלאָגענע. אין די אויערן האָט מיר אַלץ געקלונגען דאָס יידישע געוויין... איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן אויפן באַלקאָן. דאָס שווערסטע, דאָס פּיינלעכסטע איז פאַר מיר אין יענער רגע געווען דאָס אַריינקומען אין שטוב מיט אַ כלומרשט גלייכגילטיקן פּנים. אַפילו פאַרן גרעסטן אַקטיאָר וואָלט עס שווער געווען אויסצופירן די דאָזיקע ראָל. בלוט גיסט זיך מיר פון האַרצן — און שמייכל נאָך דערביי.

די זינגערין נעמי האָט בעת־מעשה אויסגעווישט אַ טרער און ווייטער דערציילט:

— און אין דער קריסטלעכער שטוב איז דאַן געווען אַ הייטערע שטימונג ביי אַלעמען. דער אַנטיסעמיטישער באַלעבאָס, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער „עלעקטראָווניע“, איז געווען אַזש בגילופין וואָס מען ווערט פּטור פון די „זשידעס“. עס פרייט זיך די באַלעבאָסטע, וואָס שפּילט תמיד די אידעלע — די „שליאַכעטנאַ“, — די אינטעליגענטקע. עס פרייט זיך אויך דער דערוואַקסענער זון, דער סטודענט, — אַ שונא ישראל, וואָס פלעגט ברענגען אַלע טאָג כלערליי נייעסן וועגן יידן און האָט עס דערציילט מיט שאָדן־פרייד. איך פלעג שיער נישט פּלאַצן דאָס הערנדיק און האָב נאָך געמוזט מאַכן אַ מינע פון אַ גלייכגילטיקער. אין יענעם טאָג, בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ, האָט ער ממש טריומפירט: — „ענדלעך ווערן מיר אויסגעלייזט פון די זשידעס. די דייטשן וועלן זיי שוין אויסענדיקן אין אָש־

וויענטשים... און נישט נאָר ביי אונדז אין שטאָט, נאָר אומעטום. אין גאַנץ פוילן״... אויפן סטודענט בין איך געווען נאָך מער אויפגעבראַכט, ווייל גראָד האָט ער מיטגעאַרבעט אין פוילישן אונטערערד, קעגן די דייטשן... כ׳האָב אים פשוט נישט געקאָנט קוקן אין זיין פּרצוף און בין אַריין אין מיין צימערל. ס׳האָט זיך מיר אַזוי געגלוסט אויסוויינען... אָבער מ׳האָט מיך באַלד גערופן צו מיטאָג. ביים טיש האָב איך אויסגעטראַכט אַ תּירוץ, אַז די ציין טוען מיר שרעקלעך וויי און בין צוריק אַרויס. אין אַ ווילע אַרום קומט אַריין צו מיר ווידער די באַלעבאָסטע מיט אַ פלעשעלע ספּירט און וואַטע, כ׳זאָל עס צולייגן צום קראַנקן צאָן. כ׳האָב עס גענומען פון איר, געמוזט טאָן וואָס זי האָט מיר געהייסן און זיך איינגענורעט מיטן פּנים אין קישן. אַזוי לאַנג ווי ס׳האָט געדויערט דער מיטאָג האָב איך אַריינגעכאַפּט און זיך אַ ביסל אויסגעכליפּעט פאַרשטיקטערהייט... זינט יענעם טאָג זע־נען מיינע ליידן געוואָרן אומדערטרעגלעך. די ליקווידאַציע פון געטאָ — צוזאַמען מיט מיין מאַמען און אַלע מיינע נאָענטע — האָט מיך אין גאַנצן איינגעבראָכן. עס האָט זיך מיר כסדר געגלוסט וויינען, אויסקלאָגן מיין בראָך. אָבער ווו? ווי אַזוי? „ציין־ווייטאָג״ קאָן דאָך נישט תּמיד גילטן פאַר אַן אויסרייד. אַרומגיין ווידער אין שטוב אַ פאַרטרויערטע — דאָס איז פאַר מיר געווען לעבנס־געפערלעך. מיין טרויער קאָן דאָך דערוועקן צו מיר אַ חשד. צי קאָן דען ווער גאָר פאַרשטיין ווי פיינלעך שווער ס׳איז פאַר מיר אין יענע מאָמענטן געווען צו שפּילן די ראָל פון אַ מונטערער!... אָבער דורך אַ צופאַל האָט זיך פלוצלינג דער דאָזיקער מצב געענדערט און כ׳האָב באַקומען די מעגלעכקייט פריי צו וויינען.

נעמי האָט ווידער אויסגעווישט אַן אַנגעלאָפענע טרער אין אויג און געצויגן ווייטער איר דערציילונג:

— ...און געשען איז דער צופאַל טאַקע צוליב דעם סטודענט — דעם גרעסטן אַנטיסעמיט אין שטוב. דער סטודענט, וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין אונטערערד, אין דער פויליש־פּאַטריאָטישער „אַ. ק.״ („אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ — לאַנדסאַרמיי), איז איין פאַרנאַכט אַרויס פון שטוב און שוין מער נישט צוריקגעקומען. אַז די באַאומרויקטע טאַטע־מאַמע זענען באַלד צומאָרגנס אַרויס זיך נאָכפרעגן אויפן זון, זוכן אים ביי זיינע חברים, האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז זייער זון לעבט שוין נישט. די „געסטאַפּאָ״ האָט אים, צוזאַ־מען מיט נאָך עטלעכע „אַ. ק.׳אָווצעס״, געכאַפּט ביינאַכט ביי אַ געהיימער

דרוקעריי און מ׳האָט זיי אַלעמען אויפֿן אָרט ליקווידירט. דאָס האָט איבער־געגעבן איינער אַ חבר, אַ מיטבאַטייליקטער, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטלויפֿן פֿון יענעם פּלאַץ. מען ווייס אַפֿילו נישט ווו די דערשאָסענע קערפּערס זענען אַהינגעקומען. אין שטוב איז געוואָרן חושך. טאַטע־מאַמע האָבן געוויינט, געקלאָגט... נו, און דעמאָלט ערשט האָב איך אָנגעהויבן פֿריי צו באַוויינען מיין מאַמען... אַלע מיינע נאָענטע, וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אוישוויץ... איך האָב ערשט פֿריי געלאָזט מיין טרויער און מיין צער... און אין שטוב האָבן אַלע געמיינט, אַז איך וויין עס אויך כסדר אויף זייער אומגליק. „מיר האָבן גאָרנישט געוווסט ס׳אַראַ איבערגעגעבענע עס איז אונדז די פּאַני בראָניסלאַוואַ״... — האָט געזאָגט צום מאַן מיין וויינענדיקע באַלעבאָסטע.

— און פֿון דעמאָלט אָן, — פֿאַרענדיקט נעמי איר טרויעריקן עפּיזאָד, — האָב איך אויפֿגעהערט שפּילן אין דער קריסטלעכער שטוב די ראָל פֿון אַ פּריילעכער. מיין דערשטיקטער טרויער איז געוואָרן אויסגעלייזט.

בוענאָס־איירעס, 1958

זיין ערשטע און לעצטע ליבע

בעני שאַפּיראָ איז אָנגעקומען קיין אַרגענטינע באַלד נאָכן בלוטיקן מבול. אין דער היים האָט ער אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן און ער איז אַנטלאָפן פון די חורבות וואָס ווייטער, ווייטער...

אין פרעמדן לאַנד איז ער געווען עלנט, אַליין. ער האָט געדאַרפט אָנהויבן אַלץ פון ס׳ניי, פון סאַמע אַלף. אַלץ איז אים דאָ געווען פרעמד. פרעמדע מענטשן פון הילפס־קאָמיטעטן האָבן אים געגעבן עצות, אָנווייזונגען. מ׳האָט אים געשיקט פון איינעם צום אַנדערן. ביז וואַנען ער האָט לסוף געקריגן אַ צייטווייליקע באַשעפטיקונג אין אַ ביוראָ פון אַ ייִדישער אינסטיטוציע. דאָרט האָט ער געאַרבעט אַ פּאָר שעה אין טאָג פאַר זייער אַ נישטיקן געהאַלט. ער איז פון באַרוף גאָר געווען אַ פאַרמאַצעווט, געווען אין דער היים אַפילו אַן אייגנטימער פון אַן אַפּטייק; אָבער איידער ער וועט זיך דאָ אויסלערנען די פרעמדע שפּראַך; איידער ער וועט דורכמאַכן די פּראָצעדור, כדי צו קאָנען אַרבעטן ביי זיין פאַך, דאַרף נאָך גענוג דויערן.

שפּעטער אַ ביסל, אַז שאַפּיראָ איז שוין געווען ווי עס איז איינגעאָרדנט אין אַ שטיקל דירה, באַקענט זיך אַ ביסל מיט דער שטאָט, מיט די גאַסן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אויף מענטשן. ער איז געוואָר געוואָרן, אַז דאָ איז פאַראַן זיינע אַ לאַנדסמאַנשאַפט. האָט ער אין איינעם אַן אָוונט זיך דערפרעגט אַהין. קיין באַקאַנטע האָט ער דאָרט נישט געטראָפן — די אַלע מענטשן זענען שוין פון לאַנג אויסגעוואַנדערטע פון זיין היימשטאָט; אָבער טייל נעמען זייערע האָט ער יאָ געדענקט פון אַמאָל און אויך זיי האָבן געוווּסט וועגן אים ווער ער איז, ווער זיין טאַטע איז געווען. האָבן אים לאַנדסלייט אַרויסגעוויזן היימישקייט. ס׳איז גראָד ביי זיי יענעם אָוונט געווען אַ פאַרוואַלטונגס־זיצונג און דער פּרעזידענט האָט לכבוד אים גע־

האַלטן אַ באַגריסונג־ספּיטש. אַ בייכלדיקער ייִדן, מיט אַ רויטלעך לבנה־פּנים, מיט אַ זעלבסט־צופרידענער מינע, האָט ער, פּינטלענדיק מיט די אויגן, באַנוצט סאַמע אויסגעזוכטע, סאַמע הויכע פראַזן, וואָס יענער האָט אַ פּנים אַליין נישט פאַרשטאַנען זייער באַטייט. ער האָט זשעסטיקולירט מיט די קורצע הענט און באַרינגלטע פינגער און גערעדט מיט פּאַטאָס מכּוח זייערע „אויפטועך":

— מיט טיטאַנישע שריט איז אונדזער פאַרוואַלטונג געגאַנגען צום גיי־גאַנטישן ציל — צו געבן קאָנסטרוקטיווע הילף די קרבנות פון אונדזער אַלטער היים. יעדן פּליט באַזונדער, וואָס האָט זיך צו אונדז געווענדט, האָבן מיר גלייך געענטפערט מיט די וואַרעמסטע ווערטער און אַריינגעלייגט אין בריוו פינף דאָלער, אָדער מיר האָבן אים אַרויסגעשיקט אַ שפּייז־פּעקל.

אויסהערנדיק די נאָבעלע רייד פון פּרעזידענט, האָט שאַפּיראָ ביי זיך אַ טראַכט געטאָן: „גאָט צו דאַנקען וואָס איך דאַרף צו זיי נישט אָנקומען; וואָס איך טינטל אין אַ ביוראָ און פאַרדין מיין אָרעם שטיקל ברויט"...

דער פּרעזידענט איז אַ ווייל אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך געגומען סודען מיט די שכנים זיינע ביים אויבנאָן. באַלד רעדט ער ווייטער שוין אין אַ מער פייערלעכן, געהויבענעם טאָן, קוקנדיק דערביי צום גאַסט:

— און איצט, חשובער גאַסט, וועלן מיר אייך מאַכן אַ סיורפּריז: היות ווי איר זייט דער ערשטער פּליט, וואָס קומט צו אונדז, האָט אונדזער פּרע־זידיום איינשטימיק באַשלאָסן אייך צו מאַכן פאַר אַ לעבנסלענגלעכן ערן־מיטגליד פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט!

דער עולם האָט געפּאַטשט בראַוואָ און שאַפּיראָ האָט זיך באַהערשט נישט אַ לאַך צו טאָן פון דער גראָטעסקער סצענע. ער איז שוין לאַנג דאָרט נישט געבליבן. ער האָט באַדאַנקט פאַרן „סיורפּריז" און איז אַוועק.

אָבער איין זאַך האָט ער יאָ דערגרייכט אין זיין לאַנדסמאַנשאַפט: ער איז דאָרט געוואָר געוואָרן וועגן אַ נאָמען, וואָס האָט אים איבערראַשט און דערפרייט. אַ נאָמען פון איינער אַ פרוי, וואָס וווינט זינט עטלעכע יאָר דאָ אין שטאָט און וואָס איז אים אַמאָל נאָענט געווען, זייער נאָענט: די ערשטע ליבע זיינע... דאָס איז ליזאַ קאַפּלאַן. איר מיידלשער פאַמיליע־נאָמען איז געווען גראָס. ער האָט אָבער גוט געקענט אויך איר שפּעטערדיקן נאָמען לויטן מאַן. ווייל זיי זענען געבליבן גוטע פריינט אויפן גאַנצן לעבן און פלעגן ווען ניט ווען לאָזן הערן פון זיך איינע די אַנדערע דורך אַ בריוו. זייער

נאָנטקייט שטאַמט פון זיין פריִער יוגנט. געוווינט אַ שטוב נעבן אַ שטוב, אָבער ביידע זענען נאָך דאַן צו נאַיִוו געווען, צו יונג און זיי האָבן גאַרנישט געטראַכט וועגן חתונה האָבן. זיי האָבן זיך ליב געהאַט אָן חשבון, אָן שום פּראַקטישער אויסרעכענונג. יונג איז מען געווען און די בלויע נעכט האָבן זיי פאַרשפּונען ווי אין אַ כישוף־נעץ... עס וואָלט אפשר מיט דער צייט ביי זיי אויך דערגאַנגען צו אַ חתונה, ווען זייער ליבע דויערט אַ ביסל לענגער; אָבער אירע עלטערן האָבן אין מיטן אויסגעוואַנדערט און ליזאַ איז פאַר־שוווּנדן פון זיין האָריזאָנט. לכתחילה האָבן זיי זיך אָפטער איבערגעשריבן, מיט דער צייט זעלטענער, ביז איין מאָל באַקומט ער פון ליזאַן אַ פאַרבע־טונג צו איר חתונה. לכתחילה האָט עס אים ווי געטאָן; אָבער ער האָט איר פון דעסטוועגן געשיקט אַ וואַרעמע באַגריסונג. די צייט האָט שפּעטער אַלץ פאַרווישט. זיי זענען געבליבן גוטע פריינט פון דער ווייטן. שפּעטער איז שוין אויך שאַפּיראָ געוואָרן אַ פאַמיליע־מענטש. ער האָט שוין געהאַט אַ פרוי, צוויי קינדער. פון זיין ערשטער ליבע איז אים געבליבן אַ שיינע דער־אינערונג. ער פלעגט פון צייט צו צייט דערמאָנען זי, רעדן וועגן איר מיט זיין פרוי ווי וועגן אַ לאַנג־פאַרשוועבטער פרייד; אַ טיפער איבערלעבונג פון דער יוגנט.

— וואָס איז זי געווען; אַ בלאָנדע? אַ שוואַרצע? — האָט געפרעגט זיין פרוי מיט פרויאישער נייגעריקייט.

— אַ שוואַרצע, אַן אמתע ציגיינערין. אַ מיידל, וואָס האָט פאַראינ־טריגירט מענער...

יאָרן זענען פאַרביי. די גוטע יאָרן און די פיינלעכע יאָרן. אינעם חורבן האָט שאַפּיראָ פאַרלוירן זיין פרוי, זיינע צוויי געראָטענע קינדער. ביידע שוין אין אוניווערסיטעט געווען. ער איז געבליבן אַליין אויף גאָטס וועלט. געראַטעוועט זיך על פּי צופאַל פון די דייטשישע קרעמאַטאָריעס... זיין קאָפּ איז שוין כמעט אין גאַנצן גרוי — נישט צוליב עלטער: ער איז נאָך ערשט אַ מענטש אין די פופציקער; נאָר מחמת די טראַגישע איבערלעבונגען — —

***

אין איינעם אַ זונטיק פאַרנאַכט איז שאַפּיראָ אַוועק צו ליזאַן — צו זיין ערשטער ליבע. איר אַדרעס און טעלעפאָן־נומער האָט ער געפונען אין זיין לאַנדסמאַנשאַפט. ער האָט איר אָבער בכוונה פריִער נישט אָנגעקלונגען. ער

האָט געוואָלט זיך ווייזן צו איר אומגעריכט. טשיקאַווע, צי וועט זי אים דערקענען?

אַ שטילע געגנט פון וווין־הייזער מיט גערטנדלעך. כמעט אַלע איין־שטאָקיקע געביידעס. ווו־נישט ווו פּאַלמעס, עקזאָטישע געוויקסן.

און אָט איז איר הויז־נומער. אַ נישט גרויס הויז, אויך מיט אַ גערטנדל, מיט ביימער, מיט קלומבעס בלומען. פון איין בוים ווינקען אַראָפּ גאָלדענע מאַראַנצן.

ער גייט אַריין אינעווייניק אין גערנטדל און דורכן שמאָלן טראָטואַרל קומט ער צו צום אַרייַנגאַנג. ער קלינגט אָן.

עס עפנט אים אַ ברוין־הויטיק שטוב־מיידל.

— צו וועמען, סעניאָר?

— צו דער סעניאָראַ קאַפּלאַן.

אין דער רגע ווייזט זיך אויך אין קאָרידאָר אַ יונג מיידל פון אַ יאָר אַכצן־ניינצן. אַ שוואַרץ־האָריקע, מיט אַ זיסן שמייכל אויפן ליכטיקן פּנים. שאַפּיראָ איז אַזש איבערראַשט געוואָרן: אין גאַנצן זי — ליזאַ! וואָס פאַר אַ נס? וואָס פאַר אַ פאַרוואַנדלונג?...

ער האָט זיך תיכף אָפּגעגעבן חשבון, אַז דאָס מוז אַוודאי זיין ליזאַס אַ טאָכטער, וואָס איז זייער ענלעך צו דער מוטער.

— צו וועמען? — פרעגט שוין דאָס מיידל.

— מסתמא צו אייער מוטער.

— די מוטער קומט גלייך אַרויס.

באַלד איז טאַקע אַרויסגעקומען אַ פרוי, שוין נישט אַזוי שלאַנק, מיט גרוילעכע האָר פון אַש־קאָליר, אָבער מיט אַ סימפּאַטיש, נאָך געגוג יונג פּנים. זי האָט אָנגעקוקט דעם פרעמדן מיט אַ פרעגצייכן:

— צו מיר?

— גוט ב׳אָוונט, ליזאַ! — רופט אויס שאַפּיראָ.

זי האָט אויפגעריסן אירע שוואַרצאַפּלען פון פאַרוואונדערונג.

— איר דערקענט מיך נישט?

— ניין, ווער זייט איר?

— דערקענט אַליין.

זי קוקט, קוקט אים אין געזיכט אַריין און פּלוצלינג שרייט זי אויס מיט אַן אומנאַטירלעכן קול:

— בעני!!!

די טאָכטער האָט זיך צוגעקוקט ווי אַ שטומער עדות צו דער אומפּאַר־שטענדלעכער סצענע.

נאָך דער ערשטער איבעררעשונג, נאָכן אויסטוישן זיך מיט די ערשטע אָפּגעהאַקטע ווערטער, האָט ליזאַ אַריינגעפירט דעם גאַסט אין אויפנעם־צימער. ליזאַ האָט פאָרגעשטעלט שאַפּיראָן איר טעכטערל ראָסיטאַ. ראָסיטאַ האָט אַרויסגעפילט, אַז זי דאַרף נישט צופיל „אַסיסטירן״ דער מוטער אײ־נעם שמועס מיטן גאַסט, איז זי אַוועק צו זיך. ביידע זענען געזעסן אין באַקוועמע טיפע פאָטעלן, אויג אויף אויג, און ס׳האָט זיך געוועבט צווישן זיי דער ערשטער שמועס. דער שמועס האָט זיך נישט געבונדן מיט אַ סדר. מ׳איז אַריבער פון איין טעמע אויף דער אַנדערער. ביידע האָבן געגאַרט אַלץ צו וויסן, אַלץ געוואָר צו ווערן ווי און וואָס; ווי יעדער פון זיי האָט געלעבט; וואָס עס איז געשען פאַר די פאַרגאַנגענע יאָרן. מ׳האָט גערעדט לאַקאָניש, קורץ, כדי צו באַוויזן אין די קורצע רייד אַ סך צו זאָגן.

און ס׳האָט לאַנג טאַקע נישט געדויערט ווי ביידע האָבן זיך אַלץ דער־וווּסט: אַז ער האָט אַלץ און אַלעמען פאַרלוירן און אַז זי איז שוין אַ מאַמע פון דריי קינדער: צוויי זין שוין חתונה געהאַטע און לעבן שוין באַזונדער און איר טאָכטער, די יינגסטע, ראָסיטאַ, איז מיט איר.

ווען שאַפּיראָ האָט דערציילט בקיצור וועגן זיינע אבידות, האָבן ביי ליזאַן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. איז ער געוואָרן נאָך קאַרגער אין דערציילן וועגן יענע קאַשמאַר־יאָרן.

אַז מ׳האָט שוין באַרירט די טרויעריקע זאַכן, האָט אים שוין אויך ליזאַ דערציילט וועגן איר פאַרלוסט — וועגן טויט פון איר מאַן.

— ווען איז עס געשען? — פרעגט שאַפּיראָ.

— שוין דאָס דריטע יאָר. אין גיכן שוין דער דריטער יאָרצייט.

זי האָט דערביי אָפּגעווישט אַ טרער.

די טעמע האָט אַריינגעבראַכט אַ דריקנדיק שווייגן. ליזאַ האָט זיך באַלד באַהערשט.

— לאָמיר דאָס איצט איבערלאָזן! — רופט זי פּלוצלינג אויס.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויפגעמאַכט די טיר צום קאָרידאָר און אַ רוף געטאָן צום שטוב־מיידל:

— גרייט צום טיש!

און צו שאַפּיראָן האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט:

— איר וועט מיט אונדז עסן אָונטברויט.

— אַ דאַנק!

מ'איז אַריבער אין עס־צימער. דער טיש איז געווען שפּעדיק סערווירט. מ'איז געזעסן זאַלבעדריט. די שטימונג איז געוואָרן גאָר הייטער. סיי ליזאַ, סיי שאַפּיראָ זענען געווען באַזונדערס אויפגעלעבט.

— אַזאַ סיורפּריז! אַזאַ סיורפּריז! — צערעדט זיך ליזאַ. — בעת איך פלעג הערן די שוואַרצע בשורות פון אונדזערע שטעט און שטעטלעך, פלעג איך אייך אָפט דערמאָנען. כ'פלעג טראַכטן: אַלע שוין מסתמא אומגעקומען... ווער ווייסט... ווער ווייסט... און איצט זייט איר דאָ מיט אונדז ביים טיש. אַזאַ סיורפּריז!

אויך דאָס טעכטערל האָט פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אויף אַ צעקריפּלטן יידיש. שאַפּיראָ האָט געקוקט דאָ אויף דער מוטער, דאָ אויף דער טאָכטער און געמאַכט זיינע פאַרגלייכן און חשבונות.

— איר ווייסט, — זאָגט ער, — אַז כ'האָב דערזען אין קאָרידאָר אייער טאָכטער, האָט זיך מיר געוואָלט אויסרופן: „ליזאַ!" ממש ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

— אַזוי גוט געדענקט איר מיך? — פרעגט ליזאַ פרויאיש.

— שטעלט אייך פאָר, אַז יאָ, — טוט ער איר צוליב.

און קוקנדיק אויף ליזאַן מיט אַ וואַרעמען בליק, גייט ער איבער אין רוסיש, כדי דאָס טעכטערל זאָל נישט פאַרשטיין:

— אַז אייער טאָכטער האָט זיך געוויזן פאַר מיר, האָב איך דערזען יענע ליזאַ פון אַמאָל און בין זי שיער נישט באַפאַלן מיט קושן.

— יאָ, יאָ, — ענטפערט ליזאַ אין עלעגישן טאָן און אויך אין רוסיש.

— יענע ליזאַ איז שוין אין עבר... אויך איר האָט זיך אַ קליין ביסעלע געביטן.

— פּראַווילנאַ! (ריכטיק!), — טוט שאַפּיראָ אַ ווייז אויף זיינע גרויע שלייפן. — עס בלייבט אונדז נאָר צו באַדויערן די יאָרן, וואָס זענען פאַרביי.

— נאָך פרילינג קומט זומער, נאָך זומער קומט אַ גאָלדענער האַרבסט... מ'דאַרף נישט פאַרצווייפלען...

דאָס האָט ליזאַ געערדט מיט אַ פּיל־רמזימדיקן שמייכל. אירע רייד

האָבן אים דערמאָנט איר אַלטע געוווינהייט צו יאָגן זיך נאָך שיינע פּראָזן.

— אין גרונט די זעלבע ליזאַ, — באַמערקט שאַפּיראָ שמייכלענדיק, נאָך אַלץ אין רוסיש.

— כ׳נעם עס אָן ווי אַ קאָמפּלימענט. עס פעלט מיר אַ סך צו דעם, וואָס אַמאָל.

— כמעט די זעלבע ליזאַ.

— האַ, „כמעט״? איר האָט שוין אַ ביסל רעדוצירט?

— נישט איך, נאָר די יאָרן...

— אַזוי איז עס, מיין פריינט. מיר זענען שוין ביידע נישט יונג. אָבער יעדע עלטער מיט אירע פריידן...

נאָך אָוונטברויט האָט ליזאַ ווידער פאַרבעטן שאַפּיראָן אין אויפנעם־צימער. ראַסיטאַ איז אַריין אין אַן אַנדער חדר און פון דאָרט האָבן זיך גע־נומען טראָגן קלאַוויר־אַקאָרדן.

— אָ, שאָפּען! אייער טעכטערל שפּילט?

— יאָ, זי שפּילט. זי באַזוכט די קאָנסערוואַטאָריע. אגב — גוט, וואָס איר זייט דאָ. וועט איר זיין אַ גאַסט אויף איר חתונה.

— אַזוי יונג?

— דאָ ביי אונדז האָט מען פרי חתונה. אַ מיידל פון 24—25 יאָר הייסט שוין דאָ אַ פאַרזעסענע.

— אדרבה. וועלן מיר זיך פרייען. ווער איז איר אויסדערוויילטער?

— אַ יונגער אינזשיניער. האָבן זיך פאַרליבט. נו, און קיין אָרעמער איז ער אויך נישט, איז מילא, מוז איך געבן מיין מוטערלעכע ברכה.

— פאַרוואָס זשע נישט? זאָלן זיין שמחות ביי יידן. פאַרגעסט נישט, דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלוירן אַ גאַנץ דריטל!

דאָס שטוב־מיידל האָט אַריינגעבראַכט שוואַרצע קאַווע. זענען ביידע געזעסן נאָך מער געמיטלעך. זייער גערייד איז געוואָרן אַלץ מער היימישער. פון ערשטן אַ ביסל אומבאַטירלעכן טאָן איז קיין זכר נישט געבליבן, — ווי צווישן נאָענטע מענטשן.

ליזאַ האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען. דער זיסער שמייכל איז גאָר נישט אַראָפּ פון איר פּנים. שאַפּיראָ האָט אויף איר געקוקט מיט דורכ־דרינגענדיקע אויגן און געטראַכט ווי פאַרחלומט:

— כ׳דערמאָן זיך אונדזערע אַמאָליקע שפּאַצירן... די שמאָלע שטעגע־לעך צווישן ים פון זאַנגען... איר געדענקט, ליזאַ, דעם אַלטן דעמב ביים שטיינערנעם פּאַרקאַן פון מאָהילניק? אונדזער באַליבט אָרט.

— יאָ, איך געדענק. ווי קאָן עס אַ מענטש פאַרגעסן?

און אין אַ מינוט אַרום באַמערקט זי פּלוצלינג:

— ביסט, דאַכט זיך, דער זעלבער נישט דרייסטער, ווי אַמאָל... מיר זענען דאָך אַמאָל געווען אויף „דו״... האָסט פאַרגעסן?...

— יאָ! דו ביסט געווען דרייסטער פון מיר... — רעדט ער שוין אויך אויף „דו״. — דו האָסט מיך — געדענקסט? — די ערשטע אַ קוש געטאָן... טאַקע אַ קאָמפּראָמיטאַציע פאַר אַ מאַן... נישט אמת?...

ער קוקט זי אָן דרייסטער און שאַרפער. איר שמייכל איז געוואָרן מער פּרוואיִש־שפּילעווודיק און אירע אויגן קוקן מיט אַ לאָקנדיקן גלאַנצל. „אַ, ניין, ליזאַ איז נישט אַלט געוואָרן״ — טראַכט ער — „זי איז נאָך אַזוי ווײַבלעך״.

— ווייסט, ליזאַ? איצט זע איך אין דיר הונדערט פּראָצענט די אַמאָלי־קע ליזאַ. די זעלבע אויגן. זיי האָבן נאָך פון יענעם פייער...

— זיי פּאַרזיכטיק! — וואָרנט זי פּרוואיש מיט אַ פינגער.

— כ׳האָב ליב די דאָזיקע געפאַרן... — ענטפערט ער אין זעלבן טאָן.

און בעת־מעשה נעמט שאַפּיראָ איר דראָענדיקן פינגער אין זיין האַנט און טראָגט אים צו צו זיינע ליפּן.

— ווי איך זע, ביסטו איצט יאָ דרייסטער געוואָרן... דאָס לעבן האָט דיך פּאָרט אויסגעלערנט...

די דאָזיקע אינטימע רגעס האָבן מיט אַמאָל אַראָפּגעריסן די מחיצה פון יאָרן, וואָס איז געלעגן צווישן זיי.

***

נאָך יענעם אָוונט איז שאַפּיראָ געוואָרן אַ טעגלעכער גאַסט ביי ליזאַן אין הויז. זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט, געגאַנגען אין קינאָ, אין אָפּערע. איז אויך אָפט געווען דער גאַסט ביי ליזאַן אויף מיטאָג אָדער אָוונטברויט. שאַפּיראָ האָט שוין אָוועקגעוואָרפן זיין אַרבעט אין דער יידישער אינסטי־טוציע און איז, דורך ליזאַס פאַרבינדונגען, אַנגעקומען ווי אַ מיטאַרבעטער אין אַ גרויסער כעמישער לאַבאָראַטאָריע. אַ דאַנק זיינע גוטע פאַרדינסטן

האָט ער זיך שוין געקאָנט פאַרגינען זיך אַריינצוזעצן אין אַ שיינער, באַקוועמער דירה.

אין קורצן איז שאַפּיראָ געווען אַ גאַר היימישער גאַסט אויף דער חתונה פון ליזאַס טאָכטער, ראָסיטאַ. די חתונה איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסאַרטיקן סאַלאָן. אַ פאַרשיידנאַרטיקער יום־טובדיקער עולם, אַלט און יונג, האָט זיך געפּלאָנטערט איבערן גלאַנציקן פּאַרקעט. אַ דזשאַז־אָרקעסטער האָט געשפּילט. פּאָרלעך האָבן געטאַנצט. אַ זינגערין — גראָד אַ קריסטין — האָט געזונגען קופּלעטן אין פאַרשיידענע שפּראַכן: יידיש, העברעיש, שפּאַניש. שאַפּיראָ האָט פאַרבעטן ליזאַן צו אַ טאַנגאָ. ער האָט זי געהאַלטן אין זיינע אָרעמס און זיך געוויגט מיט איר אין בונטן שטראָם פון די טאַנצנדיקע און בעת־מעשה האָט ער אין איר אַריינגערעדט צאַרטע רייד. זי האָט אים געענטפערט מיט איר שמייכל, מיט איר זיסן שמייכל. ליזאַ האָט אויסגעזען באַזונדערס מלכותדיק אין איר שוואַרצער לאַנגער גיפּיורענער קלייד. די קלייד איז געווען נעט געפּאַסט און האָט צוגעגעבן איר קערפּער אַ סך שלאַנקייט — די שלאַנקייט פון אַמאָל... איר פּנים האָט אַרויסגעשמייכלט פון די ברייטע ראַנדן פון איר גרינעם שעמערירנדיקן הוט. אויגן פון נייגעריקע פרויען אַרום האָבן זיי נאָכבאַגלייט. זענען געפאַלן אויף זייער אַדרעס באַמערקונגען, גוטמוטיקע שמייכלען, השערות...

השערות, וואָס האָבן זיך טאַקע גאָר אין גיכן באַשטעטיקט:

אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך ראָסיטאַס חתונה איז אויף אַן אינטימען אופן געפייערט געוואָרן אין ליזאַס פּריוואַטער וווינונג איר אייגענע חתונה מיט שאַפּיראָן. ס'זענען פאַרבעטן געוואָרן נאָר די נאָענסטע משפּחה־מענטשן. חופּה וקידושין האָט זיי געגעבן דער עלטסטער פון זייערע לאַנדסלייט — דער גבאי ראשון פון דער שול „תפארת ישראל״.

און שאַפּיראָ האָט געפונען זיין נייע היים —

ביי זיין ע ר ש ט ע ר און ל ע צ ט ע ר ליבע...

בוענאָס־איירעס, 1961

א שפּיל פון גורל

א

אין איר אַלטער היים — אין דער גרין־בערגיקער ניעמאַן־שטאָט — איז טייבעלע, אָדער טאַניע, ווי חברטעס האָבן זי גערופן, געווען אַ קינד פון דער אָרעמשאַפט. איר טאַטע איז געווען אַ שוסטער, און דערצו נישט אַזאַ געהויבענער באַלמעלאָכע, וואָס זאָל צוציען רייכערע קליענטן. דאָס רוב פלעגט ער זיך פאַרנעמען מיט מאַכן „פאַטשינקעס" אויף אַלטע שיך. נייע שיך, ביליקערע, פון פּראָסטן לעדער, פלעגט ער מאַכן פאַר אַזעלכע אביונים ווי ער אַליין, בערל דער שוסטער, איז געווען.

דער „פּאַלאַץ" — ווי טאַניע פלעגט אָנרופן מיט ביטערער איראָניע די קליינע, ענגע דירה פון איר טאַטע־מאַמע — האָט זיך געפונען אין אַ פאַר־וואָרפן געסל פון דער פאָרשטאָט. אַ דירה פון צוויי חדרימלעך. נפשות זע־נען דאָרט געווען פינף: טאַטע־מאַמע, טאַניע און נאָך צוויי יינגערע ברי־דערלעך. אין פאָדערשטן חדר איז געווען דער שוסטער־וואַרשטאַט, וווּ בערל פלעגט גאַנצע טעג און אָוונטן זיצן ביי דער אַרבעט, קלאַפן טשוועקלעך אין פּאָדעשוועס, מאַכן דראַטוועס, אָפט אונטערברומענדיק דערביי עפּעס אַ חזנישן ניגון. און אַזוי האָט ער ווי עס איז מפרנס געווען זיין הויזגעזינד.

דאָס סאַמע גרעסטע קינד איז געווען טאַניע. אַ צעבליטע ווי אַ בלום און דערצו נאָך אַ זייער פעיקע אין לערנען. די ערשטע שילערין אין שולע געווען. איר מאַמע, לאהטשע די שוסטערקע, האָט געהאַט די אַמביציע צו מאַכן פון איר טעכטערל אַ לייט. גוטע שכנים האָבן זי דערמוטיקט. אויך די לערערס פון דער פאָלקסשול, וווּ טאַניע האָט געלערנט, האָבן איר מיטגעהאָלפן און — לאהטשע האָט אויסגעפירט: איר טעכטערל איז אַריין אין גימנאַזיע! מ'האָט געמאַכט פאַר איר די גרעסטע פאַרלייכטערונגען, אַז

בערל דער שוסטער זאָל קאָנען צאָלן דעם שטאַרק־פאַרקלענערטן שכר־לימוד.

אויך אין גימנאַזיע איז טאַניע געווען די גרעאַטנסטע שילערין. און דערצו די שענסטע. אירע צוויי לאַנגע, בלאָנדע צעפּ האָבן געהאַט אַ שם. אין איר קלאַס האָבן חברטעס זי גערופן נישט אָן קנאה: „די צוויי צעפּ״.

אַז טאַניע איז שוין געווען אין די העכערע קלאַסן, האָט זיך צו איר צוגעקלעפּט איינער אַ שילער פון דער מענער־גימנאַזיע: מישאַ ברעגמאַן, אַ רייך יחוסדיק זינדל. זיין טאַטע, יחיאל ברעגמאַן, האָט פאַרמאָגט דאָס גרעסטע מאַנופאַקטור־געשעפט אויף דער הויפּט־גאַס פון שטאָט. מישאַ האָט זיך באַקענט מיט טאַניען אויף אַ שול־יום־טוב און ער האָט זי זינט דעמאָלט שוין נישט אָפּגעלאָזט. ער פלעגט אויסנוצן יעדע געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט טאַניען — לכתחילה אין איינעם מיט חברים און חברטעס און שפּעטער שוין מיט איר אַליין, זאַלבענאַנד, אין די אָוונטן. טאַניע האָט אין אָנהייב זיך געהאַלטן אין רעזערוו: ווי קומט ער צו איר? ער, דאָס רייכע זינדל? זי האָט עס אים איין מאָל אָפן געזאָגט:

— וואָס וועלן זאָגן דיינע טאַטע־מאַמע, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז דו שפּאַצירסט אַרום מיט אַן אָרעם מיידל?

מישאַ האָט איר אָבער אימפּאָנירט מיט זיין „זעלבשטענדיקייט״:

— איך זאָג זיי נישט קיין דעה אין זייערע געשעפטן און זיי קאָנען מיר אויך נישט אָנוואַרפן זייער מיינונג.

אַזוי איז אַוועק אַ געוויסע צייט. זייערע געהיימע אָוונטיקע שפּאַצירן זענען געוואָרן אָפטער. שפּעטער זענען זיי געוואָרן אויס געהיים. עס האָבן שוין געוווּסט וועגן זייערע באַציונגען חברים, חברטעס און אויך צו טאַניען אין שטוב איז עס דערגאַנגען. לאהטשע די שוסטערקע איז געוואָרן באַזאָרגט און האָט געהאַט שוין אַ שמועס מיט טאַניען אויג אויף אויג:

— פאָלג מיך, טאָכטער מיינע, טייבעלע... ביסט דאָך נאָך אַ קינד... און מענטשן זענען שלעכט...

— וואָס מיינסטו, מאַמע?

— כ׳מיין, כ׳מיין... — האָט זי געשטאַמלט, — מישאַן מיין איך... ער איז נישט פאַר דיר... יעדער דאַרף וויסן זיין פּלאַץ...

— מאַמע! מיש זיך נישט ווו מ׳דאַרף נישט... כ׳בין שוין נישט קיין קינד.

טאַניע האָט אַ ברוגזע אָפּגעהאַקט דעם שמועס און איז אַרויס פון שטוב. האָט די מאַמע געוווּסט, אַז זי וועט ביי טאַניען גאָרנישט פועלן. האָט זי רעזיגנירט. האָט זי באַהאַלטן איר אומרו און געשוויגן. זי האָט איר זאָרג אַפילו פאַר בערלען נישט פאַרטרויט. צו וואָס די עגמת־נפשן? וועט עס דען עפּעס העלפן? הלוואי זאָל גוט זיין, גאָטעניו!

האָט דאָס מאַמעשע האַרץ לאַנג זיך אַזוי געקוועלט אין דער שטיל.

די צייט איז געשווומען. טאַניע האָט געענדיקט גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל. זי וואָלט געדאַרפט פאָרזעצן איר שטודיע ווייטער; האָט געדאַרפט פאָרן אין אַן אוניווערסיטעט־שטאָט. אַזאַ נס האָט שוין בערל שוס־טער נישט געקאָנט באַוויזן. פון קלאַפּן טשוועקלעך אין פּאָדעשוועס איז ער נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן... קוים, קוים וואָס מען שלאָגט דורך די וואָך. מילא, עסט מען נישט קיין מאַרצעפּאַנעס; איז מען נישט מחויב זיך אָנצוטאָן ווי די גבירים. בלויז פאַר דעם טעכטערל שפּאָרט אָפּ לאהטשע אויף אַ קליידל, אויף אַ זשאַקעטל. זי איז דאָך דאָס אויג אין קאָפּ. אַלץ פאַר דעם טעכטערל.

האָט טאַניע נישט געוואָלט זיצן ביים אָרעמען טאַטן אויפן קאַרק. האָט זי אָנגענומען אַרבעט אין אַ קאַנצעלאַריע ביי אַן אַדוואָקאַט און האָט עפּעס שוין פאַרדינט: נישט קיין סך, אָבער פאַר איר אויף אירע אייגענע „שמאַכ־טעס" האָט שוין ווי עס איז געקלעקט. פלעגט זי זיך אָנטאָן מיט אַ באַזונ־דערן טעם און חן. אירע קליידלעך, אירע היטעלעך, אירע שיכלעך זענען געווען ווי אַ דערגאַנצונג צו דער שיינקייט פון איר יונגן ליכטיקן פנימל, צו דער שלאַנקייט פון איר פיגור, צו אירע געטאָקטע פיסלעך. מאַנסבילשע אויגן אין גאַס פלעגן איר נאָכקוקן מיט פאַרבאָרגענער גירי־קייט. ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ קינד פון דער אָרעמ־קייט; אַז אין שטוב הערשט נויט; אַז דאָס הויזגעזינד איז זייער אָפט נישט צו זאַט.

טאַניע פלעגט זיך אַמאָל ווייזן אין טעאַטער, אויף פאַרשיידענע געזעל־שאַפטלעכע אָוונטן. בחורים פלעגן זי באַפאַלן, ווי בינען אַ בלום. אָבער מישאַ האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זי באַגלייט אויף שריט און טריט. טאַניע איז זיינע, נאָר זיינע.

און אַזוי זענען זייערע באַגעגענישן אָנגעגאַנגען ווייטער. מישאַ האָט שוין אויך געענדיקט גימנאַזיע און אויך ער איז נישט געפאָרן אין אַ הויכ־

שול. גראָד איז זיין פאָטער שווער קראַנק געוואָרן אויפן האַרץ און דאָקטוי־רים האָבן אים פאַרבאָטן צו אַרבעטן. האָט מישאָ אים געמוזט פאַרטרעטן אין געשעפט. ער איז ביסלעכווייז אַריין אין דער ראָל און געוואָרן סוחר.

ווי באַלד אַז לערנען וויטער נישט, איז געקומען די צייט צו טראַכטן וועגן תכלית. האָט בערל דער שוסטער איין מאָל געכאַפּט אַ שמועס מיטן ווייב:

— וויסט, לאהטשע, מ׳דאַרף מיט איר אַ רעד טאָן... כ׳מיין, וואָס וועלן זיי זיך אַרומדרייען און זיין ביי לייט אויף די ציינגער? אָדער — אָדער...

— ביסט גערעכט, בערל. עס קומען שכנים מיט רייד... מיט גוטע עצות... אָבער ווער האָט היינט אַ דעה איבער קינדער?

איז איין טאָג געקומען צו אַ שמועס צווישן מוטער און טאָכטער. דער טאַטע איז בעת־מעשה געזעסן ביי זיין וואַרשטאַט־טישל.

— טייבעלע־קרוין... וואָס טראַכסטו, קינד מיינס? ס׳וועט עפּעס אַרויס־קומען דערפון?...

— וואָס מיינסטו, מאַמע?

— כ׳מיין פון דיין אַרומגיין מיט מישאַן.

— מאַמע, כ׳בעט דיך, מיש זיך נישט אַריין אין פרעמדע זאַכן...

— אין פרעמדע?! פון ווען אָן ביסטו ביי מיר אַ פרעמדע?

— אַזוי איז עס, מאַמע. יעדער איז באַלעבאָס איבער זיך אַליין.

— יאָ, אָבער וויסן מעג איך דאָך.

טאַניע האָט מער נישט געענטפערט.

— פון דעסטוועגן, טייבעלע, — מישט זיך שוין אַריין דער פאָטער, — כ׳מיין, אַז די מאַמע איז גערעכט. ווי באַלד אַז לערנען לערנסטו זיך סיי ווי סיי נישט.

— פאַרוואָס לערן איך זיך נישט? — ווערט טאַניע אָנגעצונדן, — ווייל דו ביסט אַ קבצן; ווייל פון דיין שוסטערייַ האָט מען קוים וואַסער אויף קאַשע.

— נאַרעלע, — פילט זיך בערל געטראָפן, — ווען שוסטערס וואָלטן ניט געמאַכט קיין שיך, וואָלטן דאָך אַפילו גבירים געגאַנגען באָרוועס... כ׳מיין, אַז גלייכער איז ווען אַ מיידל האָט חתונה כל זמן זי איז נאָך יונג. איז גוט, אַז מען פאַרזיצט, חלילה, ביזן גרויען צאָפּ?

— דאגה נישט, טאַטע, כ׳בין נאָך נישט קיין פאַרזעסענע.

און כאַטש טאַניע האָט איראָניזירט איבער די רייד פון טאַטע־מאַמע, פון דעסטוועגן איז עס איר אַריין אין קאָפּ. טאַקע אַזוי, צו וואָס וואַרטן? אין אירע יאָרן האָבן שוין מיידלעך חתונה. בפרט אַז מ׳האָט זיך ליב. בפרט אַז מישאַ דאַרף נישט זאָרגן וועגן פּרנסה. ער איז שוין אַ פּאַרזאָרגטער... איז ער דאָך שוין אַריין מיט ביידע פיס אין טאַטנס געשעפטן...

און וואָס זי האָט געטראַכט, האָט זי עס אַרויסגעבראַכט פאַר מישאַן. אין איינעם אַן אָוונט זענען זיי געזעסן אויף אַ בערגל איבערן ניעמאַן. די זומער־נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע, אַ בלויע. אין שטילן וואַסער, אונטן, האָבן געציטערט שטערן. אויבן שטערן און אונטן שטערן. די סאָסנעס אַרום זענען געשטאַנען פאַרזונקען. אַלץ האָט אין התפּעלות פון דער טיפער שיינ־קייט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. מישאַ איז היינט געווען צו איר באַזונדערס פילבאַר און זיינע צערטלעכקייטן שוין צו שטורמישע. ער האָט זי געקושט אין די ליפּן, אין די אויגן, איז צוגעפאַלן מיט די ליפּן צום ווייסן האַלדז, צו איר לייכטער בלוזקע. ער איז געוואָרן ווילד־פאַרשיכורט.

— פאַרגעס זיך נישט, טייערער... — האָט זי זיך ווי געבעטן.

און אין מיטן די דאָזיקע צערטלעכקייטן האָט זי אים אָנגענומען פאַר דער טשופּרינע און אַריינגעקוקט מיט אַ שמייכעלע אין די אָנגעצונדענע אויגן.

— מישאַ, ניכטער זיך אויס אַ ביסל... כ׳מוז דיר דערציילן אַ קאָמישע זאַך.

יענער איז אַלץ געווען פאַרשיכורט. זי האָט אים אָנגענומען פאַר ביידע הענט און איבערגעריסן זיינע צערטלעכקייטן.

— מישינקע, באַרויִק זיך. דו מוזט מיך אויסהערן.

און זי האָט אים איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים דעם שמועס מיט אירע עלטערן וועגן „תכלית״. דערציילט גענוי וואָס די מאַמע האָט גערעדט; וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט.

— הא, וואָס זאָגסטו דערצו, מישאַ?

מישאַ איז פּלוצלינג געוואָרן ערנסט. דער שמייכל איז אַראָפּ פון זיין פּנים. ער האָט געשטומט.

— רעד, מישאַ!

מישאַ האָט לסוף אַרויסגערעדט:

— וואָס דיינע טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט האָב איך געהערט פון דיר. און וואָס טראַכטסטו, טאַניע?

— כ׳מיין, אַז זיי זענען אין גרונט נישט אומגערעכט... זיי ווילן פירן די טאָכטער אונטער דער חופה... ווייל צו וואָס טאַקע וואַרטן?... מיר האָבן זיך דאָך ליב...

מישאַ שטומט.

— פאַרוואָס שווייגסטו? זאָג, מישאַ, האָסט מיך ליב?.

— דו ווייסט עס אַליין.

— אַז דו קאָנסט זיך קושן וויס איך... אָבער זאָג מיר אין דער אמתן, מישאַ, פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע נישט חתונה האָבן?

— שטעל זיך פאָר, טאַניע, אַז אויך איך האָב וועגן דעם שוין גע־טראַכט. און נישט נאָר געטראַכט.

ער האָט אָפּגעהאַקט, ווי ס׳וואָלט אים שווער געווען צו ריידן וועגן דעם.

— רעד, דערציילן! — בעט טאַניע געשפּאַנט.

— כ׳האָב שוין געהאַט געפּרווט אַ רעד טאָן מיט מיינע עלטערן. אָבער...

מישאַ איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

— כ׳פאַרשטיי שוין וואָס דיינע עלטערן האָבן דיר געענטפערט... — זאָגט טאַניע.

— מיין טאַטע איז שיער נישט אַוועקגעפאַלן. ווי נאָר ער האָט דער־הערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך געכאַפּט ביים האַרץ... מ׳האָט אים געמוזט גלייך געבן טראָפּנס צו באַרויקן. שפּעטער האָט ער מיך צו־גערופן צום בעט און געזאָגט מיט אַ געבראָכענער שטים: „הער, מיין זון, אויב דו ווילסט איך זאָל נישט אַוועקגיין פאַר דער צייט פון דער וועלט, זאָלסטו מער וועגן דעם אפילו נישט טראַכטן“...

— נו יאָ... — רופט זיך אָפּ טאַניע מיט ביטערער איראָניע. — ווי פּאַסט עס טאַקע פאַר ר׳ יחיאל ברעגמאַן דעם יחסן, אַז בערל שוסטער זאָל ווערן זיין מחותן!...

מישאַ האָט געשטומט. טאַניע האָט ווייטער גערעדט אין זעלבן טאָן:

— יאָ, יאָ, איך מיין עס גאַנץ ערנסט. איז עס נישט אַזוי? טאַקע נישט קיין גלייכע זאַך. און וואָס האָסטו אים געענטפערט, דעם טאַטן דיינעם? קלאָר, אַ קראַנקער מענטש... כיבוד אָב... שווייגסט?...

אַ פּיינלעך שווייגן. אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט ווידער טאַניע:
— וואָס זשע זעסטו פאַר אַן אויסוועג?
— אייגנטלעך, וואָס איז די איילעניש?... מיר מוזן דווקא ש ו י ן חתונה האָבן?
— יאָ שוין, צי נישט שוין. כ׳זע נישט ווען עס קאָן זיך ענדערן...
— טאַניע, לאָמיר אפשר איצט איבערלאָזן די טעמע...
— דיר איז אומבאַקוועם וועגן דעם צו ריידן? כ׳פאַרשטיי...
זי האָט זיך אַ ברוגזע פלוצלינג אויפגעהויבן פון אָרט:
— קום, לאָמיר גיין.
— ס׳איז נאָך פרי.
— קום, ס׳איז מיר קאַלט געוואָרן.
און זיי זענען אַוועק שווייגעוודיקע מיטן ברעג צו דער שטאָט. דעם גאַנצן וועג האָט זיך נישט געקלעפּט ביי זיי קיין רייד. טאַניע איז געגאַנגען אַ פאַרקלעמטע, נישט קוקנדיק אין מישאָס זייט. מישאַ האָט שוין נישט געקאָנט ענדערן די שטימונג. ער האָט זי געהאַלטן אונטערן אָרעם, אָבער טאַניע האָט זיין האַנט אַפילו נישט געפילט.

ב

גראַד אין די דאָזיקע טעג איז אָנגעקומען צו בערל דעם שוסטער אַ בריוו פון זיינעם אַ קרוב, מאָטל לאַפּידוס, אין אַרגענטינע — אַ זון פון אַ קוזין. דער קוזין איז פרי אַוועקגעשטאַרבן און מאָטל, דער פאַרבליבענער אָרעמער יתום, האָט זיך אַוועקגעלאָזט מעבר־לים זוכן גליק. ווי מאָטל שרייבט אינעם בריוו, מאַכט ער אין אַרגענטינע אַ לעבן. אויף דער בייגע־לייגטער פאָטאָגראַפיע זעט ער אויס „ווי אַ גראַף״... ער שרייבט, אַז עס גייט אים גאַנץ גוט, נאָר ער איז עלנט; אַז אויב טאַניע וואָלט געוואָלט קו־מען צו אים, וואָלט ער איר תיכף אַרויסגעשיקט אַ שיפס־קאַרטע.
— וואָס זאָגסטו דערויף, טייבעלע? — פרעגט די מאַמע.
טאַניע האָט נישט געענטפערט. פאַר די אויגן איז איר געשטאַנען מאָטל — דער אָרעמער יתום. דער גוטער, אָבער פּשוטער בחור, אין זיין אָפּגע־לאָזענעם הולך, אין זיין איבערגעניצעוועטן אַנצוג און געלאַטעטע שיך... אין זיין בילדונג איז ער ווייטער ווי פון חדר נישט געגאַנגען. פונעם בריוו זיי־

נעם זעט זי, אַז אויך דאָרטן, אין אַרגענטינע, זענען זיינע קענטענישן נישט געוואַקסן.

אָבער פון דער אַנדער זייט זעט זי דאָך אויך באַשיימפּערלעך, אַז פון איר ליבע מיט מישאַן וועט גאָרנישט אַרויסקומען... אַז צו קיין תכלית וועט עס זיכער נישט קומען... איז זי דאָך אַן אָרעם מיידל, אַ טאָכטער פון בערל דעם שוסטער... ווייס זי דאָך אויך, אַז אירע רייכע גימנאַזיע־חברטעס, וואָס זענען ווייניקער שיין און אויך ווייניקער אינטעליגענט פון איר — צו זיי ציִען זיך בחורים, וואָס זענען גרייט אויף אַלץ, אַפילו ווען עס רעדט זיך וועגן „תכלית".

איז אויף וואָס זשע האָט זי דאָ צו וואַרטן?

— זאָג מיר, טייבעלע, וואָס טראַכטסטו וועגן מאָטלס בריוו, האַ? פאַר־וואָס שוויַיגסטו?

— איך פאָר! — האָט טאַניע קאַטעגאָריש געענטפערט.

לאַהטשע האָט זיך נישט געוווּנדערט. זי האָט שוין לעצטנס דערקענט אין טאַניען, אַז עפּעס איז ביי איר פאַרגעקומען מיט מישאַן: דאָס רוב בלייבט זי אין אָוונט אין שטוב; גייט אַרום אַן אומעטיקע, אַ פאַרטראַכטע, אַ שווייגעוודיקע, ווי מיט אַ שווערן סוד.

דאָס, וואָס טאַניע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם געדאַנק צו פאָרן קיין אַרגענטינע, איז גראָד נישט געווען צום האַרצן נישט לאַהטשען און נישט בערלען דעם שוסטער: איז דאָך טייבעלע זייער ליב געראָטן קינד. שווער זיך צו שיידן. אָבער טאַניע האָט עס גענומען ערנסט און זי האָט תיכף גע־ענטפערט מאָטלען, אַז זי איז גרייט צו פאָרן. אמת, זי האָט אים אין בריוו גאָרנישט צוגעזאָגט. זי האָט אַפילו געשריבן אַ באַוואָרעניש, אַז זי קומט צו אים ווי אַ קוזינקע, נישט ווי אַ כלה; אַז עס איז פאַר ביידן נישט קיין חוב חתונה צו האָבן — סיידן זיי וועלן זיך ביידע געפעלן ווערן.

און צו טאַטע־מאַמע האָט זי געזאָגט:

— זאָרגט אייך נישט. אַז איך וועל פאָרן, וועל איך אייך אין גיכן אַראָפּברענגען צו מיר. און דו, טאַטע, האָסט נישט וואָס צו באַדויערן. איך ערגסטן פאַל וועסטו אויך דאָרטן האָבן דיין שוסטער־בענקעלע מיטן הע־מערל...

מישאַ, ווידער, האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכן באַמיִונגען זיך צו טרעפן מיט טאַניען. אָבער צווישן זיי איז שוין דורכגעפלויגן אַ שוואַרצע

קאָץ. טאַניע האָט זיך געהאַלטן צו אים אין רעזערוו, שטיף, האָט אויסגע־מיטן נאָענטקייטן, נישט געלאָזט זיך קושן פון אים. אין וואַלד האָט זי שוין מיט אים נישט געוואָלט גיין. העכסטנס פלעגט זי מיט אים אַמאָל אַריינגיין אין שטאָטישן פּאַרק.

— פאַרוואָס פייניקסטו מיך, טאַניע?

— מוזט זיך אָפּגעוווינען פון מיר... — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ רמז. — פאַרגעס נישט, אַז דו טאָרסט נישט מצער זיין דיין קראַנקן טאַטן. כיבוד אָב!

וועגן בריוו פון איר וויטן קוזין האָט זי אים לחלוטין נישט דערציילט.

ערשט ווען ס'איז אין גיכן אָנגעקומען די שיפס־קאַרטע און זי האָט זיך פיבערדיק גענומען גרייטן אין וועג אַריין, האָט זי מישאַן איין אָוונט אויס־געזאָגט:

— ווייסט, מישאַ, מיר געזעגענען זיך אין גיכן...

— וואָס הייסט?

— איך פאָר אַוועק.

— וווהין?

— קיין אַרגענטינע.

— רעדסט עס ערנסט?

— זייער ערנסט.

— פאַרוואָס, טאַניע? פאַרוואָס טוסטו עס?

— ווייסט דען נישט פאַרוואָס?

— טאַניע, כ'בעט דיך, טו עס נישט... פאַרלאָז מיך נישט...

— צו וואָס דאַרפסטו מיך? אויף אַ שפּילצייג?... אַז חתונה האָבן קע־נען מיר דאָך סיי ווי נישט...

— טאַניע טייערע, כ'בעט דיך, פאָר נישט... וואַרט מיט דיין באַשלוס...

— אויף וואָס וואַרטן? זאָל דיין טאַטע לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר... כ'ווינטש עס אים פון גאַנצן האַרצן... פאַרפאַלן, מיר בלייבן נאָר גו־טע פריינט...

מישאַ האָט אויסגעהערט אירע רייד ווי אַ פאַרמשפּטער... ער האָט טרויעריק געשוויגן.

און טאַניע האָט איר באַשלוס אין איינעם אַ טאָג אויסגעפירט. ביי דער

באַן זענען געווען טאַטע־מאַמע — צעבראָכענע, פאַרוויינטע. געווען אויך אַ פּאָר שול־חברטעס.

— מיר זעען זיך אין גיכן, דאגהט נישט! — האָט טאַניע געטרייסט טאַטע־מאַמען, שוין פון וואַגאָן־פענצטער, און זי האָט זיך אַליין אויך צע־כליפּעט.

דער צוג האָט גערירט און הינטער דעם רויך פון לאָקאָמאָטיוו זענען געבליבן אירע נאָנטע. איר היימשטאָט... דער ניעמאַן מיט די גרינע בער־גיקע ברעגעס...

אויפן וועג האָט זיך די פאַרוויינטע טאַניע צעשטרייט. גראָד האָט זי אין וואַגאָן געהאַט אַ פריילעכע חבריא יונגוואַרג. מ'האָט גערעדט, געוויצלט זיך. דערפאָלג האָט איר קיין מאָל נישט געפעלט. איר ליכטיק פּנים איז איר אומעטום בייגעשטאַנען. אויך אויף דער שיף האָבן אומבאַקאַנטע זיך באַמיט מיט איר באַקאַנט צו ווערן. אמת, אין די ערשטע טעג פון דער ווייטער נסיעה איבער ווילדע אומענדלעכע וואַסערן זענען געווען מאָמענטן, ווען זי האָט בשתיקה, אויף איר בעטל אין דער קאַבינע, פאַרגאָסן טרערן. אָבער ס'איז שנעל אַריבער. זי האָט זיך אַליין געשטאַרקט. זי האָט זיך באַ־מיט צו פאַרגעסן אין דער נייער סביבה פון פרעמדע מענטשן. אין דעם לאַנגן וועג האָט זי זיך דערנענטערט צו אַן אַרגענטינער ייִדישן פאַרפאָלק, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אַ טור אין אייראָפּע. האָט זי זיך מיט זיי געהאַלטן צוזאַמען, געגעסן מיט זיי ביי איין טיש; פאַרבראַכט מיט זיי אין קלוב, צי אויפן דעק פון שיף. בעתן טאַנצן האָבן זי יונגע־לייט כסדר פאַר־בעטן און זי איז אַזש פאַרמאַטערט געוואָרן פון די כסדרדיקע טענץ. זי האָט זיך בעתן טאַנצן אָנגעהערט מיט די זיסטע קאָמפּלימענטן: אַז זי איז הערלעך, אַז זי איז גראַציעז, אַז זי טאַנצט וווּנדערלעך, ווי אַן אמתע באַ־לערינע. און אויף דער גרויסער פייערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אויפן דעק לכבוד דעם דורכקרייצן דעם עקוואַטאָר, איז טאַניע מיט אַ ריזיקער צאָל שטימען אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דער שיינקייט־קיניגן — פאַר דער „מיס עקוואַטאָר".

ג

די שיף האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן די לאַנגע, אויסמאַטערנ־דיקע נסיעה. זי האָט דורכגעשניטן די הפקרע בלויע וואַסערן פון אַטלאַנ־

טיק, אַדורכגעפֿאָרן די וווּנדערשיינע ברעגעס פֿון ריאָ דע זשאַנייראָ, געמיטן שוין סאַנטאָס, מאָנטעווידעאָ, און אָט שווימט זי שוין איבערן געלבלעכן לאַ־פּלאַטאַ צום ציל פֿון דער נסיעה — צו בוענאָס איירעס.

אין האַפֿן האָט זי פֿון דעק דערזען אַ סך מענטשן. זי איז געווען אַ ביסל צעטומלט און אויפֿגערעגט. זיכער וואַרט דאָ אויף איר מאָטל, אָבער וועמען זי זעט נישט אין דער מאַסע. זיי דאַרפֿן זיך זיכער דערקענען. סך־הכל אַ פֿינף יאָר לערך ווי ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון דער היים. מיטן טשע־מאָדאַן אין האַנט איז זי אַראָפּ אונטן צוזאַמען מיטן שטראָמיקן עולם. זי האָט אויסגעקליבן אַ פֿרייען שטיקל פּלאַץ, אַ ביסל אָן אַ זייט, און זיך גע־שטעלט וואַרטן.

און זי האָט זיך נישט טועה געווען אין איר השערה.

— טאַניע! — דערהערט זי מיט אַ מאָל אַ היימישע שטים פֿון דער זייט.

צו איר איז צוגעקומען עפּעס אַן אַרבעט־מענטש אין אַ בלויען „מאַ־מעליוק" (אַרבעט־קאָמבינעזאָן).

— טאַניע, דערקענסט מיך נישט?

— מאָטל!

מאָטל האָט זי אַרומגענומען און זיך מיט איר צעקושט.

— אַנטשולדיק, טאַניע, וואָס כ'בין געקומען אָט אַזוי־אָ. כ'בין פֿון דער אַרבעט. גיין אַהיים זיך איבערטאָן איז מיר צו ווייט...

טאַניעס ערשטע אַנטוישונג: זיין אויסזען... זיין הולך... זי האָט געמיינט, אַז פֿאַר דער צייט האָט זיך מאָטל אַרויפֿגעאַרבעט, איז געוואָרן אַן אַמערי־קאַנער, אַן עלעגאַנט... עס איז גאָר ווייט פֿון דעם פֿאַטאָ, וואָס ער האָט געשיקט...

— קום, טאַניע!

ער האָט גענומען איר טשעמאָדאַן און איז אַריין מיט איר אין דער אַדואַנאַ צום קאָנטראָל. שפּעטער זענען זיי שוין געפֿאָרן אין אַ טאַקסי צו מאָטלען.

— זאָרג נישט, טאַניע, ס'וועט זיין גוט... — האָט ער זי גוטמוטיק גע־טרייסט.

טאַניע מאַכט נישט ווילנדיק אין רעיון אַ פֿאַרגלייך צווישן מאָטלען און מישאַן. יענער איז שיין, אויסגעכאַליעט, מיט אַ געדיכטער שוואַרצער

טשופּרינע, אינטעליגענט, רייך...ער אָבער, מאָטל... ווי אָרעם ער מוז זיין... ס׳אַראַ אויסגעמאָגערט פּנים, ס׳אַראַ איינגעפאַלענע באַקן...

— דו מוזט אַ סך אַרבעטן... — זאָגט זי צו אים. — אין דער היים, דאַכט זיך, ביסטו געווען פולער אויפן געזיכט...

— יאָ, טאַניע, איך אַרבעט אַ סך. די ערשטע צייט מוז אַ „גרינער" גענוג פּראַצעווען, כדי צו מאַכן אַ לעבן.

— מאַכסט כאָטש אַ שיין לעבן?

— נישט צו פאַרזינדיקן. כ׳האָף מיט דער צייט זיך צו עפּעס דער־שלאָגן...

די טאַקסי איז אַריינגעפאָרן אין וויזשאַ קרעספּאָ, אין אַן אַלט שמאָל געסל, מיט אָפּגעקראָכענע הייזער, מיט אַ שטיינערנעם ברוק. קינדער טונקל־הויטיקע, שמוציקע האָבן זיך געוואַלגערט אין דער רינע. די טאַקסי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אַלט הויז — אַ „קאָנווענטיזשאָ" אַן פענצ־טער, נאָר טירן צו דער אַלגעמיינער גאַלעריע פון הויפל. אַן איין־צימער־דיקע וווינונג. אַ בחורישע אומאָרדענונג. אָרעם מעבל. אַ בעטל. אַן אַלטע סאָפקע.

— מיר וועלן עפּעס עסן, טאַניע. ביסט זיכער הונגעריק.

מאָטל האָט געהאַט פון פריִער צוגעגרייט פאַרשיידענע עסנוואַרגן. ער האָט אין קיכל אָנגעצונדן אַ ספּירט־מאַשינקע, געמאַכט טיי און געגרייט צום טיש.

טאַניע האָט ווייניק גערעדט. ס׳איז איר באַפאַלן אַן אומעט און אַ נאָ־געניש צום שטאַרבן.

— דערצייל, טאַניע, וואָס מאַכן אַלע אין דער היים? כ׳זע, ביסט אור־מעטיק, נישט אמת?...

— ס׳בענקט זיך...

— כ׳פאַרשטיי. די ערשטע מינוטן אין דער פרעמד... ס׳איז מיר אויך אַזוי געווען אומעטיק. איך אָבער האָב קיינעם דאָ נישט געהאַט... אַן אַ גאַנטן. דו אָבער... דו האָסט מיך...

„ אַ גוטער בחור, דער מאָטל, — טראַכט טאַניע, — אָבער קיין גרויסע גליקן זעט מען נישט אין זיין אָרעמען „פּאַלאַץ"... איבעריקנס, כ׳האָב אים דאָך געשריבן פון דער היים, אַז איך פאַר אָן קיין שום התחייבות פאַרביידן. ביידע האָבן פרייע הענט... מ׳עט זען"...

— אַנטשולדיק מיר, מאַטל, פֿאַר מײַן שלעכטער שטימונג. אַ ביסל בענקט זיך מיר, אַ ביסל בין איך מיד פֿון לאַנגן וועג...

— כ׳פֿאַרשטײ דיך, טאַניע. אָבער דאגה נישט, אַלץ וועט גוט זײַן. וועסט זיך באַלד צולײגן אַ ביסל אָפּרוען. איך וועל נאָך צולויפֿן אין טאַ־זשער (וואַרשטאַט) אויף אַ פּאָר שעה. דאַן קום איך גלײַך צוריק.

און אַזוי איז טאַקע געווען. נאָכן עסן איז מאַטל אַוועק און טאַניע איז געבליבן אַלײן. זי האָט זיך צוגעלײגט אַ האַלב־אויסגעטוענע אויף דער סאָפֿקע, זיך אײַנגעטוליעט אין קישן און פֿון גרויס קלעמעניש זיך פֿונאַנ־דערגעוויינט. נאָכן אויסוויינען זיך איז איר געוואָרן גרינגער אויפֿן האַרצן. די אויגן־לעדלעך האָבן זיך איר צוגעקלעפּט. זי איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. האַרט געשלאָפֿן. אין שלאָף האָט זיך איר אַלץ געדאַכט, אַז זי וויגט זיך אויף די ים־כוואַליעס; אַז עס טראָגט זי נאָך אַלץ די שיף אין די ימישע ווײַטקײטן. וווּהין וועט עס זי דערטראָגן? וווּהין?... און פּלוצלינג שווימט אַרויס פֿון צווישן די כוואַליעס אַ געשטאַלט — מישאַ! ער שטרעקט צו איר די הענט און רופֿט: „וווּהין, טאַניע, אַנטלויפֿסטו? וווּהין?״ — — —

ד

אינעם נײַ־אויסגעבויטן פּרעכטיקן דעפּאַרטאַמענט פֿון די לאַפּידוסעס, אין אַ שטילער גאַס, אין דער יחוסדיקער פּאַלערמאָ־געגנט, איז געווען פֿריילעך און רוישיק. עס איז געפּראַוועט געוואָרן דער חנוכת־הבית. די באַלעבאַטים פֿונעם נײַעם הויז — מאַטל לאַפּידוס, אָדער דאַן מאַוריסיאָ, ווי מ׳רופֿט אים איצט; טאַניע און זײערע דערוואַקסענע קינדער, קאַרליטאָס און איזאַבעל — זענען געווען פֿריידיק באַרוישט. אַלע נעאָן־ליכטער, מאַס־קירטע אַרום די ראַנדן פֿון סופֿיט, האָבן געגאָסן אַ מילדן שײַן אויף די פֿאַרזאַמלטע מענטשן. געווען אַ היפּש ביסל געסט: לאַנדסלײַט, גוטע פֿרײַנט און באַקאַנטע פֿון דער סוחרישער וועלט. דער עיקר פֿון דער טריקאָ־בראַנ־זשע, מיט וועלכע מאַטל לאַפּידוסעס „קאַסאַ״ (פֿירמע) איז געשטאַנען אין געשעפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען.

די שמחה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט פֿולן גלאַנץ. די טישן זענען געווען סערווירט כּיד המלך: פּיקאַנטע עסנוואַרגן מכּל המינים, אַפּעריטיוון און ווײַנען, אַ פֿריילעכע באַוועגונג, אַ לעבהאַפֿט גערײד. שמייכל און

געלעכטער אויף פנימער. אַלע האָבן באַגריסט און אָנגעוווּנטשן די בעלי־שמחה. עס זענען געהאַלטן געוואָרן טאָסטן. די בראַוואָ־פּאַטשערייען האָבן פאַרהילכט. אין סאַמע מיט פון גערוימען זאַל איז אַפילו געווען פּלאַץ צו כאַפּן אַ טענצל. און יוגנט האָט טאַקע געטאַנצט אונטער דער באַגלייטונג פון קלאַוויר.

מאָטל איז עולה לגדולה געוואָרן דער עיקר אין די לעצטע יאָרן. זיין אימיגראַנטישער פּעריאָד אין אַרגענטינע איז געווען זייער אַ ביטערער, אַ שווערער. אין זיינע „גרינע יאָרן" האָט ער געאַרבעט שווער, אין שווייס פון זיין פּנים, און געלעבט אַן אָרעם לעבן, — ער מיט זיין שיינער פרוי, מיט טאַניען, וועמען ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון זיין היימשטאָט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך דאָס רעדעלע אַ דריי געטאָן צום גוטן. צום גוטן — ווען פאַר ייִדן אין איראָפּע איז אָנגעקומען אַ טרויעריקע צייט... די צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה; די צייט פון דער היטלער־מגיפה, ווען ייִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן טייכנווייז... גראָד אין די דאָזיקע יאָרן איז געקומען אַ גרויסע שפע פאַר פיל מענטשן מעבר־לים. דאָס צעפּלינדערטע איראָפּע, די קריגס־פירנדיקע פעלקער, האָבן אַלץ פאַרצערט אויף די פראָנטן און אין די אויסגעהונגערטע שטעט. די אַמעריקאַנער לענדער האָבן נישט געקאָנט באַוויזן מיט זייער פאַרפילפאַכטער פּראָדוקציע אויס־צופילן אַלע זייערע בלויזן. וויפל מ'האָט נישט עקספּאָרטירט, איז אַלץ גע־ווען ווייניק. איז נישט קיין חידוש, וואָס אין אַזאַ קאָניונקטור זענען אַ סך מענטשן זייער רייך געוואָרן. מ'האָט נאָר נישט געדאַרפט זיין קיין שלימזל; מ'האָט נאָר געדאַרפט זיין וואַכזאַם און נישט פויל — האָט מען געשאַרט גאָלד ווי מיט לאָפּעטעס. און צווישן אָט די גליקלעכע איז אויך געווען מאָטל לאַפּידוס. זיין וואַרשטאַטל איז פּלוצלינג גרויס געוואָרן און איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסע פאַבריק, מיט אַ סך אַרבעטער און אָנגע־שטעלטע. אַ פאַבריק, וואָס האָט שטאַרק פּראָספּערירט און איז פּאָפּולער געוואָרן.

פרייט זיך איצט מאָטל לאַפּידוס צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינדער און האָט נחת פון זיין נייער דערגרייכונג — דאָס שיינע הויז בשכנות פון פּאַלערמאָ־פּאַרק.

עס איז שוין איצט נאָכן בלוטיקן מבול אין איראָפּע. ייִדן ווייסן שוין דעם טרויעריקן סך־הכל. יעדער ייִד איז דאָך פאַרבונדן מיט דער אַלטער

היים, מיט קרובים, מיט נאָנטע. יעדער ייִד איז אויך אַ שותף צו די קרבנות. יעדער ייִד האָט עמעצן פאַרלוירן. ווער מער, ווער ווייניקער.

און אַט מעלדעט זיך איינער פון די לאַנדסלייט צום וואָרט. ס'איז געווען דער פּרעזידענט פונעם לאַנדסלייט־„סאָסיעדאַד". ער, פון זיין זייט, באַגריסט אויך די בעלי־שמחה. אָבער באַלד נאָך דעם ציט ער אַרויס אַ בריוו פון בוזעם־טאַש און בעט מ'זאָל אים אויפמערקזאַם אויסהערן.

— דער דאָזיקער בריוו, — זאָגט ער, — איז פון אונדזערן אַ לאַנדסמאַן, פון אונדזער חרובער היימשטאָט. ער איז דאָ אָנגעקומען אין אַ היגער צייטונג פאַר אונדזערע לאַנדסלייט.

אין זאַל איז שטיל געוואָרן. אַלע האָבן אָנגענויגט דאָס געהער.

— איר געדענקט דאָך אַוודאי די ברעגמאַנס... די רייכע ברעגמאַנס...
— רעדט יענער ווייטער, — איז אַט דער בריוו פון יחיאל ברעגמאַנס זון... פון מישאַ ברעגמאַן...

טאַניע, וואָס איז געשטאַנען נעבן פּרעזידענט, איז פּלוצלינג בלאַס געוואָרן. זי האָט זיך אָבער באַהערשט און נאָך מער אָנגעשפּיצט דאָס געהער.

יענער לייענט:

„איך ווענד זיך צו אייך ווי צו לאַנדסלייט־ברידער. עס רעדט צו אייך איינער פון די געציילטע, וואָס זענען על פּי נס לעבן געבליבן אין אונדזער שטאָט. איך האָב זיך געראַטעוועט פון געטאָ אויף דער „אַרישער זייט", ביי אַ באַקאַנטן פּויער אין אַ שכנישן דאָרף. פאַרשטייט זיך, פאַר אַ סך געלט. מיין זון האָט דורכגעלעבט די פינצטערע יאָרן אין די וועלדער, אין אַ פּאַרטיזאַנען־אָטריאַד. כ'בין מיט אים שטאָלץ: ער האָט העלדיש נקמה גענומען אָן די דייטשישע תלינים, אָן די רוצחים פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער. אַ חוץ מיין זון האָב איך שוין קיינעם נישט: אַלע אומגעקומען, אַלע אַוועק אין די גאַז־קאַמערן... איצט ווילן מיר ביידע אַנטלויפן פון די חורבות, פון די קברים... מיר זענען אַריבערגעפאָרן דערווייל קיין וואַרשע, אָבער אויך פון די פּאָליאַקן דאַרף מען אַנטלויפן... מיר זענען איצט אָן שום מיטלען. טוט פאַר אונדז, חשובע לאַנדסלייט, וואָס איר קאָנט און נעמט אונדז אַריבער"...

עולם איז געוואָרן אויפגערודערט. אַלע האָבן גערעדט ווענן בריוו. עס איז געווען דער ערשטער דירעקטער טרויעריקער גרוס פון זייער

היימשטאָט. און גראַד פון אַ ברעגמאַן, אַ יחוסדיקער פאַמיליע, וואָס אַלע האָבן אַזוי גוט געדענקט.

— מען מוז עפּעס טאָן! — דערהערט זיך אַ שטים פון איינעם, און אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט:

— אומבאַדינגט! תיכף!

— לאָמיר שאַפן אַ קאָמיסיע!

— לאָמיר צוטרעטן זאַמלען אויף אַ נויט־פאָנד!

— איך גיב דער ערשטער 100 פּעזעס.

— און איך 200.

— און איך 1000! — רופט אויס אויף אַ הויכן קול דער באַלעבאָס, מאָטל לאַפּידוס.

— און איך גיב צו פון מיין „קניפּל" נאָך 1000 — מעלדעט טאַניע.

און אַזוי כסדר. עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ נישקשהדיקע סומע. מ'האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע, אין וועלכער עס איז אויך אַריין די גאַסטגעבערין, טאַניע. עמעצער האָט אָנגערופן איר נאָמען און זי האָט שווייגעוודיק מסכים געווען. די דאָזיקע ווילטאָט, האָבן אַלע געפילט, איז געוואָרן דער תוך פון דער היינטיקער פייערונג; דער דערהויבנסטער מאָמענט, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן.

און די אויסגעקליבענע קאָמיסיע האָט נאָך פאַרגרעסערט דעם נויט־פאָנד. טאַניע האָט שפּעטער צוגעטראָגן נאָך אַ געוויסע סומע ווי אַ מתן־בסתר... זי האָט נישט געוואָלט אָנגעבן אַפילו פאַר די קאָמיסיע־מיטגלידער פון וועמען עס איז אַריינגעקומען דאָס געלט... מ'האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַן איינפלוסרייכער פּערזאָן, וואָס ווייס ווו צו עפענען אַ טיר, כדי צו באַקומען די נויטיקע פּאַפּירן, — בפרט אַז די טובה איז נישט קיין בחינמדיקע.

עס איז באַלד אָוועק אַ וואַרעמער בריוו קיין וואַרשע צו מישאַ ברעג־מאַנען, אַז ער זאָל זיך גרייטן אין וועג אַריין; אַז אַלע לאַנדסלייט ווילן אים צונאָמען מיט זיין זון זען וואָס גיכער. ווי אַ סימן פון זייער פריינטשאַפט און הילפס־גרייטקייט שיקן זיי אים אַרויס די ערשטע הילף — אַ סומע, וואָס וועט קלעקן פאַר אים מיטן זון אויף די נויטיקסטע וועג־הוצאות.

אברהם זאַק

ד

ווידער אַ מסיבה ביי די לאַפּידוסעס אין נייעם הויז. דאָס מאָל איז עס אַ קבלת־פּנים פאַר די געסט פון דער אַלטער און איצט חרובער היים — פאַר מישאַ ברעגמאַן און זיין זון דאַניע, דעם יונגן בראַוון פּאַרטיזאַן. בעת מ׳האָט פאַרגעלייגט טאַניען, אַז די שמחה זאָל געפּראַוועט ווערן ביי איר אין שטוב, האָט זי זיך אַ ביסל געקווענקלט... אָבער דער מאַן אירער איז דווקא באַשטאַנען, אַז ער וויל האָבן דעם כבוד, דער ערשטער אויפצונעמען די ניצול־געוואָרענע ברעגמאַנס. האָט זי שוין אויך מסכים געווען.

ווידער איז דער גערוימער זאַל פון די לאַפּידוסעס געווען פול מיט געסט. אַלץ היימישע, לאַנדסלייט און משפחה.

בעת מ׳האָט אַריינגעפירט די צוויי געסט צו די לאַפּידוסעס, האָט טאַ־ניען געקאָסט אַ סך אָנשטרענגונג צו באַהערשן איר אויפגערעגטקייט. זי האָט זיך שטאַרק באַמיט צו מאַסקירן, צו מאַכן אַן אָנשטעל, גלייך ווי צווישן איר און מישאַן וואָלט קיין מאָל גאָרנישט פּאַסירט... און אויך מישאַ ברעג־מאַן — אין גאַנצן גרוי, מיט האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן — האָט געטראָגן אַ שטייפע מאַסקע אויפן פּנים.

— ווען כ׳וואָלט אייך געטראָפן אין גאַס, וואָלט איך אייך בשום אופן נישט דערקענט... — זאָגט טאַניע מיט אַ נישט־נאַטירלעכער שטים צו ברעגמאַנען אין ערשטן אויגנבליק, נאָכן באַגריסן זיך אין קאָרידאָר.

— און איך וואָלט אייך יאָ דערקענט... — ענטפערט ברעגמאַן שוין מיט אַ לייכטן שמייכל אויף זיין אָנגעצויגענעם פּנים.

אין ערשטן טייל פונעם אָוונט האָט טאַניע אויסגעמיטן צו ריידן באַ־זונדער מיט מישאַן. עס איז געגאַנגען אַן אַלגעמיינער שמועס און זי, מעשה־באַלעבאָסטע, איז געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן; אַ וואָרט מיט דעם, אַ וואָרט מיט יענעם; וועמען פּאַרבייגייענדיק אַ שמייכל, וועמען אַ באַמערקונג.

מישאַ ברעגמאַן איז געווען קאַרגלעך אויף ווערטער. ער האָט נאָר קורץ געענטפערט אויף פראַגן, וואָס מ׳האָט אים געשטעלט. פון זיינע קורצע רייד איז אַלעמען איבערגעגאַנגען אַ קעלט איבער די ביינער. וויפל מ׳האָט זיך שוין נישט אָנגעהערט וועגן גרויסן חורבן, פון דעסטוועגן אַז מ׳הערט איצט די שרעקלעכע פּרטים פון אַן עד־ראיה, פון אַ מענטשן, וואָס איז אַליין געווען אינעם גיהנום, ווערט דאָס בלוט פאַרגליווערט אין די אָדערן.

האָבן זיך טאַקע ביי טייל מענטשן געשטעלט טרערן אין די אויגן. אויך טאַניע האָט זיך געווישט די אויגן. זענען דאָך „דאָרטן“ אומגעקומען אַלע אירע נאָנטע — טאַטע־מאַמע, די ביידע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס. אַלע, אַלע. בעת מ׳האָט זיי נאָך געקאָנט אהער אַריבערנעמען, איז עס פאַר איר שווער געווען. זי האָט זיך אַליין געגוג געפּלאָגט דאָ אינעם נייעם לאַנד. שפּעטער, בעת זי האָט עס שוין יאָ געקאָנט באַוויזן, זענען דאָך שוין „דאָר־טן“ די גרענעצן פאַרמאַכט געוואָרן.

— רבותי, לאָמיר מער נישט מאַטערן אונדזערע געסט מיט פראַגן, פאַראַן נאָך צייט. לאָמיר זיך איצטער בעסער פרייען...

דאָס האָט פאַרגעלייגט דער גאַסטגעבער, מאָטל לאַפּידוס. און ער האָט אַליין גענומען אַנגיסן משקה אין די גלעזלעך.

— לאָמיר טרינקען לחיים!

— לחיים! לחיים!

האָט מען געטרונקען, געגעסן און זיך געלאָזט ווױלגיין. אַלע ווײַלע האָט עמעצער אַנדערש אויסגעטווישט אַ פּאָר ווערטער מיט די ברעגמאַנס, מיטן טאַטן און זון. ערשט אין לעצטן טייל פונעם אָוונט, נאָכן ענדיקן דעם יום־טובדיקן אָונטבערויט, האָבן זיך פאַרבונדן צוויי לענגערע שמועסן, אין צוויי אָפּגעזונדערטע ווינקלען, צווישן טאַניען און מישאַ ברעגמאַן און צווישן דאַניען און טאַניעס טאָכטער איזאַבעל, וועלכע האָט פון טאַטע־מאַמע זיך אויסגעלערנט אַ פּיינעם ליטווישן ייִדיש. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט ביי עטלעכע טישלעך צו שפּילן — ווער אין פּאָקער, ווער אין דאָמינאָ. מאָטל איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פּאָקער.

טאַניע האָט שוין געוווּנען איר גלייכגעוויכט און גערעדט אויף אַ נאַ־טירלעכן אופן מיט מישאַן. אין איר שמועס האָט זי גאַנץ פּאַרזיכטיק און ווי פאַרבייגייענדיק באַרירט אויך „דעליקאַטע“ ענינים. געפרעגט ווי איז עס אים געגאַנגען פאַר דער מלחמה אין זיין פאַמיליע־לעבן; וועגן זיין פרוי און עלטערן; אַריינגעוואָרפן אויך אַ רמז וועגן זיין פאָטער...

— מיין פאָטער איז געשטאָרבן שוין לאַנג פאַר דער מלחמה, — דער־ציילט מישאַ.

— פון וואָס פאַר אַ קראַנקייט איז ער געשטאָרבן? — פרעגט טאַניע.

— פון זיין אַלטער קראַנקייט... פון זיין האַרץ־קראַנקייט...

— כ׳מיין, אַז אייער געוויסן איז געבליבן ריין לגבי אייער פֿאָטער... — האָט זיך דאָך ביי איר אַרויסגעכאַפּט אַ שטעכווערטל.

— ניין, דווקא נישט ריין... — ענטפֿערט ער מיט אַ פֿייערל אין די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן. — מיין געוויסן האָט מיך לאַנג געפּלאָגט צוליב מיר אַליין... צוליב מיינע אייגענע דערשטיקטע געפֿילן. נו, און צוליב אייך...

טאַניע האָט בעת־מעשה אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. אויף איר פּנים האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקער שמייכל. „אַ פֿאַרשפּעטיקטער ווידוי״...

— לויפֿט דורך אין איר מחשבה.

און מישאַ רעדט ווייטער:

— אָבער דער פֿינאַל פֿאַר אייך, זע איך, איז אַ גוטער... מיט אַ „העפּי ענד״...

— יאָ, איצט נישט צו פֿאַרזינדיקן. מיין מאַן איז, אמת, נישט אַזוי אינטעליגענט, אָבער אַ זייער גוטער מענטש, מיט אַן אידעלן כאַראַקטער. און מיינע קינדער זענען אין אים געראָטן.

— און די טאָכטער אייערע איז אַזוי שיין ווי די מאַמע, — וואַרפֿט ער אַריין אין גוטמוטיקן טאָן. — זעט, זעט, דאָרטן, מיין דאַניע רעדט אַזוי אויפֿגעלעבט מיט אייער טאָכטער. ער האָט אַ פּנים מיין געשמאַק.

— זאָלן זיי רעדן, פֿאַרברענגען. יוגנט. ס׳איז זייער צייט.

— ווי מאָדנע עס שפּילט מיט אונדז דער גורל! — רעדט אַרויס מישאַ ברעגמאַן אין עלעגישן טאָן נאָך אַ פּויזע. בעת־מעשה מאַכט ער נישט ווילנדיק אין מחשבה אַ פֿאַרגלייך צווישן דעם אַמאָל און דעם היינט: אַמאָל איז ער געווען דאָס רייכע יחוסדיקע זינדל און זי, טאַניע, איז געווען אַ טאָכטער פֿון אַ קבצן בן קבצן. איצט איז איזאַבעל דאָס נגידישע טעכטערל און זיין דאַניע — דאָס זינדל פֿון אַ טאַטן אַ יורד, אַן אָפּגעדאַוונטן.

— פֿאַלט נישט אַריין אין אַזאַ אומעטיקן טאָן... — באַמערקט טאַניע.

— אייער זון קאָן אייך נאָך ברענגען אַ סך נחת: ער זעט אויס צו זיין אינטעליגענט, איז יונג און שיין. נו, און דערצו איז ער נאָך אויך אַ העלד, אַ ידישער העלד... קיין דערפֿאָלג וועט אים נישט פֿעלן ביי די היזיקע סעניאָריטאַס.

— יאָ, קאָן זיין... מיר שיינט, אַז אויך ביי אייער סעניאָריטאַ האָט ער דערפֿאָלג...

טאַניע האָט אַ שמייכל געטאָן און ווידער געהאַט אַ געלעגנהייט אַרייַנצווואַרפן אַ לייכטן רמז:

— איך וועל איר אַלעמפאַלס נישט שטערן אין איר אויסוואַל.

⁂

און טאַניע האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט: זי האָט נישט געשטערט איר טעכטערל איזאַבעל אין איר אויסוואַל. זינט דעם אָוונט ביי די לאַפּידוסעס איז דאַניע געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי איזאַבעלן. די באַקאַנטשאַפט איז שנעל אַריבער אין טיפערע געפילן. די יונגע קינדער האָבן זיך צוגעבונדן איינער צום אַנדערן מיט די הערצער און נשמות.

און גאָר אין גיכן זענען געקומען שמחות: צוערשט אַ תנאים און שפּעטער אַ ביסל די חתונה. די חופּה איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער פּאַסאַזש מיטן גאַנצן צערעמאָניאַל. אַ רב אין אַ צילינדער איז געווען דער מסדר קידושין, אַ חזן האָט געזונגען די ברכות אונטער באַגלייטונג פון כאָר און אָרגל. פון דאָרט איז דער אויסגעפּוצטער עולם אַוועק אין אַ סאַלאָן, ווו מ׳האָט זיך משמח געווען ביז פּאַרטאָג ביי אכילה ושתיה און טענץ.

און זיצנדיק אין דער ראָל פון אַ מחותן נעבן דער מחותנתטע אויבן־אָן ביים לאַנגן טיש, זאָגט מישאַ ברעגמאַן מיט אַ דיסקרעטער שטילער שטים צו טאַניען, אויפהייבנדיק אַ כוס לכבוד איר:

— זעט איר שוין די וועגן פון גורל? ס׳איז אונדז פאָרט באַשערט געווען צו ווערן משפּחה: אויב נישט דורך אונדז אַליין, איז דורך אונדזערע קינדער. לחיים!

— לחיים, מישאַ, לחיים!

בוענאָס־איירעס, 1957.

דער עלנטער קדיש

ווען אינזשיניער דאַוויד ציטרין איז געשטאָרבן, האָט עס אַרויסגערופן אַ סך ריידערייען צווישן פריינט און באַקאַנטע. ערשטנס דערפאַר, ווייל ער איז געשטאָרבן פריצייטיק — קוים דערצויגן ביז 58, — ווען ער איז נאָך געווען פול מיט לעבן; איז געווען תמיד טעטיק און דינאַמיש; טעטיק נישט נאָר פאַר זיך, אין זיין פאַך, נאָר אויך געזעלשאַפטלעך. ער האָט געהערט צו אַ ריי יידישע אינסטיטוציעס אין פאַריז, אין וועלכע ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אין דער אָנפירונג. צווייטנס, איז אינזש. ציטרין געוואָרן די הויפּט־טעמע אין זיין קרייז צוליב זיין פאַרפלאָנטערט פאַמיליע־לעבן; צו־ליב די ווייבער זיינע. אַזש דריי זענען זיי געווען... כל זמן ער האָט גע־לעבט, איז געווען שאַ־שטיל אַרום אים. ווער פון די נענטערע מענטשן עס האָט עפּעס געוווּסט, האָט ער עס געוווּסט פאַר זיך, העכסטנס זיך געטיילט מיט היימישע. צו וויט זענען אָבער די רייד נישט געגאַנגען; איצט אָבער, באַלד נאָך זיין טויט, זענען די צינגער ביי אַ סך לויז געוואָרן און עולם האָט זיך צערעדט. באַזונדערס האָט זיך צערעדט דאָס יידישע „פּלעצל" — אויף רי דע ראָזיע, אויף רי פאַווע, וווּ ציטרין איז געווען גוט באַקאַנט.

ס'האָבן מענטשן אונטערגעשטראָכן דעם אויסטערלישן פאַל: אין פלוג האָט ציטרין, אַ רוסיש יידישער אימיגראַנט, יידיש־נאַציאָנאַל געזאָנען, גראָד געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַזאַכטן, צוריקגעהאַלטענעם מענטשן. איז געווען אַ מאַן פון אַ פרוי — אַ גאָר סימפּאַטישע, אינטעליגענטע — און אַ טאַטע פון אַ טעכטערל, וואָס זיין טאַמאַרע האָט אים געבוירן צוויי יאָר נאָך דער חתונה. ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיינע פאַך־ענינים און נישט ווייניק אויך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. עס איז אים אין זיין פאַך אָוועקגעגאַנגען גאָר מזלדיק. ער האָט געהאַט אַ סך איינפאַלן, איני־ציאַטיוו און איז זייער שנעל געוואָרן אַ פאַרמעגלעכער מענטש. אַזוי איז עס

אים גוט געגאַנגען ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מלחמה־צייט האָט ער צוזאַמען מיט זיין פרוי און יונג טעכטערל זיך געראַטעוועט אין אַ פאָרשטאָט פון פּאַריז, אין ברי־סיר־מאַרנע, אין דעם הויז פון אַ נישט־פאַרמעגלעכער פראַנצויזישער משפּחה — זיין אַנגעזאַמלט פאַרמעגן איז אים אין יענער ביטערער צייט בייגעשטאַנען. אויך באַלד נאָך דער מלחמה האָט ער זיך גיך געשטעלט אויף די פיס און ס׳איז אים ווידער אַוועק מזלדיק אין זיינע פאַך־אונטערנעמונגען. און אַ סברה, — ווי מענטשן האָבן קאָמענטירט, — דאָס געלט האָט אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, אים צעלאָזן... אָבער טאַמאַרע איז געווען איינגעגלויבט אין אים, איז געווען זיכער, אַז איר דאַוויד איז די סאָלידקייט אַליין; אַז אַ חוץ איר קען ער נישט קיין אַנדערע פרויען. אמת, זינט איר שוואַנגערשאַפט פלעגט ער כמעט קיין אָוונט נישט בלייבן מיט איר אין שטוב: פלעגט כסדר גיין אויף זיצונגען, באַראַטונגען. זי האָט אים דערפון נישט געקאָנט אָפּרייסן, הגם איר פלעגט עס אָפּט שטאַרק פאַרדריסן: אַזוי אָפט זיצונגען?!...

דאָס זעלבע איז געווען שפּעטער: זי איז געווען פאַרנומען מיטן דערציִען דאָס קינד, זייער ליזעט, און ער פלעגט, ווי שטענדיק, גיין אויף זיצונגען... אַזוי אַרום איז זי געוואָרן אַ שטוב־זיצערקע. זי האָט אָבער געמוזט שלום מאַכן מיטן דאָזיקן גורל: וואָס קאָן מען טאָן מיט מענער, וואָס האָבן זיך ליב צו קהלן?...

דערפאַר האָבן דעם מאַנס פאַרדינסטן געקלעקט צו פירן אַ שיין הויז, צו האַלטן אַ דינסט פאַר דער שטוב־אַרבעט און דער קיך. מיט דער צייט האָט זיך אינזשיניער ציטרין געקאָנט דערלויבן צו קויפן אַן אייגענעם שיינעם פינף־צימערדיקן אַפּאַרטאַמענט בשכנות פון די „גרויסע בולוואַרן“; האָט אויך אַריינגעשטעלט אין הויז לוקסוס־מעבל פון נייסטן סטיל, באַהאַנגען די ווענט מיט שיינע קונסט־בילדער — און דאָס לעבן איז ווייטער געגאַנגען. ציטרינס הויז איז געוואָרן אַ שטיקל סאַלאָן, וווּהין עס פלעגן אין פרייע טעג אַריינקומען שרייבער, קינסטלער, קולטור־מענטשן.

עטלעכע יאָר זענען אַזוי פאַרביי. יאָרן פון מנוחה אין די ווינקעלעך פון ציטרינס הויז.

***

די מנוחה אין ציטרינס הויז איז אָבער איין מאָל אין אַן אָוונט איבער־געריסן געוואָרן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען ליזעט איז שוין געווען אונטערגעוואַקסן, איז שוין געווען אַ שילערין פון אַ מיטלשול. אין איינעם אַן אָוונט, ווען ציטרין איז, ווי זיין שטייגער, אין שטוב נישט געווען, איז ביי טאַמאַרען געזעסן אירע אַן אינטימע יוגנט־חברטע, אַ חברטע נאָך פון דער שול־באַנק, און יענע האָט איר פאַרטרויט אַ שרעקלעכן סוד: איר מאַן, איר דאַוויד, פירט אַ טאָפּלט־לעבן... ער האָט אַ „פריינדין"! און נישט נאָר סתם אַ „פריינדין" — אַ „פריינדין" מיט אַ קינד! אַ זון! און אַז דער דאָזי־קער געליבטער זיינער צאָלט ער חודשלעך אויף אויסהאַלטונג פאַר איר און פאַר איר קינד פון אים...

בעת יענע האָט גערעדט, האָט טאַמאַרע בשום אופן נישט געוואָלט גלויבן דערין: אפשר אַ טעות... אפשר אַ רכילותל... ווייניק נישט־פאַרגי־נערקעס פאַראַן?... באַלד אָבער האָט זיך די שרעקלעכע בשורה איינגע־שניטן אין איר פלייש ווי מיט מעסערס: צו נאָנט, צו אינטים איז איר גע־ווען די חברטע, און אויב זי האָט זיך אַנטשלאָסן איר צו עפענען די אויגן, איז עס, צו איר גרויסן ווייטאָג, זיכער אַ טרויעריקער אמת.

— און דו ווייסט אויך ווער זי איז? — פרעגט טאַמאַרע.

— אַוודאי ווייס איך.

און זי האָט אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ פרוי: „שאַרלאָטע"... גראָד אַ ייִדישע פרוי... אַ נאָמען מיט אַן אַדרעס אפילו.

טאַמאַרע האָט זיך אין די ערשטע רגעס נישט געקאָנט באַהערשן. זי האָט זיך צעהעשעט אויפן קול און די חברטע האָט זי געמוזט שטאַרקן מיט וואַלעריאַן־טראָפּנס.

— האַלט זיך, טאַמאַרע! — האָט איר יענע געמוטיקט. — אין לעבן זענען פאַראַן אַ סך פאַרבאָרגענע פלאָנטערנישן... אויסערלעך איז אַלץ, דאַכט זיך, שיין און פיין; אַלץ שפּיגלט, שעמערירט... אָבער נישט אַלץ איז גאָלד וואָס גלאַנצט...

— יאָ, איצט פאַרשטיי איך שוין זיינע שטענדיקע „זיצונגען"... — האָט טאַמאַרע גערעדט ווי צו זיך אַליין.

טאַמאַרע האָט זיך געמאַכט אַ האַרץ, האָט זיך ווי ווייט מעגלעך באַ־הערשט. פאַרן מאַן האָט זי לכתחילה געשפּילט. איר שלעכטע שטימונג האָט זי פאַר אים אויסגעטייטשט מיט כלומרשטער שאַרפער מיגרען.

בשתיקה אָבער האָט זי, ווי אַן אמתער שערלאָק האָלם, אים געגומען נאָכ־שפּיאָנירן. ביז אין איינעם אַן אָוונט האָט זי אים דעמאַסקירט. ער האָט איר געזאָגט, ווי תמיד, אַז ער גייט אויף אַ זיצונג.

— ווען קומט פאַר די זיצונג? — פרעגט זי.

— פּונקט ניין אַזייגער.

— און איך דאַרף נאָך פאַר ניין אַזייגער זיין ביי מיין שניידערין. וועל איך אַרויסגיין פריִער פון דיר.

טאַמאַרע איז נישט געגאַנגען צו דער שניידערין, נאָר אויף יענער גאַס, אויף בעלוויל, נעבן יענעם הויז, וווּ עס וווינט איר מאַנס „פריינדין". זי האָט זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט פּונקט אַנטקעגן יענעם הויז נישט קיין גרויסע קאַפּעטעריִע. אַ טייערער צופאַל. איז טאַמאַרע אַריין אַהין און פאַרנומען אַ טישל ביי אַ פענצטער, כדי צו קאָנען אַרויסקוקן צו די פאַר־בייגייער אויפן טראָטואַר. אין דרויסן האָט גראָד געטריפט אַ דין רעגנדל און עס זענען געווען ווייניק דורכגייער. זי איז געזעסן איבער איר קאַווע און אַרויסגעקוקט מיט נערוועזער געשפּאַנטקייט.

און טאַמאַרע האָט זיך דערוואַרט: פּונקט ניין אַזייגער באַמערקט זי ווי קעגנאיבער שטעלט זיך אָפּ אַ טאַקסי, פון וואַנען עס שטייגט אויס איר מאַן... ער איז גלייך אַריין אין יענעם הויז... פאַר טאַמאַרען איז עס גענוג געווען. זי איז אַוועק אַהיים מיט איר טיפן ווייטאָג, פאַרמאַכט זיך אין צימער און זיך גוט אויסגעוויינט.

שפּעט ביינאַכט, אַז אינזש. ציטרין איז אַהיים געקומען, איז שוין טאַ־מאַרע געלעגן אין בעט. זי האָט זיך לכתחילה געמאַכט שלאָפנדיק און דער מאַן האָט זיך שטיל, ווי אַ גנב, אויף די שפּיץ פינגער, אַריינגעשלייכט אין שלאָפצימער און זיך אויסגעטאָן. דאָס בלוט האָט איר געזעצט אין די שלייפן פון אויפרעגונג; דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפן און זי האָט זיך אָנגע־שטרענגט צו באַהערשן זיך און צו שטומען. זי האָט עס אָבער צו לאַנג נישט געקאָנט.

— נו, ווי איז אַדורך די „זיצונג"? — פרעגט זי מיט אַ קינסטלעך איינגעהאַלטענעם קול, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ צו אים.

— דו שלאָפסט נישט?... יאָ, נישט אַזוי אינטערעסאַנט... פאַראַן ייִדן, וואָס האָבן ליב אַ סך צו ריידן... יעדער איינער בעט אַ וואָרט... ווערט אַזש

נודנע אַלעמען אויסצוהערן... און ווען ביסטו צוריקגעקומען פון דער שניי־דערין?

— איך בין געקומען גאַנץ פרי... געגוי ווי נאָר דו ביסט אַריין צו דיין „פריינדין"...

— וואָס רעדסטו, טאַמאַרע?...

— דאָס וואָס דו הערסט... געגוג געשפּילט!

— כ'פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט...

— פאַרשטייסט נישט? אַראָפּ די מאַסקע! איך ווייס שוין אַלץ... אַלץ...

— וואָס ווייסטו, טאַמאַרע? — איז ער געווען ווי געפּלעפט.

— איך ווייס, אַז דו האָסט אַ „פריינדין"... האָסט אַפילו אַ זון פון איר... און איך בין אַזוי לאַנג געווען בלינד...

טאַמאַרע האָט זיך נישט געקאָנט מער באַהערשן און זי האָט זיך צע־כליפּעט.

— אָבער ווער האָט דיר דערציילט אַזעלכע באָבע־מעשיות?...

— דו וואַגסט נאָך צו לייקענען? שווייג בעסער. איך אַליין האָב דיך היינט געזען אַריינגיין צו איר... דאָרט אויף בעלוויל... אַהין ביסטו עס גע־גאַנגען אויף אַ „זיצונג"... איך קאָן דיר אַפילו זאָגן ווי יענע הייסט — שאַרלאָטע.

דערהערט דעם נאָמען שאַרלאָטע, איז דאַוויד געבליבן שטום. מער האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס צו ריידן. ער איז געווען צעטרייסלט פון דער רעטעניש: פון וואַנען? ווי אַזוי איז עס צו איר פלוצלינג דערגאַנגען דאָס, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג פון איר אויסבאַהאַלטן? סיידן דער טייוול אַליין האָט זיך דאָ אַריינגעמישט.

די נאַכטיקע סצענע צווישן מאַן און ווייב איז געווען אַ שאַרפע, אַ דראַסטישע. טאַמאַרע איז אַרויס פון איר גלייכגעוויכט און האָט גערעדט אַזעלכע רייד, וואָס אין איר לעבן איז איר קיין מאָל נישט אויסגעקומען צו באַנוצן. דאָס ערשטע מאָל האָט זי זיך דערפילט אַזוי אָפּגענאַרט, באַשפּיגן.

אַז די ערשטע אויסברוכן ביי טאַמאַרען זענען פאַרביי און זי האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט זי זיך אויפגעזעצט אין בעט און גענומען רעדן שוין מיט אַ געלאַסענעם טאָן:

— הער מיך איצט אויס, דאַוויד. איך וועל זיך מיט דיר מער נישט קריגן. אָבער ווייס, אַז צווישן אונדז איז פאַקטיש אַלץ געענדיקט. ווען

נישט דאָס קינד, וואָלט איך אין מיטן נאַכט פאַרלאָזט דאָס הויז. אָבער צו־ליבן קינד בלייב איך נאָך דערווייל דאָ וווינען. שלאָפן וועל איך טאַקע מיט ליזעטן אין קינדער־בודואַר. אין ערשטן בעסטן פּאַסיקן מאָמענט פאַר־לאָז איך דאָס הויז. ליזעטן, פאַרשטייט זיך, נעם איך מיט זיך. פאַר אַלעם איבעריקן וועט זאָרגן דאָס געזעץ...

ציטרין האָט געשטומט. וואָס האָט ער איז געהאַט צו זאָגן? לייקענען? צו וואָס זיך מאַכן לעכערלעך? האָט ער זיך איינגעגורעט אין קאָלדרע, פאַר־שטעקט דעם קאָפּ, ווי וועלנדיק זיך אויסבאַהאַלטן, אַנטלויפן פון אַלץ. פון טאַמאַרען... פון זיך אַליין...

און טאַמאַרע האָט טאַקע באַלד מקיים פּסק געווען:

זי איז אַראָפּ פון בעט, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם שלאָפראָק, גענו־מען אַ קישן, ליילעך און צודעק און איז אַוועק צו דער טאָכטער פאַרענדיקן די נאַכט. אויב נישט שלאָפן — זי האָט סיי ווי סיי אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט — איז זי כאָטש געלעגן אָפּגעזונדערט פון דעם מענטשן, וואָס האָט זי אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט און וועמען זי האָט אין איין מינוט, פּלוצלינג, אָנגעהויבן פיינט צו האָבן, צו האַסן מיט דער גאַנצער נשמה אירער...

און אַזוי האָבן אונטער איין דאַך, אין די פיינע גבירישע חדרים, גע־לעבט צוויי מענטשן, פאַר דער גאַס כלומרשט מאַן און ווייב, אָבער אין דער אמתן — שונאים!

לאַנג האָט נישט געקאָנט אָנהאַלטן אַזאַ לעבן. טאַמאַרע האָט ביסלעכ־ווייז, זייער פאַרזיכטיק, אויסגעטייטשט פאַר ליזעטן די נייע אויסטערלישע סיטואַציע אין שטוב. ליזעט, שוין אַ פערצן־יעריק מיידל, איז געווען גע־נוג אינטעליגענט און פאַרשטענדיק. די מוטער האָט איר אין גאַנצן געווו־נען אויף איר צד. דערצו איז זי סתם געווען מער צוגעבונדן צו דער מוטער, בפרט די לעצטע צייט, וואָס זי פאַרברענגט מיט איר צוזאַמען אַפילו די נעכט, אַ געלעגער נעבן אַ געלעגער. און וואָס מער דאָס טעכטערל האָט זיך צוגעבונדן צו דער מוטער; וואָס מער זי האָט מיטגעפילט און מיטגעלעבט מיט דער מוטערס צער און שווערע שטימונגען, — אַלץ מער האָט זי זיך דערווייטערט פון פאָטער. אין איר יונגער נשמה איז געוואַקסן אַ שטאַרקער פאַרדראָס, אַ כעס אויף אים צוליב די עוולות, וואָס ער איז באַגאַנגען לגבי דער מוטער. אין וואָס די עוולות זענען באַשטאַנען האָט זי גענוי נאָך נישט

געוווּסט — די מאַמע האָט עס איר קלאָר נישט געזאָגט; די מאַמע האָט גע־רעדט עפּעס רמזימדיק. האָט סתּם גערעדט וועגן עוולות, וועגן שלעכטס. אָבער אַז די עוולות זענען גרויסע — דאָס זעט זי אינעם געענדערטן אויס־זען פון דער מאַמען. די לעצטע צייט איז פון איר ממש אַ שאָטן געוואָרן. גייט אַרום אָן מוט, אַ פאַרטרויערטע. אין די נעכט ווײַנט זי פון שלאָף און זי, ליזעט, וועקט זי כּסדר:

— מאַמע, מאַמע, וואָס האָט זיך דיר געחלומט?...

ביז אין איינעם אַ טאָג איז עס דערגאַנגען צו אַ גט. מאַן און ווײַב האָבן זיך צעשיידט און דאָס טעכטערל — שוין אַ פופצן־יעריקס — האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז זי גייט וווינען מיט דער מאַמען. אינזש. ציט־רין האָט איך דעם פאַל געהאַנדלט סאָליד, ווי אַ דזשענטעלמען: ער האָט געצאָלט! איר, דער געוועזענער פרוי זײַנער, — וואָס עס קומט איר לויטן געזעץ, און צו דער טאָכטער איז ער ווײַטער געבליבן פאָטער און געטראָגן אַלע פליכטן צו איר. אדרבה, ער האָט זיך באמת, אַז ליזעט זאָל אים וואָס אָפטער באַזוכן, זאָל אים נישט פאַרלאָזן. ער האָט איר מיט אַלץ באַזאָרגט, מיט גוטער שול, מיט קליידונג און מיט אַלע הצטרכותן. עס האָט קיין מאָל נישט געפעלט אין איר בײַטל קיין געלט אויף אַלע אַנדערע קליינע אויס־גאָבן: אויף באַזוכן טעאַטער, סינעמאַ, קאָנצערט, קונסט־גאַלערייען. זומער פלעגט זי פאָרן מיט עקסקורסיעס אין די בעסטע קור־ערטער, אין די אַלפּן, צי בײַם ים אויף דער ריוויעראַ. פאַר אַלעם האָט געזאָרגט דער פאָטער.

האָט זיך פאַר אינזש. ציטרין אָנגעהויבן אַן איינזאַם לעבן. ער איז גע־בליבן איינער אַליין אין די שיינע חדרים. מיט אים איז נאָר געווען די דינסט, אַן עלטערע פראַנצויזקע, וואָס האָט אים באַדינט און אָפּגעהיט די ריינקייט פון דער גרויסער דירה. עסן פלעגט ער דאָס רוב אין רעסטאָראַן. ער האָט זיך נישט געקאָנט זעצן צום טיש איינער אַליין און פּראָוון זײַן מיטאָג. אַפילו פאַר דער דינסט איז אים געווען אומבאַקוועם.

און גראָד באַלד נאָכן צעשיידן זיך מיט זײַן פרוי איז אויך דורכגע־לאָפן אַ שוואַרצע קאַץ צווישן אים און זײַן פרײַנדין שאַרלאָטען. לכתחילה זענען זײַנע באַזוכן בײַ איר געווען אָפטערע. ער איז דאָך געוואָרן אַ פרייער פויגל. ער דאַרף זיך דאָך שוין פאַר קיינעם נישט היטן, נישט צוגרייטן קיין תּירוצים פאַרן ווײַב. שאַרלאָטע, — אַ ראַפינירטע פרוי, וואָס האָט שטענדיק געחלומט אים אָפּצורײַסן אין גאַנצן פאַר זיך, — האָט איצט גע־

מיינט, אַז איר צייט איז געקומען; אַז איצטער וועלן זיי זיך קאָנען צונויפ־גיין לעגאַל. אויס מיט דער געהיימער ליבע, מיט דער קאָנספּיראַציע.

— צו וואָס זיך איצטער קווענקלען? — זאָגט זי אים איין אָוונט. — די גלייכסטע זאַך איז, אַז איך, צוזאַמען מיט אונדזער זון, זאָלן זיך אַריינציִען צו דיר אין וווינונג.

ער האָט געהערט און געשטומט.

— פאַרוואָס שווייגסטו? איך מיין עס גאַנץ ערנסט און פּשוט — אַריינ־ציִען זיך צו דיר ווי דיין געזעצלעכע צווייטע פרוי. מיר קאָנען דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן ווו מען דאַרף. צו וואָס זאָלסטו וווינען אַליין, אין היג־טישער עלנטקייט? ב׳עס׳פאַ? (נישט אַזוי?).

ציטרין האָט ווייטער געשוויגן. אַ טרויעריקער שאָטן האָט זיך אויס־געשפּרייט אויף זיין געזיכט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט, שערי? עס געפעלט דיר נישט מיין פּלאַן?

— שאַרלאָטע, ס׳איז נישט אַזוי פּשוט ווי דו מיינסט, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— כ׳פאַרשטיי נישט פאַרוואָס, — זאָגט שאַרלאָטע, — לויט מיר, איז עס דער איינציקער און בעסטער אויסוועג פאַר מיר און פאַר דיר. ווי לאַנג קאָנען מיר לעבן מיט געגנבעטער ליבע? און ווי לאַנג זאָל אונדזער זון לעבן אָן אַ טאַטן? פאַרגעס נישט, אַז מישעל איז שוין אַ דערוואַקסענער יִינגל. זיין מוח טראַכט שוין. מיר מוזן אים ראַטעווען פון זיין טראַגישן מצב.

אינזש. ציטרין האָט אויסגעהערט אירע אָפענע און ביטערע רייד און איר אין געדאַנק געגעבן גערעכט. אַזוי וואָלט טאַקע געדאַרפט איצטער זיין על־פּי יושר. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן דאָזיקן געדאַנק: אַרייננעמען שאַרלאָטען ווי זיין געזעצלעכע פרוי? אָ, ניין, ער קאָן עס בשום אופן ביי זיך נישט פּועלן. צו שאַרלאָטען איז ער צוגע־גאַנגען מיט רעזערווירטקייט, ווי צו אַ לייכטערער פרוי. נאָר ווי צו אַ דערנעבנדיקער ליבע. ווי אַזאַ האָט זי אים צוגעצויגן; גערייצט מיט איר שלאַנקן קערפּער, מיט איר הייסער יונגשאַפט. אַי, דאָס קינד? — ער איז טאַקע געווען קעגן, אַז זי זאָל דאָס קינד געבוירן. ער האָט איר צוגערעדט זי זאָל דורך אַן אָפּעראַציע נישט דערלאָזן צום געבורט: „מיר לעבן דאָך אין מאָדערנע צייטן און ס׳איז נישט קיין ערנסט פּראָבלעם“. אָבער שאַרלאָטע

האָט דערפֿון נישט געוואָלט הערן און געדענקען. זי האָט געטענהט, אַז זי איז פֿאַרליבט אין אים און אַז זי מוז פֿון אים האָבן אַ קינד. אין דער אמתן האָט זי דורכן קינד אים געוואָלט צובינדן, נישט אָפּלאָזן פֿון זיך פֿאַר קיין שום פּרייז. נישט אים, נישט זיין געלט. ער קען גוט אירע כיטרע כוונות. עס האָט אים שטאַרק אויף איר פֿאַרדראָסן; אָבער ער האָט גאָרניט געקאָנט מאַכן. אַוועקגיין פֿון איר האָט ער שוין אויך נישט געקאָנט: ער האָט דאָך געהאַט התחייבות צום קינד. עס וואָלט שוין געשמעקט מיט סקאַנדאַל, מיט לייטיש געלעכטער. עס וואָלט אגב זיכער גורם געווען אַ צרה אין זיין פֿאַמיליע־לעבן. און דאָס האָט ער געמוזט אויסמיידן. פֿלעגט ער וויטער קומען צו שאַרלאָטען, און אַזוי געצויגן, שוין פֿון אינערציע, זיין טאָפּלט לעבן. גע־נאָסן פֿון שאַרלאָטעס ליבע און געטראָגן פֿליכטן לגבי איר, לגבי דעם קינד. ער האָט געצאָלט פֿאַר אַלץ. צום גליק האָט ער די דאָזיקע לאַסט געקאָנט טראָגן — און מאַסקירן. אגב האָט זיך זיין פֿרוי קיין מאָל נישט געמישט אין זיינע געשעפֿטן, אין זיינע חשבונות. איר האָט עס קיין מאָל נישט אינ־טערעסירט. האָט זי פֿון גאָרנישט געוווסט.

אָבער איצטער, נאָכן גט, אַז שאַרלאָטע קומט צו אים מיט אַזאַ „קאָנ־קרעטן פֿאַרשלאָג" — דאָס נישט! אַזוי וויט קאָן עס נישט גיין. זיין פֿרוי קאָן זי נישט זיין.

— איך וויל הערן דיין קלאָרן ענטפֿער! — איז שאַרלאָטע צוגעשטאַנען.

— מיר מוזן עס דערווייל לאָזן אַזוי ווי עס איז, — האָט ער זיך גע־פּרווּט אַרויסדרייען.

— נאָן, שערי! אַזוי קאָן עס ווייטער נישט גיין. איך האָב שוין אַפֿילו מישעלן אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז דו ביסט נישט זיין אָנקל, נאָר זיין טאַטע. ער ווייס שוין אַלץ.

— וואָס?! האָסט זייער שלעכט געטאָן, שאַרלאָטע, — איז ציטרין בייז געוואָרן, — ווי טוסטו אַזאַ זאַך, נישט פֿרעגנדיק ביי מיר?

— איך האָב מער נישט געקאָנט, דאַוויד. מישעל איז שוין אַ דערוואַק־סענער יינגל.

ציטרין איז אומגעלאָפֿן איבערן צימער אַן אויפֿגערעגטער. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט באַרויקן. מישעל איז שוין געשלאָפֿן אין צווייטן חדר און זייערע רייד זענען געווען שטיל־פֿאַרשטיקטע. בײדע האָבן מורא גע־האַט, טאָמער דערגייען זייערע שטימען אין צווייטן צימער.

— זיי נישט בייז, שערי... — פרוווט זי רעדן לאַשטשענדיק. — קיין ליגן האָב איך דאָך אונדזער זון נישט געזאָגט. און פריער צי שפּעטער וועט ער דאָך זיך דערוויסן דעם אמת.

אינזש. ציטרין איז אַוועק יענעם אָוונט פון שאַרלאָטען אַ ברוגזער. אַ צווייט מאָל, אַז ער איז געווען ביי איר, איז שוין געקומען צו אַן ערנסטן ריס. שאַרלאָטע האָט ווידער געגומען פּאָדערן און ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס. זיי האָבן זיך שאַרף צעווערטלט און ער איז אַ געווּיסע צייט צו איר אין גאַנצן נישט אַרויפגעקומען. טאָמער פלעגט ער זיך איבערבעטן מיט איר, איז עס געווען אויף אַ קורצער צייט — ביז אַ נייער מחלוקת, אַלץ אויפן זעלבן באָדן.

אַזוי האָט זיך געדרוקט די צייט. אַן אומעטיקע צייט פאַר אינזש. ציט־רין. די איבערלעבענישן זיינע, דאָס צעפליקטע פאַמיליע־לעבן האָבן אונ־טערגעגראָבן זיין געזונט. ער האָט אָנגעהויבן פילן זיין האַרץ. דאַכט זיך אים, אַז עפּעס נישט אין אָרדענונג דאָרט. זיין פּנים האָט אויסגעזען קרענק־לעך. ער האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיין איינזאַמקייט. עס האָט אים געשראָקן אַ פאָרגעפיל, אַז אין איינעם אַ פרימאָרגן וועט אים די דינסט גע־פינען אַ טויטן אין זיין בעט.

„איך מוז זיך ראַטעווען באַצייטנס, כל זמן עס ווערט נישט צו שפּעט", — האָט ער געטראַכט. און דער איינציקער אויסוועג איז — חתונה האָבן. אַריינגעמען אַ צווייטע פרוי אין שטוב. אויב נישט טאַמאַרע, אויב וועגן שאַרלאָטען קאָן קיין רייד נישט זיין — איז אַן אַנדערע. ער מוז עס. אַזוי זאָגט אים אונטער דער אינסטינקט, דער שכל הישר.

ער האָט זיך געלאָזט פאַרבעטן פון באַקאַנטע, באַזוכט הייזער פון פאַך־קאָלעגן, פון פריינט, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ביז... ביז אַ גאַר צופעליקע באַקאַנטשאַפט אין „אָפּעראַ קאָמיק" האָט געגעבן דעם ענטפער אויף אַלץ. דאָס איז געווען אַ באַקאַנטשאַפט מיט איינער אַ פרוי וויעראַ, אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר פינף־זעקס און דריי־סיק, אַן אלמנה אָן קינדער. זי איז געקומען קיין פאַריז נאָכן היטלערישן גיהנום אין פוילן. איז געווען אין וואַרשעווער געטאָ ביז סוף 1942 און דאַן זיך געראַטעוועט אויף דער „אַרישער זייט", מיט איר „גוטן אויסזען" און עכטן פוילישן אַקצענט האָט זי מאַסקירט איר ייִדישקייט און אָנגעקומען אַרבעטן ווי אַ דינסט צו אַ פוילישער פאַמיליע. און אַזוי האָט זי זיך דער־

וואָרט דעם סוף פון דער היטלערישער מגיפה. איר מאַן האָט זי פאַרלוירן אין אוישוויץ, איר האָב און גוטס אונטערן גרוז פון חרובן געטאָ. און גע־קומען קיין פּאַריז איז זי מיט קהלשער הילף. זייער שנעל איז זי צו זיך געקומען. לאַנדסלייט און פריינט האָבן איר באַזאָרגט מיט אַ פּאָסיקער באַ־שעפטיקונג אין אַ מאָדע־מאַגאַזין. איר גאַזשע איז געווען אַ נישטיקע. זי האָט זיך אָנגעטאָן באַשיידן, אָבער מיט געשמאַק.

די דאָזיקע וויערא איז געווען אַ פרוי מיט אַ שיין און נאָך פריש פּנים, וואָס האָט נאָך פאַרמאָגט יונגע שטריכן. אַ ברונעטין, מיט אַ שיינער האָר־קרוין אויפן קאָפּ. מיט פיינע מאַנירן און געוויסער אינטעליגענץ. באַקאַנטע האָבן אים פאַר איר פאַרגעשטעלט אין פאָיע פון טעאַטער, בעתן אַנטראַקט, און נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער, צוזאַמען מיט זיי און מיט איר, אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער די טומלדיקע „גרויסע בולוואַרן". אויפן וועג האָבן זיי זיך צעטיילט. ער איז, ווי צופעליק, געבליבן מיט איר פון הינטן. און באַלד אין די ערשטע מינוטן פון זייער באַקאַנטשאַפט, נאָכן אויסטויש פון געציילטע פראַזן און שמייכלען, איז ציטרינען דורכגעפלויגן אַ געדאַנק אין קאָפּ, אַז — יאָ, זי, דאַכט זיך, איז אַ פּאַסיקע קאַנדידאַטין... ער האָט עס דערפילט מיט זיין מאַנסבילישן חוש. זיי זענען שפּעטער אַ ביסל ווידער גע־זעסן אַליין צוזאַמען אין אַ קאַפע ביי אַפּעריטיוון, אונטער די מוזיק־קלאַנגען פון אַ פיינעם אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט אַ פּאָפּורי פון רוסישע ציי־גיינער־ראָמאַנסן. ער איז געזעסן נעבן איר, זיין נייער באַקאַנטער, און האָט געהאַט אַ געלעגנהייט מיט איר אין דער שטיל אָפּצורעדן וועגן אַ צווייטער באַגעגעניש. די צווייטע באַגעגעניש האָט זיי שוין מער פאַרבונדן, געבראַכט צו וויטערדיקע טרעפונגען — ביז אַ דרייסטן פאָרשלאַג מצד ציטרינען, זיי זאָלן שטעלן אַ חופה. זי, וויערא, איז געווען פריידיק איבערראַשט און קיין ספק נישט געקווענקלט: זי איז געווען אין אַ שווערער מאַטעריעלער סיטואַ־ציע — און ער, ציטרין, איז געווען פאַרמעגלעך — האָט זי געמוזט פאַר־קוקן דעם צו שטאַרקן אונטערשייד אין יאָרן. האָט געמוזט גיין אויף קאָמ־פּראָמיסן. „סע לאַ וויע" — אַזוי איז דאָס לעבן, — האָט זי זיך פאַרענט־פערט פאַר זיך אַליין. נאָך דער מלחמה — איינע אַליין, אָן איר מאַן, האָט זי זיך שווער, זייער שווער געראַנגלט. זי האָט שוין מער קיין כוחות נישט. זי מוז עמעצן האָבן, וואָס זאָל זי אַרויסציִען פון די פּלאָגענישן. וויערא איז געווען געניוג פּראַקטיש און פאַר דער חופה האָט איר ציטרין געמוזט אָפּ־

שרייבן אַ טייל פון זיין פאַרמעגן, וואָס אים איז נאָך געבליבן נאָכן צעשיידן זיך מיט זיין ערשטער פרוי. איין טייל איז אויך געווען פאַרזיכערט פאַר זיין טאָכטער. נישט פאַרזיכערט זענען נאָר געבליבן שאַרלאָטע און זיין זון פון איר.

אינזש. ציטרין האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז מער קיין טאָפּלט־לעבן פירט ער נישט. ער האָט דעריבער פאַר וויעראַן אין אַלץ זיך מתוודה געווען; דער־ציילט איר סיי וועגן זיין ערשטער פרוי און טאָכטער, סיי וועגן זיין געווע־זענער פריינדין און זון. ער האָט איר אָבער דערביי הייליק פאַרזיכערט, אַז זי וועט זיין ביי אים די איינציקע, צו וועמען ער וועט געהערן, און אַז שאַרלאָטעס שוועל וועט זיין פוס קיין מאָל מער נישט איבערטרעטן.

— יאָ, אָבער דיין זון, דיין זון דאַרפסטו נישט פאַרלאָזן, — האָט וויעראַ באַמערקט.

ציטרינען האָט וויעראַס פיינקייט שטאַרק גערירט און נאָך מער איבער־צייגט אין זיין ריכטיקן אויסוואַל.

נאָך דער חתונה מיט וויעראַן האָט די שטוב ווידער אויפגעלעבט. זי איז געוואָרן אַנדערש, ליכטיקער, פריידיקער. וויעראַ האָט אַריינגעבראַכט יום־טוב אין אַלע חדרים. ציטרין איז אויפגעוואַכט געוואָרן ווי צו אַ ניי לעבן. וויעראַ האָט אים יינגער געמאַכט. עס האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען אין די אָוונטן באַקאַנטע — זיינע פריינט, אירע פריינט. מ׳האָט זיך אַמוזירט ביי סערווירטע טישן, ביי הייטערע שמועסן.

מיט שאַרלאָטען האָט ציטרין לחלוטין איבערגעריסן. ער האָט געהאַט מיט איר עטלעכע דראַסטישע שמועסן דורכן טעלעפאָן — זי האָט צו אים געקלונגען — אָבער זען זיך מיט איר האָט ער אויפגעהערט. זיינע געלט־התחייבותן האָט ער אָבער וויטער געטראָגן סיי לגבי איר, סיי לגבי דעם זון. ציטרינען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז שוין, אַלע שטורעמס אויף זיין הויז, אויף זיין לעבן האָבן זיך איינגעשטילט.

שאַרלאָטע האָט טאַקע אויפגעהערט צו קלינגען, אָבער ער, זיין זון, פלעגט פון צייט צו צייט יאָ טעלעפאָנירן צו אים. דורכן טעלעפאָן האָט ער אים, ווי תמיד, פון געוווינטשאַפט, גערופן „אָנקל", נישט „טאַטע"... וויעראַ איז אַפילו אָפט געווען דערביי, בעת די דאָזיקע טעלעפאָנישע שמועסן. איין מאָל, בעת אַזאַ שמועס צווישן פאָטער און זון, האָט אים וויעראַ איבער־ראַשט מיט אַזאַ זאָג:

— ווייסט? אויב דו ווילסט, קאָנסטו מישעלן בעטן אַמאָל אַרויפקומען. איך מיין, דו דאַפסט עס טאָן.

ציטרין האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט.

— דו רעדסט עס ערנסט, וויעראַ?

— זיכער ערנסט. מיט אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען נישט.

איז טאַקע געקומען דערצו, אַז זיין זון פלעגט אַמאָל — אמת, נישט אָפט — אַרויפקומען צו אים אויף אַ קורצן באַזוך. ציטרין פלעגט שוין זאָרגן דערפאַר, אַז ער זאָל אַרויפקומען אין אַזאַ צייט, בעת זיין טאָכטער קאָן נישט אַריינפאַלן אין מיטן אַזאַ וויזיט. דאָס האָט ער דורכויס געוואָלט אויסמיידן. די קלוגע און טאַקטישע וויעראַ פלעגט ביידע קינדער באַגעגענען תמיד מיט אַ שמייכל. און אַז דער זון פלעגט קומען, פלעגט ער שוין אויס־נוצן די געלעגנהייט און אים איבערגעבן די חודשלעכע סומע פאַר זיין אויסהאַלטונג.

איין מאָל האָט אָבער וויעראַ געהאַט זייער נישט קיין אָנגענעמען „סיורפּריז". עס האָט געקלונגען דער טעלעפאָן — אַ פרויען־שטים.

— ווער רעדט? — פרעגט זי.

— צי זייט איר עס פרוי ציטרין?

— יאָ, ווער רעדט?

— דאָס רעדט די מוטער פון אייער מאַנס זון.

וויעראַן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן און דאָס לשון איז איר אויף אַ וויילע ווי אָפּגענומען געוואָרן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — פרעגט זי לסוף.

— איך וויל אייך פרעגן, צי האָט איר געוווּסט מיט וועמען איר גייט חתונה האָבן? צי האָט אייך ציטרין געזאָגט, אַז ער האָט אַ געליבטע? און אַ זון?

— אַנטשולדיקט מיך זייער, פרוי, איך מוז זיך נישט פאַר אייך מתוודה זיין.

וויעראַ האָט דערהערט אַ גאַסן־זידלוואָרט אין פראַנצויזיש, פון וואָס זי איז בלאַס געוואָרן און זי האָט האַסטיק אַ לייג געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרייבל. שפּעטער האָט זי עס דערציילט ציטרינען. ציטרין האָט דאַן אָנגע־

קלונגען צו שאַרלאַטען און איר מתרה געווען, אַז אויב זי וועט זיך ווייטער דערלויבן אויף אַזעלכע גענג, וועט איר אויסקומען צו באַדויערן.

און ס'איז ווידער רויק געוואָרן אין ציטרינס געמיטלעכע חדרים.

***

מענטשן האָבן גערעדט מיט באַדויערן:

— אַז ס'קומט צום לעבן, מוז מען שטאַרבן...

דער גורל האָט אַ פּנים נישט געוואָלט, אַז ציטרין זאָל מיט דער צווייטער (אייגנטלעך: דריטער) פרוי צו לאַנג לעבן אין גליק און במנוחה. איז ער ערנסט קראַנק געוואָרן. נישט אויפן האַרץ, ווי אים האָט זיך אַמאָל געהאָט אויסגעדאַכט, נאָר גראָד אויף אַ מחלה, קעגן וועלכער די מעדיצין איז נאָך אוממעכטיק — קאַנסער! אַ מחלה, וואָס שוינט נישט קיינעם — נישט דעם אָרעמאַן, נישט דעם עושר. פון געלט איז קיין אָפּהאַלט נישט געווען. ציטרינען האָבן באַהאַנדלט די גרעסטע פּראָפעסאָרן. מ'האָט אים לסוף אָפּערירט, אָבער אָן פּעולה. ער איז אויסגעגאַנגען אין זיינע שיינע חדרים, ביי דער בעסטער מעדיצינישער באַהאַנדלונג, אונטער דער כסדרדיקער השגחה פון אַ קראַנקנשוועסטער און פון זיין וויעראַן, וואָס איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיין קראַנקן־בעט און ביז די לעצטע רגעס אים אין די אויגן אַריינגעקוקט. און אַזוי טאַקע איז ער מיט וויעראַס וואַרעמען, צערפולן בליק איינגעשלאָפן אויף אייביק.

ציטרין איז געלעגן אין שוואַרץ־באַדעקטן אָרון, אין אויפנעם־סאַלאָן פון זיין פּרעכטיקער דירה. צוקאָפּנס הויכע אָנגעצונדענע קאַנדעליאַברעס. אַרום און אַרום — בלומען־קרענץ פון פריינט און אינסטיטוציעס, אין וועלכע ציטרין איז ביים לעבן טעטיק געווען. די טירן זענען געווען הפקרדיק צעפּראַלט. מענטשן זענען כסדר געקומען, געשטאַנען אַ ביסל ביים אָרון און אַוועקגעגאַנגען. געקומען און אַוועקגעגאַנגען. צווישן די געקומענע איז אויך געווען איינע אַ פרוי מיטן פּנים פאַרהילט אין שוואַרצן. די קרעפּ איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מ'האָט נישט געקאָנט דערקענען ווער דאָס איז. זי איז צוגעגאַנגען צום סאַמע אָרון, געשטאַנען אַ ווייל מיט אַ געזונקענעם קאָפּ, אַראָפּגעבויגן זיך און אַ קוש געטאָן דאָס שוואַרצע טוך, וואָס האָט פאַרהילט דעם אָרון, און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער אָבל־שטוב. פון דער ווייטנס האָבן זי פרויען אָבסערווירט און זיך געסודעט אין דער שטיל:

— ציטרינס „פריינדין״...

זאָגט איינע:

— סטייטש, ווי פאַרגינט זיך עס אַ ייִדישער מענטש, אַ ייִדישער ייִד, נאָכצוטאָן דער פאַריזער „מאָדע״?...

און אַ צווייטע גיט צו:

— עס פאַסט פאַר די פאַריזער לעב־יונגען, נישט פאַר אַ ייִד פון אונדזער היימיש־ייִדישער סביבה.

און אַ דריטע:

— אָבער זי, די געגטע פרוי, איז נישט געקומען זיך מיט אים געזעגע־נען. אַ פנים, ער האָט איר נישקשהדיק דאָס לעבן צעבראָכן.

און נאָך איינע:

— ער האָט געמוזט האָבן קורחס אוצרות, דער ציטרין. אַ קלייניקייט, האָט אויסגעהאַלטן אַ שטוב, אַ פרוי; געצאָלט דער „פריינדין״ מיטן זון; געצאָלט דער ערשטער פרוי און אויסגעהאַלטן די טאָכטער.

— איצט איז ער שוין פריי פון אַלע צאָלונגען... פון אַלע פליכטן... — באַמערקט אַן אַנדערע אין אַן אומעטיקן טאָן.

אין איר צעבראָכנקייט האָט וויערא אויך אויפגענומען אַ טעלעפאָן — פון איר מאַנס זון. ער האָט זי אָנגעפרעגט, צי ער קאָן צוקומען אויף אַ ווייל. זי האָט זיך נישט געקווענקלט און אים באַלד געהייסן קומען. איז ער געקומען, דער זיבעצן־יעריקער בחור, ווי אַ פרעמדער, אַן אומבאַקאַנטער, און געשטאַנען אַנטקעגן אָרון. געשטאַנען אומבאַמערקט צווישן עולם, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. קיינער האָט נישט געוווּסט ווער ער איז, אַפילו נישט זיין שוועסטער, וואָס איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן טויטן פאָטער.

בעת דער לוויה, אויפן בית־עולם „באַניע״, זענען זיי אויך ביידע גע־ווען — שאַרלאָטע אין איר געדיכטן שוואַרצן שלייער און מישעל. זיי זע־נען נישט געשטאַנען צוזאַמען. שאַרלאָטע איז געשטאַנען פון דער וויטנס, כלומרשט מיט אַ באַזוך ביי אַן אַנדער קבר, און ער, מישעל, איז געווען אויסגעמישט אינעם עולם מלווים. בעת דער קבורה האָט ער זיך אַנידער־געשטעלט ביים בערגל אַרויסגעשאָטענע ערד, פונקט אַנטקעגן אָפענעם קבר. פון דער אַנדער זייט איז געשטאַנען וויערא, אין שוואַרצן, אַן איינגע־קאָרטשעטע, אַ העשענדיקע. נעבן איר — ליזעט, אַ פאַרוויינטע.

נאָך די טרויער־תפילות, אַז ס'האָט געהאַלטן ביי זאָגן קדיש, האָט דער

חזן געפרעגט, צי ס'איז פאַראַן אַ נאָענטער פון דער משפחה. קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. האָט דער חזן אַליין געזאָגט קדיש.

ווען דער קבר איז שוין געווען פאַרשאָטן און אַלע זענען זיך צעגאַנגען, זענען ביים פרישן בערגל אויסגעוואַקסן צוויי געשטאַלטן: די שוואַרץ־פאַר־שלייערטע שאַרלאָטע און מישעל. ביי שאַרלאָטען האָבן די אַקסלען געצי־טערט: עס האָט איר געשטיקט אַ געוויין. דער זון האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־טאַש אַ פּאַפּיר, מיט לאַטייניש שריפט פאַרשריבן, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ צעבראָכענעם אַקצענט:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבה — — —

בוענאָס־איירעס, 1959.

צווישן שאטנס

א

דער לאַנגער עשאַלאָן האָט זיך געשניטן דורך די פאַרשנייטע סטעפּעס פון אוראַל. ברייטע, אָפענע סטעפּעס, פאַרזונקען אין ווייסקייט. ווו־נישט־ווו צעוואָרפענע ישובים. קאַלקאַזישע דערפער. ווייסע קיביטקעס, פאַרגליווער־טע צווישן קופּעס שניי, אַנגעשאָטענע פון הפקרע בוראַנען. אין דער הויך, איבער די פאַרמאַכטע פראַכט־וואַגאָנעס, האָבן געסטאַרטשעט בלעכענע רערן — די קוימענדלעך פון די אינעווייניקסטע אייזערנע אויוועלעך. פון די רערן האָבן זיך געוויקלט אין דער לופטן סטענגעס רויך, צעטריבענע אין אַלע זייטן פונעם ווינט.

די וואַגאָנעס זענען געפּאַקט: דאָס פאָרן פּוילישע רעפּאַטריאַנטן פון גרויסן רוסלאַנד צוריק אַהיים. דער בלוט־מבול האָט זיך געענדיקט. דאָס לעבן הויבט ווידער אָן פּאַמעלעך אַריינצוגיין אין די רעלסן. ציט עס יעדן איינעם צו דער היימישער שטאָט, צום היימישן דאָרף, צו די אייגענע דלד אמות און צו די נאָענטע, פון וועמען מ׳איז אָפּגעריסן געוואָרן אויף יאָרן.

עס פאָרן פּאָליאַקן און ייִדן, דאָס רוב ייִדן. אויף די נאַרעס אין די וואַ־גאָנעס האַלטן זיך אָממערסטן די פּאָליאַקן באַזונדער און ייִדן באַזונדער. פּאָליאַק בשכנות פון פּאָליאַק, ייִד בשכנות פון ייִד. ביי די פּאָליאַקן איז די שטימונג אַ הייטערע, אַ האָפערדיקע; ביי די ייִדן דאַקעגן איז נישטאָ קיין האָפערדיקייט: ווייסן דאָך די ייִדן, אַז זייערע שטעט זענען חרוב, זייערע הייזער וויסט און זייערע נאָענטע פאַרברענט אין די קאַלך־אויוונס.

דער עשאַלאָן האָט זיך אַזוי געשלעפּט עטלעכע וואָכן צייט. און וואָס מער ער האָט זיך גערוקט אויף מערב — צו פּוילן־צו — אַלץ פריילעכער איז געוואָרן אויף די נאַרעס פון די פּאָליאַקן. ס׳האָט איטלעכער פון זיי גע־

ציילט די טעג און כסדר גערעדט וועגן דער היים, וואָס ער וועט אין גיכן דערזען, און אין דער מחשבה האָט ער געזען די משפחה, וואָס וואַרט אויף אים; די כאַטע, דאָס אייגענע פעלד און מסתמא אויך דאָס שטיקל ברויט צו דער זעט.

די ייִדן האָבן זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע שמועסן מיט אַ געפיל פון קנאה. אויף די ייִדישע נאַרעס האָבן זיך געהערט אַזעלכע באַמערקונגען:

— זיי איז גוט, זיי האָבן צו וועמען צו פאָרן; אָבער מיר...

— צו וועמען און צו וואָס?

— אויף אונדז וואַרטן שטיינער... ציגל...

— אַז מ'האָט אַן אייגן לאַנד, אַן אייגענע ערד, איז תמיד פאַראַן צו וואָס צו קומען — אַפילו אין אַן עת צרה. מ'קומט ווי צו אַן אייגענער מאַמען...

דער עשאַלאָן האָט שוין באַוויזן דורכצושניידן אוראַל, צענטראַל־רוס־לאַנד, און אָט ציִען זיך שוין די אוקראַיִנישע פעלדער און סטעפּעס. דער ווינטער מיט די טיפע שנייען איז ערגעץ הינטער פאַרפאַלן געוואָרן. דער מערץ איז שוין אגב אויך פאַרביי. דאָ אין אוקראַיִנע באַגעגענען זיך שוין אָפטער און אָנזעעוודיקער די טרויעריקע צייכנס פון מלחמה: חרובע שטעט, וויסטע דערפער און כוטאָרן, סטאַרטשענדיקע ווענט און קוימענס נאָכן חורבן און בראַנד.

אין איינעם פון די וואַגאָנעס, פאַררוקט אין אַ ווינקל ביים וואַגאָן־פענצטערל, פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויף דער ייִדישער נאַרע ישראל ווייס, אַן אַלטער וואַרשעווער תושב. אַ מענטש שוין אין די מיטעלע יאָרן. אַ מאָגער פּנים מיט שאַרפע שטריכן, גרויסע גלאַנציקע אויגן, הויכער שטערן און שטאַרק־גרויע שלייפן. דאָס רוב ליגט ער אויסגעצויגן אויף זיין אָרט, פאַר־קוקט אין קליינעם פענצטערל, עפּעס פון צייט־צו־צייט, כדי זיך אָפּצו־פרישן פון דער ענגשאַפט און דושנעקייט. ער ליגט מיט אונטערגעלייגטע הענט אונטערן קאָפּ און מיט פאַרטראַכטע בליקן אין דרויסנדיקן חלל. שווערע מחשבות לאָזן אים נישט אָפּ. אין דעצעמבער 1939 איבערגעלאָזט אין וואַרשע אַ היים, אַ פרוי, אַ קינד, אַ פיין, איינגעפונדעוועט הויז, אַ באַקוועמע דירה אויף שוויענטאָ־יערסקע גאַס, פונקט קעגנאיבער קראַשינ־סקיס גאָרטן. האָט פאַרנומען אַן אָרט אין דער געזעלשאַפט ווי אַ באַקאַנטער

פּעדאַגאָג און געזעלשאַפטלעכער מענטש. זיין נאָמען איז אין די ייִדישע קרייזן נישט פרעמד געווען. און איצט... צו וועמען? צו וואָס?...

אַז זיין הויז איז חרוב, אַז קיינער פון זיינע נאָענטע איז נישט געבליבן ביים לעבן — דאָס ווייס ער שוין אויף זיכער. נאָך אין רוסלאַנד איז ער געוואָר געוואָרן. נאָך דעם ווי וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער גע־האַלטן אין איין שיקן בריוו אַהין: אויף אַדרעסן פון מענטשן, וואָס זענען שוין לאַנג פאַרברענט געוואָרן; אויף אַדרעסן פון גאַסן, וואָס זענען שוין לאַנג קיין גאַסן נישט געווען. ער האָט אויך פאַרוואָרפן מיט בריוו די ייִדי־שע קאָמיטעטן אין וואַרשע און לובלין — ביז עס האָט זיך אָפּגערופן עמע־צער פון וואַרשע. דאָס איז געווען פרוי סאָניע זילבער, אַ וואַרשעווערין, זיין פרויס אַ חברטע נאָך פון די שול־יאָרן, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט אויף דער „אַרישער זייט". די דאָזיקע פרוי זילבער פלעגט אָפט קומען אין קאָמיטעט אַריין נישטערן אין די רשימות פון די, וואָס „מען זוכט" און פון די, וואָס זוכן. אַזוי אַרום האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף זיין נאָמען און אַד־רעס. פרוי זילבער האָט וויסן באַלד אין ערשטן בריוו געשריבן דעם נאָ־קעטן, גרויליקן אמת: אַז קיינער פון זיין פאַמיליע האָט זיך נישט געראַטע־וועט; אַז אַלע זענען זיי אומגעקומען דורך די דייטשישע תלינים מיטן זעלבן טויט, וואָס איר מאַן, קינד, עלטערן און אַלע מיליאָנען ייִדן אויף דער פּוי־לישער ערד. איז צו וועמען פאָרט ער? צו וועמען?

די רעדער פון עשאַלאָן קלאַפּן מיט זייער מאָנאָטאָנעם ריטם. מ׳פאָרט אַלץ ווייטער, ווייטער. וויסן איז שוין נמאס דער כסדרדיקער טומל אין וואַגאָן, דאָס צוקוקן זיך כסדר צו די אַלע קליינלעכקייטן פון די מענטשן, וואָס מוזן לעבן אין משך פון וואָכן אינעם קליינעם, ענגן וואַגאָן־שטח; צו זייערע צאַנקערייען און „אינצידענטן" איבער אַן אָרט פאַרן „קאָטיאָלאָק" אויפן אייזערנעם אויוועלע, צי איבער נאָך אַ שטיקל אָרט אויף דער נאַרע. קוקט ער בעסער אַרויס דורכן וואַגאָן־פענצטערל. דאָ אויף די אוקראַיִנישע פעלדער זעט מען שוין קיין שניי. בלויז וווּ־נישט־וווּ אין די שפּאַלטן פון אַ באַרג אָדער אין די ראָוון ביי דער זייט פון באַן־פּלאַנט זעט מען נאָך שטיקער פאַרגליווערטע ווייסקייט, ווי אַ סימן פון פאַרגאַנגענעם ווינטער. ס׳איז שוין אָנהייב אַפּריל. די ערד איז שוין נאַקעט. פון לאָנקעס, פון טאָלן בלאַנקען זילבערנע פרילינגס־וואַסערן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ די זון און די בלויקייט פון הימל.

ווייס קוקט, קוקט אויף דער פאַרביישוועבנדיקער לאַנדשאַפט און ער געזעגנט זיך אין געדאַנק מיט דער רוסישער ערד. ער געזעגנט זיך מיט אַ געפּיל פון מילדקייט, הגם אין זיין האַרץ האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סך ביטערניש, אַ סך פאַרדרוס אויף דעם דאָזיקן לאַנד: האָט ער דאָך דאָ, אויף דער סאָוועטישער ערד, דעם צלם מענטש פאַרלוירן, אַזוי פיל זיך אָנגעליטן, אַזעלכע ביטערע, פיינלעכע יאָרן איבערגעלעבט: תפיסה, לאַגער אויפן וויטן צפון, אין קאָמי, קאַטאָרגע־אַרבעט... (סתם אַזוי, אומזיסט און אומנישט!)... הונגער, שפּיטאָלן, קראַנקייטן: דעזינטעריע, צינגאַ, געזונטע ציין פאַרלוירן, די ראיה קאַליע געמאַכט... און שפּעטער — נאָך דער אַמנעסטיע — אַ לעבן פון אַ „בראָדיאַגאַ" איבער מיטל־אַזיע. אַ הילוך אין טראַנטעס, אין שיך אַרומגעגאַרטלטע מיט שטריקלעך, כדי די אָראָפּהענגענדיקע זוילן זאָלן נישט אָפּפאַלן. אַ לעבן אין שמוץ און מיט לייז, כסדרדיקער נע־ונד. ווו געטאָגט, נישט גענעכטיקט. געשלאָפן אויף באַנען, אין וואָקזאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, אין טשאַיכאַנאַס [1] אויף דער נאַרע און אויך אונטער דער נאַרע (אויב אויף דער נאַרע איז קיין פּלאַץ נישט געווען). נעכט אין „עוואַקאָפּונקטן", ווו מ'האָט געקאָנט אָפט מאָל נאָר שטיין, ווייל דער דיל איז באַלייגט געווען מיט צונויפגעדריקטע גופים. נעכט אין סטעפּעס אונטערן פרייען קאַלטן הימל. נעכט אין טאַשקענטער „סאַדיק" [2] ביים וואָקזאַל, אונטער קאַלטע, האַרבסטיקע רעגנס. אַ כסדרדיקער געיעג נאָך אַ שטיקל ברויט — — —

ווייס זעט עס אַלץ אַצינד פאַר די אויגן. די אַלע צייטן און ערטער שוועבן פאַרביי ווי אויפן לייוונט פון עקראַן. ער זעט אַלץ לעבעדיק; אָבער דאָך רירט עס אים איצטער נישט, עס וועקט שוין מער אין אים נישט קיין כעס, ווייל דאָרטן, אין פּוילן, איז פיל, פיל ערגערס געשען. ווי בלאַס, ווי נישטיק, דאַכט זיך אים איצטער, איז דאָס אַלץ לגבי די גרויזאַמקייטן, וואָס זענען געשען אויף דער פּוילישער ערד דורך די דייטשישע רוצחים! געהערט ער דאָך על־כל־פּנים צו דעם געראַטעוועטן טייל פּוילישע ייִדן אין רוסלאַנד — נישט אַלע פון זיי האָבן אויסגעדויערט און איבערגעלעבט — און ער איז דאָך סוף־כל־סוף אַלץ איבערגעקומען און ער פאָרט דאָך צוריק אַהיים. אַהיים? אַז די היים איז דאָך שוין קיין היים נישט...

[1] טיי־הייזער. [2] סעדל.

דורכן פענצטערל זעט ווייס ווידער אַ „גרוס": אַ שטעטל, וואָס באַ־שטייט פון בלויז חורבות. אויך פון וואָקזאַל זענען געבליבן בלויז חרובע ווענט. אַזוי אַ פּנים מוז אויסזען „זייך" וואַרשע, „זיין" גאַס, „זיין" שוויענטאָ־יערסקאָ...

ב

ס'איז שוין נאָנט פון דער פּוילישער גרענעץ. דער עולם אין וואַגאָן איז געוואָרן אויפגעלייגטער. ס'דערנענטערט זיך דער סוף פון דער לאַנגער נסיעה. דאָס לעבן אין וואַגאָן גייט אָבער ווי געוויינלעך: מ'פּאַרעט זיך מיט די „קאָטיאָלאָקן" ביים אייזערנעם אויוועלע. מ'קאָכט „פּשענאָ" [3], „לאַפּשאַ" [4], מ'באַקט „לעפּיאָשקעס" [5]. — מען נוצט אויס די אַלע „זאַפּאַסן" און רעשט־לעך, וואָס מ'האָט מיטגענומען אין וועג אַריין.

אין זעלבן וואַגאָן איז אויך פאַראַן אַ פּאָר פאַמיליעס — אַפילו מיט קליינע קינדער. אמת, די דאָזיקע פאַמיליעס דערמאָנען גיכער אָן די פאַמי־ליעס פון אַ ציגיינערישן טאַבאָר, פון דעסטוועגן איז זיי ווייס מקנא: געוועזן צוזאַמען אין אַלע אומשטענדן, צוזאַמען געליטן און איצט וועלן זיי מסתמא קאָנען אָנהייבן אַ לעבן פון דאָס ניי. ס'רירט אים ממש די זאָרג פון די מאַמעס פאַר די קליינע קינדער: אַליין קומט מען אָפּ אין וואַגאָן מיט שהי'־פּהי', מיט אַ ביסל „פּשענאָ", צי „קיפּיאַטאָק" [6] מיט ברויט — און פאַר די קינדער שמירט מען פּוטער אויף פּענעצלעך ברויט, צי אויף „לעפּיאָשקעס". מ'האָט פאַר די קינדער עקסטראַ מיטגענומען טעפּעלעך פּוטער און אויסגעבאַקן קי־כעלעך פון ווייס מעל. די קינדער זענען מלא־שמחה פונעם גאַנצן יאַריד, פונעם גאַנצן האַרמידער און ליאַרעמען אויס זייער פרייד איבערן גאַנצן וואַגאָן.

„וואָסער פאַרשאָלטענער צופאַל, — טראַכט ווייס, — האָט עס מיך צע־שיידט פון מיין פאַמיליע און באַרויבט מיך די דאָזיקע זאָרג און די דאָזיקע פרייד?"

דאָ, ווי אין אַנדערע וואַגאָנעס, איז אויך פאַראַן אַ פּוילישע נאַרע. די פּאָליאַקן לאָזן זיך דאָ שטאַרק פילן: זיי הערן נישט אויף צו טרינקען און צו

---

[3] הירזש. [4] גרויסע לאָקשן. [5] פּלעצלעך. [6] קאָכעדיק וואַסער.

זינגען. אויף יעדער סטאַציע נישטערן זיי אַרום און פרעגן־נאָך בשתיקה אויף שנאַפּס. זיי זוכן און געפינען און פּראַווען כסדר די סעודה. מ׳זינגט און מען ליאַרעמט.

„יעשטשע פּאָלסקאַ ניע זגינעלאַ...״ [7] —

דערהערט זיך אַ האַלב־שיכורע שטים און אַ גאַנצער כאָר כאַפּט אונטער:

„פּוקי מי זשיעמי״...

און איידער מ׳ענדיקט נאָך איינס דערהערט זיך שוין אַ צווייטס:

„מי פּיערווּשאַ בריגאַדאַ,
סטשעלעצקאַ גראָמאַדאַ...״ [8]

דער וואַגאָן איז פול מיט געזאַנג און מיט קולות.

בעת אַ הפסקה אין זינגען שיקט ווייס אַ באַמערקונג צו דער פּוילישער נאַרע:

— איר ווייסט אַ פּנים נישט, פּאַנאָוויע, אַז אין היינטיקן פּוילן זינגט מען מער נישט די „בריגאַדאַ״.

פון דער פּוילישער נאַרע רופט זיך אָפּ קאָוואַלסקי, אַ שלאָסער־מעכאַ־ניקער, וואָס האָט אין רוסלאַנד געאַרבעט אין „מ.ט.ס.״ [9]. ער איז שטאַרק „אונטערן גלעזל״ און רעדט מיט אַ זיך פּלאָנטערנדיקער צונג:

— צאָ פּאַן גאַדאַ? [10] ס׳איז דאָך דאָס באַליבטע לידל פון אונדזער „דזיאַדעק״ [11].

— טאַקע דערפאַר זינגט מען עס דאָרט מער נישט. פּילסודסקי... סאַנאַ־ציע... ס׳איז היינט טריף...

— צאָ פּאַן טאָם גאַדאַ! פּוילן איז דאָך נישט רוסלאַנד. די ייִדן מיינען, אַז זיי האָבן שוין אויך אין פּוילן באַלשעוויע.

ווייסן האָט עס געהויבן פון אָרט:

— „די ייִדן מיינען!״ אין אַלץ זייט איר שטענדיק געוווינט צו זען די ייִדן. די יאָרן האָבן אייך גאָרנישט אויסגעלערנט.

---

[7] פּוילישער הימן. [8] פּילסודסקי־מאַרש. [9] מאַשין־ און טראַקטאָרן־סטאַציע.
[10] וואָס פּלוידערט איר? [11] זיידע, געמיינט פּילסודסקין.

— וואָס טויג אײַך איצט צו פּאָליטיקירן? — מישט זיך אַרײַן אַ צוויי־טער ייִד, קאַפּלאַן פֿון לאָדזש, אַ שנײַדער, דער ראש פֿון אַ פֿאַמיליע אין וואַגאָן.

און ווײַזן באַמערקט ער אויף ייִדיש מיט תּרעומות:

— איר ווילט דווקא אויפֿרײַצן עשׂו? גלײַכער אין גאַנצן נישט צו רעדן מיט זיי, מיט די אַנטיסעמיטן.

אין אַ ווײַלע אַרום הייבט אָבער קאָוואַלסקי ווידער אָן:

— איר, ייִדעלעך, קלערט טאַקע צו בלײַבן אין פּוילן?

און ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפֿער און רעדט ווײַטער:

— איר האָט שוין אין פּוילן נישט וואָס צו טאָן. איר דאַרפֿט בעסער פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע...

די לופֿט אין וואַגאָן איז געוואָרן אָנגעלאָדן מיט פּולווער.

אין פֿאָדערגרונט פֿון דער ווערטער־שלאַכט האָט זיך אַרויסגערוקט העניעק — אַ יונגער בחור מיט אַ רויטלעך ענערגיש פּנים, אַ ברייטפּלייי־ציקער, אַ יאָדערדיקער, אַ „גרוזטשיק"[12] אין אַן עלעוואַטאָר אויף אוראַל און אַ חלוץ פֿון פֿאַרמלחמהדיקן וואַרשע.

פֿלינק ווי אַ קאַץ האָט ער אַראָפּגעטאַנצט פֿון דער נאַרע און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין אַן אַרויסרופֿנדיקער פּאָזע אַנטקעגן קאָוואַלסקין.

— מען פֿרעגט בײַ דיר נישט קיין עצות! — נעמט ער וואַרפֿן שאַרפֿע ווערטער ווי פֿײַלן יענעם אין פּנים אַרײַן. — מיר וועלן זײַן דאָרט, ווו מיר וועלן געפֿינען פֿאַר נויטיק.

יענער האָט אָבער נישט אויפֿגעגעבן דאָס זײַניקע:

— צי ווייסט איר, אַז אין פּוילן שלעפּט מען אַרויס ייִדן פֿון די באַנען און מען מאַכט זיי פּאַרטיק?

— מסתּמא זענען נאָך פֿאַראַן אין פּוילן אַזעלכע לײַט ווי דו! — ענטפֿערט העניעק שוין מיט אַ העכערן קול.

— הערט זשע אויף, ייִדן, דערבאַרעמט זיך! — בעט זיך קאַפּלאַן, — צערײַצט נישט די געגנדז.

אין שמועס מישט זיך אַרײַן דער שוואַרץ־וואָנסיקער לעאָנאָוויטש, אַ

[12] טרעגער.

פוילישער אינטעליגענט, פון פאַך אַ בוכהאַלטער, מיט אַן אַלטן „סטאַזש“ פון יודאָפאָביע:

— אייגנטלעך איז נישטאָ שוין איבער וואָס צו קריגן זיך. נאָך היט־לערן איז נישטאָ שוין קיין ייִדן־פראַגע אין פוילן. די רעשטלעך וועלן שוין ביי אונדז נישט געוועלטיקן!

— אַהאַ, דאָס קרענקט אייך נאָך, די „רעשטלעך“! — רופט אויס הע־ניעק מיט צאָרן, און דערנענטערט זיך צו לעאָנאָוויטשן מיט פאַרביילטע פויסטן. — איר האָט שוין דערשפּירט די נאָנטקייט פון דער „אָיטשיזנאַ“ [13] און איר פאַררייסט שוין די וואָנסעס?

ווען נישט קאַפּלאַן, וועלכער איז צוגעלאָפן צו העניעקן און אים אָפּ־געצויגן אַן אַ זייט, וואָלט זיכער געקומען צו אַ געשלעג.

— לאָזט אָפּ, פּאַנאָוויע, די חשבונות אויף אַ ביסעלע שפּעטער, — רופט זיך אָפּ ווייס, — מיר זענען נאָך נישט אין דער היים. איר האָט נאָך קיינער נישט אָנגעקוקט פוילן. מיר ווייסן נאָך בכלל נישט, ווער ס׳איז דער פאַרשפילטער און ווער דער געווונענער... אַזעלכע הערן ווי קאָוואַלסקי און לעאָנאָוויטש וועלן זיכער איצט אין פוילן קיין גרויס נחת נישט האָבן — מעג עס זיין אַ פוילן אָן ייִדן.

פון אַ ווינקל אויף דער פוילישער נאַרע דערהערט זיך דאָס קול פון אַן אַנדער פּאָליאַק, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. דאָס איז אַנטאָני וויטקעוויטש, אַן עלטערער מענטש, מיט אַ גרוי בערדל, אַ פאָלקס־לערער פון אַ גמינע ביי טשענסטאָכאָוו.

— דאַיען סלאָוואָ [14], דער פּאַן ווייס איז גערעכט, — זאָגט ער, — קיינער פון אונדז ווייס נאָך נישט וואָס אים דערוואַרט אין פוילן. פאַר־וואָס זאָלן מיר טאָקע נישט לעבן בשלום מיט אונדזערע „ראָדאַקעס“ [15], די ייִדן? צי ווייניק קרבנות האָבן זיי געבראַכט? און וויפל זענען דען בכלל געבליבן ייִדן? הערט בעסער אויף, פּאַנאָוויע, זיך צו קריגן.

די צעהיצטע געמיטער אין וואַגאָן האָבן זיך לאַנג נישט געקאָנט באַ־רויקן. אַזעלכע „דיסקוסיעס“ און אַזעלכע אַריינזאָגענישן האָבן זיך איבער־געחזרט טאָג־טעגלעך — אונטערן אַקאָמפּאַניאַמענט פון די רעדער.

---

[13] פאָטערלאַנד. [14] כ׳גיב מיין וואָרט. [15] לאַנדסלייט.

ג

דער עשאַלאָן איז אָנגעקומען אויף דער גרענעץ־סטאַציע מעדיקאַ, וווּ ער איז געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס אין דער פרי איז פאָרגעקומען די גרענעץ־רעוויזיע און דאָקומענטן־קאָנטראָל. די סאָוויעטישע גרענעץ־נאַטשאַלסטוואָ איז געווען באַזונדערס מילד און העפלעך צו די רעפאַטריאַנטן — ווי צום געזעגענען זיך...

ס'האָט זיך געביטן דער קאָנדוקטאָרן־פּערסאָנאַל. די רוסן בראש מיטן קאָמענדאַנט פון עשאַלאָן — אַ באַפולמעכטיקטער פון דער „נ.ק.וו.ד." — זענען געבליבן אין מעדיקאַ און די באַדינונג אין עשאַלאָן האָבן איבערגענומען פּוילישע קאָנדוקטאָרן, און אַזוי איז דער צוג אַריבער אויף דער פּוילישער ערד. ער האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך, נישט געאײַלט, ווי װעלנדיק באַגריסן זיך מיטן גאַנצן אַרום. ס'איז שוין געווען אין מיטן אַפּריל. אַ הערלעכער זוניקער טאָג. דער עולם אין די וואַגאָנעס האָט זיך געשפּאַרט צו די ברייט־פונאַנדערגערוקטע טירן. מענטשן פון די פּעלדער גריסן מיט דער האַנט־פלאַך און מיט טיכעלעך. אַ באַרגיקע געגנט בלאַנקט און רייצט מיט גרינקייט און רחבות. אין דער לופטן האָט געהילכט אַ פויגל־טרילעריי. די פּאָליאַקן זענען געווען ממש בגילופין.

— כלאָפּצי![16] — האָט לעאָנאָוויטש אַ קאָמאַנדעווע געטאָן מיט אַ האַנט־באַוועגונג, מעשה דיריזשאָר, און האָט פאַרצויגן:

„ניע דאַמי זיעמי סקאָנד נאַש רוד" — — —[17]

און דער גאַנצער וואַגאָן איז פול געוואָרן מיט געזאַנג. עס האָבן געזונגען קליין און גרויס. און נישט נאָר אין דעם דאָזיקן וואַגאָן; אַ געזאַנג האָט זיך געטראָגן פון אַלע וואַגאָנעס. דער גאַנצער עשאַלאָן האָט זיך צעזונגען. אויך טייל ייִדן האָבן מיטגעזונגען, נישט װעלנדיק זיך אויסטיילן פון די פּאָליאַקן.

וויסן האָט דער ענטוזיאַזם נישט געריירט. אַדרבה, צוזעענדיק די התלהבות פונעם עולם, איז אים אין האַרצן נאָך טרויעריקער געוואָרן.

---

[16] חברה! — [17] „ראָטאַ" פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ.

— זיי פרייען זיך — באַמערקט ער צו העניעקן, דעם חלוץ — זיי יובלען. אָבער מיר... פּוילן איז נאָר דער קבר פון אונדזער פאָלק.

— אַזוי איז עס, — האַלט יענער אונטער, — אונדזער אַלעמענס פאָ־טערלאַנד קאָן איצט זיין נאָר איין לאַנד — ארץ ישראל. איצטער נאָך מער ווי שטענדיק, — אויב מיר ווילן נאָך ווייטער לעבן, ווייטער עקסיסטירן ווי יחידים און ווי אַ פאָלק. פּוילן קאָן נאָר זיין פאַר אונדז אַ טראַנזיט־לאַנד. אַזוי טראַכטן אַוודאי אַט די אַלע ייִדן אין עשאַלאָן.

— יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, — טייטש עס נאָך אויס ווייס קלערער. — נאָך דעם גרויסן בראַך, וואָס עס איז געשען מיט אונדזער פאָלק, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך ווען אָפּגרענעצן פון דער גאַנ־צער גוייִשער וועלט, פון אַלטמען, סיי פון רעכטס און סיי אַפילו פון לינקס.

און אַ ווינק טוענדיק צו דער פּוילישער נאַרע, האָט ווייס פאַרענדיקט:

— איר זעט דאָך און הערט דאָך אונדזערע „פריינט״ — די קאָוואַל־סקיס און די לעװאַנאָוויטשעס. דאָס איז די גרויע מאַסע, די גרויסע מער־הייט פון פּוילישן פאָלק. די בעסערע פּאָליאַקן, די וויטקעוויטשעס — פאַ־ראַן אויך אַזעלכע — זענען דאָך זייער ווייניק אין צאָל.

דער עשאַלאָן איז שטיין געבליבן ביי אַ קליינער פּוילישער סטאַציע. אויפן פּעראָן איז געווען אַ היפּשער עולם. מ׳איז אַרויסגעקראָכן פון די וואַגאָנעס און מ׳האָט זיך געקליבן אין געזעמלען. פּוילישע בחורים און מיידלעך זענען געגאַנגען לענגאויס פון די וואַגאָנעס און האָבן זיך נאָכ־געפרעגט ווער עס וויל טוישן רוסיש געלט אויף פּוילישע זלאָטעס. דאָ איז אָנגעגאַנגען כמעט אַן אָפענער האַנדל מיט וואַליוטע. קיין איינציקן ייִדן האָט מען דאָ צווישן די וואַליוטע־סוחרים נישט געזען. מ׳האָט דאָ בכלל קיין ייִדיש פּנים נישט באַמערקט.

הינטערן וואָקזאַל איז פּלוצלונג געוואָרן עפּעס אַ טומל. די ייִדן האָבן גענומען לויפן צוריק אין די וואַגאָנעס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יונגע כוליגאַנעס האָבן שוין פאַרטשעפּעט אַ ייִדישן רעפּאַטריאַנט.

— צאָ שיען סטאַלאָ? [18] — פרעגט ווער אַ פאַרבייגייענדיקן קאָנדוקטאָר.

— ניץ טאַקיעגאָ [19]. כ׳האָב זיי געזאָגט, די זשידקעס, אַז זיי זאָלן בע־סער זיצן אין די וואַגאָנעס, נישט וואַרפן זיך אין די אויגן.

---

[18] וואָס איז געשען? — [19] נישט באַזונדערס.

ווייס שטייט אַ בלאַסער און אויפגערעגטער אין טיר פון וואַגאָן און באַמערקט עקסטראַ אין פויליש, מיט ביטערער איראָניע אין טאָן, קוקנדיק בעת מעשה אויף קאָוואַלסקין:

— יאָ, דער קאָנדוקטאָר איז גערעכט. ריכטיק אַזוי. ייִדן דאַרפן זיך נישט וואַרפן אין די אויגן: מיר זענען דאָך שוין אויף דער פּוילישער ערד...

דער עשאַלאָן איז ווייטער געפאָרן און איז אַריבער דעם סאַן. אין וואַגאָן האָט מען שוין געגעסן פּוילישן ברויט: אַזעלכע פיינע ווייסע ברויט־לעך, וואָס יעדער וואַגאָן האָט באַקומען אויף דער סטאַציע פון „פּ.ו.ר."[20]. דאָס דאָזיקע ברויט האָט מען געגעסן מיט אַ באַזונדער אַפּעטיט.

ביי די פּאַליאַקן איז געוואַקסן די פרייד, ביי ייִדן — דער אומרו.

טיפער אין לאַנד האָבן זיך אויף די באַן־סטאַציעס געוומען באַווייזן יונגע ייִדישע בחורים און מיידלעך. זיי זענען געגאַנגען פאַרביי די וואַגאָ־נעס און פאַרגעלייגט דער ייִדישער יוגנט פון עשאַלאָן מ'זאָל אַריינטרעטן צו זיי אין די קיבוצים. ווער עס טרעט אַריין אין קיבוץ, האָבן זיי געזאָגט, ווערט באַלד פּטור פון אַלע דאגות: ער באַקומט קליידער, עסן, דירה, און נאָך אַ קורצער הכשרה פאָרט ער קיין ארץ ישראל.

— קומט מיט אונדז, ייִדן! — האָבן זיי ברודעריש גערופן, — נישטאָ קיין אַנדער וועג פאַר אַ ייִדן.

האָבן זיך געפונען אין די וואַגאָנעס נישט ווייניק בעלנים, עלנטע יונגעלייט, וועלכע האָבן נישט קיינעם אויף דער וועלט, קיינעם נישט און גאָרנישט, אַ חוץ זייער יוגנט און יונגע הענט. זיי האָבן, נישט טראַכטנדיק לאַנג, געכאַפּט פון דער נאַרע זייער באַגאַזש — אַ הילצערן קעסטל, אָדער אַ פּשוט זעקל, צי רוקזאַק — און פריידיק מיטגעגאַנגען אין קיבוץ אַריין: עס האָט געלאָקט דער צוזאָג פון אַן אַדרעס, פון אַ דאַך איבערן קאָפּ, פון עמעצנס זאָרג.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם רוף צו גיין אין קיבוץ, איז געווען העניעק.

פאַרלאָזנדיק דעם וואַגאָן האָט ער זיך מיט אַלעמען וואַרעם געזעגנט און אויך פאַר קאָוואַלסקין און לעאָנאָוויטשן האָט ער געהאַט אַ פאַר געזעגע־נונגס־ווערטער, ווי אַ מין „לעצט־געלט":

---

[20] פּוילישער רעפּאַטריאַציע־אַמט.

— מיט אייך, פּאַנאָוויע, איז מיר באַזונדערס גרינג און גוט זיך צו געזעגענען. דער עיקר דערפאַר, ווייל איך וועל אייך שוין, האָף איך, מער נישט זען.

ד

אין איינעם אַ פאַרטאָג איז דער עשאַלאָן צוגעפאָרן צו דער פּוילישער חרובער רעזידענץ — צו וואַרשע. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך אויף אַ זייטיקן טאָר פון הויפּט־וואָקזאַל, צווישן אַ ריי משא־צוגן. אויף איין טאָר איז געשטאַנען אַ גאַנצע ריי צעלעכערטע, צעשטויסענע וואַגאָנעס אָן פענצטער, ווי אַ זכר פון די פאַרוויסטונגען אויף דעם וואָקזאַל. דעם אַמאָליקן וואָקזאַל זעט מען בכלל נישט, נאָר אָנגעוואָרפענע, צעשאָטענע ווענט מיט סטאַרטשנדיקע שטיקער אייזן־בעטאָן.

דער עשאַלאָן איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע טעג. די פּאַליאַקן זענען דאָס רוב באַלד אין ערשטן טאָג אַוועק אין שטאָט אַריין און מער נישט צוריקגעקומען. געבליבן זענען די ערשטע נאַכט צום נעכטיקן כמעט בלויז ייִדן. קיינער פון זיי האָט קיין אַדרעס נישט געהאַט. אין משך פון עטלעכע טעג זענען ייִדן געגאַנגען אין ייִדישן קאָמיטעט אַריין, געקראַכן אויף טרעפּ, אַרויף־אַראָפּ, געעפּנט טירן, גענישטערט אין רשימות, געזוכט קרובים און נישט געפונען. ביז מ'האָט זיך ביסלעכווייז „איינגעאָרדנט" מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ — ווער אין רעפּאַטריאַנטן־הויז, ווער אין קיבוצים, ווער אין קאָלעקטיווע היימען ביי אָרגאַניזאַציעס.

ווייס איז געווען אין גאַנצן צעטומלט פון די ערשטע איינדריקן. וויפל ער האָט פריִער נישט אַריינגעטראַכט, האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן אין דמיון אַזאַ שוידערלעך בילד פון חורבן, ווי עס האָט אים איצט געוויזן די וואָר. באַלד ווי דער עשאַלאָן האָט זיך דערנענטערט צו דער שטאָט, האָט ער דערזען אַן אויסטערלישע פּאַנאָראַמע פון כמעט בלויז חורבות. ווענט, ווענט, ווענט נישט מיט פענצטער, נאָר מיט לעכער. הויכע קוימענס האָבן געסטאַרטשעט אומהיימלעך אין דער לופטן. זעלטן ווו האָט ער געזען אַ גאַנץ הויז. און אַפילו דאָס גאַנצע הויז האָט אויך געהאַט אויף די ווענט לעכער פון קוילן און בליי־שפּליטערס אָדער אָפּגעפּליקטע שטוקאַטור. שפּעטער, אַז ער איז שוין אַריין אין לאַבירינט פון די חרובע גאַסן, האָט ער זיך דערפילט ווי אין אַ טויטער וועלט. אויף דעם רוב גאַסן איז

קוים געווען אַ שמאָלער דורכגאַנג צווישן די בערג אָנגעוואָרפענע ציגל. די געוועזענע הויפּט־גאַסן זענען שוין אין דער מיט בעסער אָפּגערייניקט און עס גייט אויף זיי אַ שטאַרקע באַוועגונג מיט אויטאָס, דראָשקעס, פּשוטע וועגענער געשפּאַנטע אין פערד, דריי־רעדעריקע ריקשעס. נישט אַלע גאַסן דערקענט ווייס. אויף אַנדערע פאַרבליבענע טויערן הענגט נאָך דאָס בלויע בלעכענע לאַמטערנדל מיטן נומער פון הויז און נאָמען פון גאַס. געוועזענע גאַסן און געוועזענע הייזער...

ווייס איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטאָטישן אויטאָבוס — אַ פּשוטע משא־פּלאַטפאָרמע מיט אויסגעשטעלטע בענק פאַר פּאַסאַזשירן — און זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּראַגע צום יידישן קאָמיטעט. די מאַשין פליט דורך די געוועזענע גאַסן, ווו מען באַמערקט זעלטן אַ לעבעדיקן נפש.

די ווייסל, די אַלטע פּוילישע ווייסל, גייט איר אייביקן גאַנג. אַלע בריקן איבערן טייך צעפליקט, צעריסן. די באַוועגונג גייט איבער אַ צייטווייליקער הילצערנער פּאָנטאָן־בריק. אויף די ברעגעס זעען זיך נאָך סימנים פון פאַרגאַנגענע שלאַכטן: אָקאָפּעס, צעזעצטע טאַנקען, צעשעדיקטע האַרמאַטן.

אין יידישן קאָמיטעט — אַ טומל, אַ יאַריד. מענטשן באַלאַגערן די טרעפּ, די חדרים. באַאַמטע דרייען זיך אַריין און אַרויס פון איין צימער אין אַנדערן. ביי שרייב־טישן זיצן יונגע פרויען מיט פריש פריזירטע קעפּ און פּעט־געשמינקטע ליפּן און קלאַפּן אויף שרייב־מאַשינען. כמעט אַלע רעדן פּויליש. פון די טרעפּ קומען אַריין כסדר די היימלאָזע מענטשן און שטופּן זיך אין אַלע חדרים, פרעגן, טאַפּן אַ וואַנט. דאָס זענען אַלץ פריש אָנגעקומענע פון אַלע עקן רוסלאַנד: ווער פון קאַזאַכסטאַן, ווער פון אוז־בעקיסטאַן, ווער פון טאַדזשיקיסטאַן, ווער פון טורקמעניע, ווער פון אוראַל, פון באַשקיריע און פון צענדליקער אַנדערע פאַרוואָרפענע מקומות פונעם ריזיקן רוסלאַנד. מענטשן אין פופייקעס, אין שטיוול, אין גרויסע, ברייטע אַרבעטס־שיך, מיט רוקזעק אויף די אַקסלען, מיט אָפּגעבליאַקעוועטע, לאַנג נישט געראַזירטע פּנימער. אויך טייל פרויען צווישן זיי האָט מען געזען אין פופייקעס און אין שטיול. איין עלטערע פרוי האָט נאָך אַפילו פּאַראַ־דירט אין וואַליקעס.

ווייס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן געזעמל און זיך דערפרעגט ווו מ'קאָן אַדורכקוקן די רשימות פון די פאַררעגיסטרירטע יידן אין וואַרשע. ס'איז פאַר אים שוין נישט געווען קיין איבערראַשונג, וואָס ער האָט אין זיי

נישט געפונען קיין איינציקן פון זיינע נאָנטע. באַגעגנט האָט ער נאָר אין די רשימות דעם נאָמען פון איין איינציקער באַקאַנטער — טאַקע פון פרוי סאָניע זילבער, זיין פרויס חברטע, פון וועמען ער האָט נאָך אין רוסלאַנד דערהאַלטן די טרויעריקע בשורה וועגן זיין אומגעקומענער פאַמיליע.

אין קאָמיטעט איז ווייסן געלונגען צו באַקומען אַ צעטל, כדי אויפֿגענומען צו ווערן אין רעפּאַטריאַנטן־הויז. ער האָט דאָרט פאַרנומען אַן אייזערן בעטל אין אַ ווינקל ביי אַ וואַנט. אויב פון איין זייט האָט ער געהאַט געדיכטע שורות בעטלעך מיט שכנים, האָט ער דערפאַר געהאַט איין שטיקל „פרייע" וואַנט, צו וועלכער ער האָט זיך ביינאַכט געקאָנט אויסדרייען מיטן פּנים און האָבן די אילוזיע פון יחידות.

ווי שוין אַן „איינגעאָרדנטער", איז ווייס צומאָרגנס אַוועק מיט אַ וויזיט אויף שעראָקע גאַס — טאַקע צו פרוי זילבער. געוועזן איז עס אין אָוונט. דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט: ער האָט דאָך געוווּסט, אַז ביי פרוי זילבער וועט ער אָפּנעמען אַן אויספירלעכן טרויעריקן „גרוס" פון זיינע נאָנטע.

ער האָט אָנגעקלונגען און ס'האָט אים געעפנט טאַקע פרוי זילבער אַליין. אין ערשטן אויגנבליק האָט ער זי נישט דערקענט: פאַר אים איז געשטאַנען אַ פרוי מיט אַ לחלוטין זילבער־ווייסן קאָפּ. אויך זי האָט לכתחילה ווייסן נישט דערקענט: האָט ער דאָך אויך באַקומען אַ פאַרעלטערן אויסזען און אויך זיינע שלייפן האָבן געביטן די קאָליר. דערצו נאָך זיין הילוך. קיינער, ווער ס'האָט געקענט ווייסן פון פאַר דער מלחמה — דעם שטענדיק עלעגאַנטן מאַנצביל, מיטן אָפּגעהיטענעם לאָג פון די הויזן, מיט דער שיינער, געדיכטער, שוואַרצער טשופרינע אויפן קאָפּ — קיינער וואָלט אים נישט געקאָנט פאַרשטעלן אין אַזאַ קלעגלעכן מצב.

אָבער נאָך עטלעכע רגעס האָבן זיך ביידע געכאַפּט — צוליב דעם אָרט און די אומשטענדן פון דער באַגעגעניש.

— פרוי זילבער...

— הער ווייס...

זי איז די ערשטע צוגעפאַלן צו אים און זיך צעקושט מיט אים.

— ס'אַראַ גאַסט! קומט אַריין! ס'אַראַ גאַסט!

— יאָ, אַ גאַסט פון יענער וועלט.

— מיר זענען אַלע געסט פון יענער וועלט... מיר דאָ גיכער פון אייך...

— יאָ, איר זייט גערעכט, פרוי זילבער.

פון קאָרידאָר איז מען אַריין אין אַ צימער.

— זיצט! זיצט!

פרוי זילבער האָט אים אונטערגערוקט אַ וויך־געבעטן לעדערנעם פאָ־טעל. ווייס האָט זיך באַקוועם אַריינגעזעצט, און ס'האָט באַלד אויף אים אַ ווייע געטאָן אַ היימישקייט, וואָס ער האָט שוין לאַנג נישט געפילט.

— איר ווייסט, — הויבט אָן פרוי זילבער, — כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז איר דאַרפט קומען. כ'האָב געהערט, אַז עס קומען שוין צוריק די פּוילישע פון רוסלאַנד. כ'האָב געוואַרט אויף אייך.

— באמת געוואַרט? — איז ווייס פאַרוווּנדערט. — גוט כאָטש, וואָס איין מענטש האָט אויף מיר געוואַרט. נו, פרוי זילבער, רעדט... דערציילט... איר האָט דאָך מסתמא אַ סך מיר צו דערציילן.

— אָ, לאָזט דערוויל, מיר וועלן נאָך רעדן, נאָך פאַראַן גענוג צייט. דערציילט איר בעסער פון רוסלאַנד, פונעם רוסישן ספינקס. ווי האָט זיך אייך געלעבט?

— אַ שווער לעבן געווען; נאָר כ'האָב איבערגעלעבט. אָבער וואָס איז די פּעולה? אַז דאָ איז קיינער נישטאָ. דערציילט מיר פון דעסטוועגן אַ פּאָר פּרטים.

— הער ווייס, כ'מיין באמת, לאָזט דערוויל... אַ צווייט מאָל. איר וועט דאָך, האָף איך, נישט זיין ביי מיר קיין גאַסט. גלויבט מיר, עס גלוסט זיך מיר איצט נישט אָנצורירן די וווּנדן... אָט לאָמיר איצט בעסער עסן צו־זאַמען אָוונט־ברויט. איר זייט דאָך אַוודאי הונגעריק. איר וועט מיך אויף אַ וויילע אַנטשולדיקן.

און זי איז אַרויס אין קיך.

ווייס האָט זיך אומגעקוקט און אַלצדינג באַטראַכט מיט נייגעריקע בליקן. אין באַגריף פון אַמאָל איז די וווינונג אַ גאַנץ באַשיידענע; אָבער לייטיש מעבלירט, געמיטלעך. ער זעט דאָ אין דער זייט נאָך אַ טיר. מסתמא איז דאָ פאַראַן נאָך אַ צימער. באַזונדערס האָט אים געריי̈צט די ברייטע אָטאָמאַנע. אָ, ווי גוט וואָלט געווען זיך אויסצוציִען אויף איר און זיך אויסשלאָפן פּאָר אַלע צייטן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון פאָטעל און זיך איבערגעזעצט אויף דער

אַטאַמאַנע. ער האָט זיך גענומען אויף איר וויגן, אַרויף־אַראָפּ, ווי אַ צע־שפּילט קינד. ווי ווייך, ווי גוט!

און בעת־מעשה האָט ווייסן ממש פאַרקלעמט ביים האַרץ אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט, דאַכט זיך אים, אויף אייביק פאַרלוירן.

פרוי זילבער איז אַריינגעקומען מיט אַ פולן טאַץ.

— קומט צום טיש.

דער טיש איז סערווירט געוואָרן מיט כלערליי עסנוואַרג: סאַרדינען, וורשט, אָנגעשניטענע פּענעצלעך פון אייער, ברויט, זעמעלעך.

— עסט, עסט! זשעניירט אייך נישט.

— אַ דאַנק! דעם אמת זאָגנדיק, בין איך שוין אָפּגעוווינט פון אַ מענטש־לעכן טיש.

ווייס האָט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן. פרוי זילבער, באַמערקנ־דיק זיין קווענקלען זיך, האָט אים אַריינגעלייגט אין טעצל סאַרדינען.

— האָט איר אין רוסלאַנד געהונגערט? מ׳דערציילט זיך אַן משונהדיקע זאַכן פון רוסלאַנד.

— אָ, נאָך אַ מין הונגערן! אין רוסלאַנד איז תמיד נישט־פויגלדיק מיט דער אכילה, בפרט נאָך מלחמה־צייט. די לעצטע פּאָר יאָר, זעט איר, האָב איך גראָד נישט געהונגערט, ווייל איך פלעג שוין כסדר אָפט באַקומען פּעקלעך פון אויסלאַנד — פון טעהעראַן און פון תל־אביב. ייִדן זענען דאָך רחמנים בני רחמנים.

דאָס עסן האָט לאַנג געדויערט. צום סוף איז געקומען טיי. טיי אין שפּיגלדיקע גלעזער. צום טיי — קיכעלעך, שאָקאָלאַד. עס האָט זיך אויך געוויזן אַ שאַכטל ציגאַרעטן. פרוי זילבער האָט אָפּט גערויכערט.

— איר האָט דאָך אַמאָל נישט גערויכערט? — פרעגט ווייס.

— כ׳בין פּאַר די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכע רויכערין. דאָס ראַטעוועט מיך אין מיין איינזאַמקייט. און נישט נאָר רויכערן. אויף דער „אַרישער זייט״ האָב איך זיך אויסגעלערנט אויך טרינקען.

— טרינקען?! — פאַרוווּנדערט זיך ווייס.

— יאָ, טרינקען, טרינקען! און פּשוטן שנאַפּס. „טשיסטאַ וויבאָראָ־וואַ״... [21] אַז מען האָט געלעבט אין אַ קריסטלעכער סביבה, האָט מען גע־

---

[21] עכטער שנאַפּס.

מוזט מיטהאַלטן ביים טרינקען; ווען נישט, וואָלט מען געוואָרן אויפפאַלנ־דיק. ס׳איז דאָך גאָרנישט לויטן קריסטלעכן שטייגער.

ביי דער געלעגנהייט באַרירט שוין פרוי זילבער און דערציילט געוויסע פּרטים פון איר לעבן אויף דער „אַרישער זייט": ווי אַזוי זי איז שאַנטאַ־זשירט געוואָרן דורך פּאָליאַקן, וועלכע האָבן ביי איר געצויגן געלט און געהאַלטן זי כסדר אין געפאַר זי צו דעמאַסקירן פאַר דער „געסטאַפּאָ".

— זענען דען נישט געווען קיין גוטע פּאָליאַקן אויך? — פרעגט ווייס פאַראינטערעסירט.

— געווען, אָבער זייער ווייניק. מיין לעצטע „גאָספּאָדיני"[22] אין אַ דאָרף הינטער וואַרשע איז געווען פאַר מיר אַ מלאך. אַ דאַנק איר בין איך טאַקע לעבן געבליבן. איך האָב איר אָבער געמוזט צוזאָגן, אַז איך בלייב שוין אויף אייביק אַ קאַטוילין. כ׳פלעג מיט איר גיין צוזאַמען אין קלויס־טער; האָב זיך אויסגעלערנט זייערע „מאָדליטוועס" און געפירט אַ לעבן פון אַ כלומרשטער קריסטין. דערצו האָט מיך נאָך געראַטעוועט מיין „גוטער אויסזען". כ׳פלעג מיר פאַרקעמען די האָר אַ ביסל אויפגעטורעמט, אין דער הויך, ווי אַלע פּוילישע פרויען, אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ גאָלדן צלמל ווי אַ מעדאַליאָן — און ווער האָט געקאָנט דאַן טראַכטן, אַז איך בין אַ ייִדין? איך בין אַזוי ווייט אַריין אין מיין ראָל, אַז כ׳האָב אַפילו געלערנט קאַטע־כיזם מיט די פּוילישע קינדער פון דאָרף. אַזוי, אַז אין דאָרף בין איך אָנ־געגאַנגען פאַר זייער אַ פרומע קריסטין. כ׳בין געווען, ווי מען זאָגט: „פּלי קאַטאָליק קע לע פּאַפּ"... און ווער ס׳האָט נישט געקאָנט שפּילן די דאָזיקע ראָל, אָדער זיין פּנים האָט אים אַרויסגעגעבן, איז טאַקע סוף־כל־סוף דורכגעפאַלן און אומגעקומען.

— נו, און מאַטעריעלע מיטלען האָט איר כאָטש געהאַט? — פרעגט ווייס.

— צום גליק יאָ. כ׳האָב באַוויזן מיטצונעמען פון געטאָ וואַליוטע און בּיזשוטעריע. ווען נישט דאָס, וואָלט איך זיכער איצט נישט געווען צווישן די לעבעדיקע. ווער ס׳איז אַרויס אויף דער „אַרישער זייט" אָן מיטלען, איז זיין גורל באַלד געווען אַ געחתמעטער.

[22] באַלעבאָסטע.

פרוי זילבער האָט אַראָפּגענומען פון טיש די כלים, געמאַכט אַ ביסל אָרדענונג און דאַן זיך אַנידערגעזעצט באַקוועם אויף דער אָטאָמאַנע, אין אַ האַלב־ליגנדיקער פּאָזע.

זי האָט אָנגעהויבן מיט ווייסן צו ריידן וועגן תכלית־זאַכן: אַז ער דאַרף זיך אַ ביסל אַרומקוקן אַרום זיך, אָנטאָן זיך לייטיש, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם הילוך פון אַ „בעזשעניעץ" [23] און ווערן צוריק אַ מענטש.

— אַז כ'וועל געפינען עפּעס אַ באַשעפטיקונג, וועט אַלץ זיין אין אָר־דענונג.

— וואָס איז דאָס געאײַלט? איר וועט זיך נאָך אַרומקוקן. איר וועט זי־כער מיט דער צייט געפינען עפּעס אַ ביוראָ־אַרבעט.

— ס'וואָלט מיר ליבער געווען די אַרבעט ביי מיין פּעדאַגאָגישן באַ־רוף, — אין אַ שול. מסתמא וועלן זיך דאָ שאַפן שולן, אויב זיי זענען נאָך נישטאָ.

— נישט געדאגהט, — האַלט אונטער פרוי זילבער, — עס וועט זיך שוין עפּעס מאַכן. דערווייל וועט איר ביי מיר נעמען אַ געוויסע סומע געלט און זיך אָנטאָן.

—וואָס הייסט?! — האָט זיך ווייס געחידושט.

— נישקשה, אַז איר וועט זיך איינאָרדענען, וועט איר מיר אָפּגעבן.

— אָ, דאָס איז שוין צופיל! דאָ קאָסט דאָך אַלץ אַזוי טייער. אין די שווערע טויזנטער!

— ס'שאַדט נישט, ביי מיר שפּילט דאָס איצט קיין ראָלע נישט, — איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ באַרימערישן טאָן און האָט אים געגומען דערציילן, ווי אַזוי זי האָט זיך „אַרויפגעאַרבעט". נאָך דער באַפרייונג איז זי געבליבן ממש אָן מיטלען צום לעבן. צום גליק איז איר געלונגען אַרויסצובאַקומען אַן אַלטן פאַרמלחמהדיקן חוב ביי אַ קריסטלעכן סוחר, וואָס איז געשטאַנען תמיד אין געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט איר מאַן. גראָד אַן ערלעכער און סאָלידער קריסט, וועלכער האָט זיך איבערגענומען מיט איר מצב און איר אויסגעצאָלט דעם חוב ביז אַ גראָשן. דערצו נאָך האָט זי פאַרקויפט דאָס לעצטע, וואָס איר איז נאָך געבליבן פון איר ביזשוטעריע — אַ ברי־ליאַנטענע בראָשקע. געבליבן איז זי נאָר ביי איר קידושין־רינגעלע. פאַרן

---

[23] פּליט.

דאַזיקן געלט האָט זי באַלד געדונגען אַ געוועלב און פאַרלייגט אַ געשעפט פון דאַמען־ און מענער־קאָנפעקציע און נישט צו פאַרזינדיקן. די רעזול־טאַטן זענען גלענצנדיקע.

— איך באַוווּנדער אייער ענערגיע! — האָט ווייס אויסגערופן. — אַ פרוי — און זיך נישט איינגעבראָכן!

— אַזוי איז עס. כ׳וועל מיך אַליין רימען. כ׳בין געבליבן איינע אַליין, און ווי איר זעט — כ׳בין ווידער אַ מענטש.

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי צו:

— איר מעגט ביי מיר גאַנץ דרייסט נעמען עטלעכע צענדליק טויזנט זלאָטעס.

דערהערט אַזאַ סומע, איז ווייס נאָך מער איבערראַשט געוואָרן: זיין פאַרמעג באַטרעפט קוים אַ פּאָר הונדערט זלאָטעס און דאָ רעדט זי וועגן אויסבאָרגן אים צענדליקער טויזנטער. פאַרוואָס איז די דאָזיקע פרוי אַזוי גוט צו אים?

— אָ, ניין, פרוי סאָניע! — הויבט ער אָן מיט אַ היימישערן טאָן, — כ׳בין באמת גערירט פון אייער גרייטקייט מיר צו העלפן; אָבער איר דאַרפט עס נישט. איך גלויב, כ׳וועל זיך אין גיכן ווי עס איז איינאָרדענען און וועל זיך אַלצדינג קאָנען אַליין פאַרשאַפן.

— זייט נישט קיין עקשן! כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ביי מיר איז עס אַ קלייניקייט. איבעריקנס, מיר וועלן מאָרגן אַלץ דערליידיקן, — האָט זי אַרויסגעזאָגט אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן.

ווייס האָט געשוויגן.

— מאָרגן קומט איר צו מיר אויף מיטאָג.

— כ׳ווייס נישט, צי כ׳וועל קאָנען.

— וואָס הייסט, וועלכע געשעפטן דערלויבן אייך נישט? אומבאַדינגט, הער ווייס!

— מאָרגן וואָלט איך געוואָלט גיין אין געטאָ. אפשר, פרוי סאָניע, ווילט איר מיט מיר מיטגיין? דאָס ערשטע מאָל ווילט זיך גיין מיט עמעצן.

— זייער גערן, — איז פרוי זילבער מסכים. — מאָרגן איז זונטיק און כ׳בין פריי. קומט באַצייטנס אויף מיטאָג. מיר וועלן אָפּעסן און גיין באַצייטנס. פאַרנאַכט איז נישט זיכער צו גיין אין געטאָ. עס פעלן נישט קיין כוליגאַנעס.

— גוט, אויסגעצייכנט. כ׳בין אײַך זייער דאַנקבאַר.

זיי האָבן נאָך אַ היפּשע צייט גערעדט וועגן אַלגעמיינע זאַכן, וועגן איר מאַן און קינד האָט זי נאָר פּאַרבײַגייענדיק דערמאָנט. זי האָט נאָר איבער־געגעבן די דאַטע ווען זיי זענען אומגעקומען; אָבער אָן שום פּרטים. דאָס זעלבע האָט זי אויך אַרײַנגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין, וויס׳ס פאַ־מיליע. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ קורצע איבערחזרונג דערפון, וואָס זי האָט אים שוין געהאַט געשריבן אין בריוו. זי האָט נאָר באַטאָנט דאָס, וואָס ער, פּונקט ווי זי, און פּונקט ווי טויזנטער, טויזנטער אַנדערע ייִדן, איז געבליבן אַליין. זי האָט אויך צוגעגעבן איין־און־איינציקן פּרט, אַז גע־שען איז עס דעם 7טן סעפּטעמבער 1942, בעת דער גרויסער „אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ. זי אַליין, סאָניע זילבער, איז שוין דאַן געווען עטלעכע טעג אויף דער „אַרישער זייט".

— אפשר, פּרוי סאָניע, וואָלט איר מיר דאָך דערציילט עפּעס מער וועגן מיין פאַמיליע, — האָט זיך וויס געבעטן מיט אַן אומעטיקן קול.

— ניין, היינט נאָך נישט. כ׳וועל אײַך נאָך דערציילן.

זי האָט עקשנותדיק אויסגעמיטן די טעמע.

וויס האָט זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז שוין שפּעט און ער האָט זיך וואַרעם מיט איר געזעגנט.

ה

וויס האָט די נאַכט ווייניק געשלאָפן. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויפן אַנדערן אויף זיין אייזערנעם, מאָגערן בעטל אין רעפּאַטריאַנטן־הויז און קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכן. ער איז געווען ממש געשפּאַנט: מאָרגן גייט ער אין געטאָ! צום גרויסן עמק הבכא... וויפל פלעגט ער עס טראַכטן וועגן דעם אין רוסלאַנד. ער פלעגט אַלץ מאָלן אין דמיון דאָס בילד פון חורבן און אומקום — און מאָרגן וועט ער עס זען אויף דער וואָר, מיט זיינע אייגענע אויגן.

אין אַ נערוועזער שטימונג איז ער אויפגעשטאַנען און זיך געלאָזט איבער די גאַסן. עס גלוסט זיך אים אַלץ זען, אַלץ באַקוקן אין זיין אַלטן, היימישן וואַרשע. פּראַגע איז ווייניק צעשטערט. פּראַגע איז דאָך באַצייטנס באַפרייט געוואָרן און די צעשטערער האָבן דאָ נישט באַוויזן אַלץ חרוב צו

מאַכן. פֿראַגע איז איצט זייער געדיכט באַוווינט. די באַוועגונג אויף די גאַסן איז אַ שטאַרקע. מענטשן שטופּן זיך אויף די טראָטואַרן. אויף טאַר־גאָווע גאַס — דער האַנדלס־צענטער — איז ממש נישט אַדורכצוגיין. אָבער וויניק ייִדן!... ייִדן ווערן בטל בששים. ס׳רוב קריסטלעכע פּנימער. און טאַרגאָווע איז דאָך פֿאַרן קריג געווען אַ ייִדישע גאַס, מיט ייִדישע געשעפֿטן, מיט ייִדישע דורכגייער, מיטן ייִדישן לשון. טייל מאָל באַגעגנט ער זיך מיט פֿיינטלעכע בליקן. עס דרייט זיך צו אים אויס אַ בייז פּנים, מ׳קוקט אים אָן מיט בפֿירושער פֿאַראַכטונג.

און אַט דערהערט ער אַ באַמערקונג אויף זיין אַדרעס, וואָס איין פּאַליאַק מאַכט צום אַנדערן:

— סקאָנד שיען וזיאָנל טען זשידעק? (פֿון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס דאָזיקע ייִדל?).

— טאָ יעסט ניעדאָזשניענטי... (דאָס איז אַ נישט־דערשאָכטענער...).

זוייסן טוט אַ שטאָך אין האַרצן און ער פֿאַרשנעלערט די טריט.

כאָטש ער ווייס, אַז עס זענען פֿאַראַן אויך איידעלע פּאָליאַקן, — אמת, אַ קליינע מינדערהייט, ווי אַ שטייגער, אַזאַ קריסטין, וואָס ביי איר האָט זיך געראַטעוועט פּרוי זילבער, — פֿון דעסטוועגן דערוועקט זיך בעת־מעשה אין אים אַ האַס צו אַלעמען, צו אַלע פֿאַרבייגייער. עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע, אַלע זענען זיי גיפֿטיקע ייִדישע שונאים; אַז זיי אַלע האָבן אַ חלק אין דער ייִדישער אויסראָטונג; אַז ביי זיי אַלעמען זענען די הענט איינגעטונקט אין ייִדיש בלוט.

אַזוי בלאָנקעט ער מיט זיינע מחשבות גאַס־איין, גאַס־אויס ביז ער קומט צו צום ווייסל־ברעג, נעבן דער צעריסענער קערבעדזש־בריק. ער איז אַראָפּ אונטן צום וואַסער, האָט אויסגעקליבן אַן איינזאַם ווינקל און זיך צוגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון אַ צעבראָכן שיפֿל אויפֿן פּייכטן זאַמד ביים סאַמע וואַסער. אַנטקעגן, פֿון דער אַנדער זייט ווייסל, האָט זיך אויסגע־שפּרייט די אויסטערלישע פּאַנאָראַמע פֿונעם חרובן וואַרשע. אין צענטער פֿונעם קעגנאיבערדיקן ברעג האָבן געקוקט די רויִנען פֿון קעניגלעכן שלאָס — פֿונעם געוועזענעם „זאַמעק“. ווי שיין, ווי מאָלעריש איז עס תמיד גע־ווען אין פֿרידנס־צייט. אין אָוונט פֿלעגט עס אויסזען וווּנדערלעך, בעת די אומציילִיקע פֿייערן פֿון די ברעג־געביידעס פֿלעגן זיך שפּיגלען אין די

נאַכטיקע טיפענישן פון דער ווייסל. אין די גוטע צייטן פלעגט ער נישט זעלטן זיין אַ בעלן זיך צו פאַרקוקן אין דאָזיקן בילד.

לאַנג איז ווייס אַזוי געזעסן אַ פאַרטיפטער אין זיינע מחשבות. זיין אַמאָליק וואַרשע, זיין יידיש וואַרשע! די זכרונות האָבן אויפגעוועקט אַזאַ טרויער, אַזאַ נאָגנדיקן טרויער — — — וואָס איז פון אַלעם געבליבן? פון זיין גאַנץ לעבן? נאָר צעקרישלטע ווענט, נאָר שטויב...

ער האָט זיך פלוצלינג דערמאָנט, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין. שוין איינס אַזייגער.

ז

דער מיטאָג ביי פרוי זילבער האָט זיך געצויגן ביז זייגער דריי. אַ היימישער מיטאָג, כמעט ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. שוין לאַנג ווי ווייס איז נישט געזעסן ביי אַזאַ מיטאָג־טיש אין אַ היימישער שטוב. עס האָט פאַרשמעקט מיט די ריחות פון אַ באַלעבאַטיש־יידישער קיך. עס האָט אַפילו נישט געפעלט קיין גרין־קאַליריקער ליקער, וואָס האָט זיך געטרונ־קען ווי אַ מחיהדיקער באַלזאַם. דאָס עסן און דאָס צוטרינקען האָט צע־רייצט זיין אַפעטיט, צעוואַרעמט דעם טעם; אָבער פון דער אַנדער זייט האָט עס אים ווידער דערמאָנט אָן זיין אַמאָל, זיין אַמאָליקן טיש, זיין הויז־געזינד.

נאָכן עסן האָט ווייס באַלד דערמאָנט מ'זאָל שוין גיין.

— איר איילט זיך אַזוי. די געטאָ איז דאָ אַ סטאַבילע זאַך...

— יאָ, אָבער איר ווייסט, עס ציט מיך אַהין. כ'וואָלט שוין געוואָלט דאָרט זיין.

— גוט, גוט, מיר גייען.

און זיי זענען אַראָפּ. פרוי זילבער איז געווען אָנגעטאָן באַשיידן, אָבער אין גוטן טאָן, עס האָט דאָמינירט דער טונקעלער קאָליר. איר מאַנטל, פלאַך היטעלע און דאַמען־טאַש זענען געווען שוואַרץ. בלויז אירע האָר פון אונטערן היטעלע האָבן מאַיעסטעטיש געזילבערט. זי האָט אויסגעזען אַ סך עלטער ווי זי איז אין דער אמתן געווען.

ווייסן האָט איצט אַ ביסל זשענירט איר שוין צו פינקטלעך אָנטאָן זיך. לגבי זיין הילוך איז עס געווען אַ צו שאַרפער קאָנטראַסט.

— ווען זייט איר גרוי געוואָרן? — טוט ער אַ ווייז מיט זיינע בליקן אויף אירע האָר.

— באַלד אין ערשטן יאָר, אין געטאָ, האָט זיך עס אָנגעהויבן און ס׳איז געגאַנגען קרעשטשענדאָ. דער עיקר נאָך דעם, ווי כ׳בין געבליבן אַליין.

— נו, און דאָרע?... — רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ פראַגע וועגן זיין פרוי.

— אויך דאָרע איז אַ ביסל גרוי געוואָרן. אָבער דאָרע איז דאָך געווען בלאָנד, האָט זיך עס נישט געוואָרפן שטאַרק אין די אויגן. אירע האָר האָבן באַקומען אַ שיינעם אַש־קאָליר. ס׳איז אַלעמען געפעלן געוואָרן.

ווייס האָט אַ היפשע ווײַלע נאָך דעם געשוויגן, ווי אַריינטראַכטנדיק אין אירע לעצטע ווערטער.

— נו, און אייערע שלייפן? — רייסט איבער פרוי זילבער דאָס שווייגן.

— ווען זייט איר גרוי געוואָרן?

— מיינע שלייפן זענען גרוי געוואָרן אין תפיסה, אין 1940. דערזען האָב איך עס אין אַ שפּיגעלע, שפּעטער, אויף דער פאַרשיקונג, אין עטאַפּ־לאַגער קאָטלאַס.

— יעדער גרויער קאָפּ מיט זיין טראַגישער געשיכטע, — גיט ער צו אין אַן עלעגישן טאָן.

זיי זענען געגאַנגען צופוס. ווייס האָט פאָרגעלייגט נישט צו פאָרן, ווייל ער האָט געוואָלט בעסער באַקוקן די שטאָט. זיי זענען אַריבער די פּאָנטאָן־בריק און זיך געלאָזט דורך באַרג־אַרויפיקע שמאָלע גאַסן צו קראָקעווער פאָרשטאָט. אַלע ווײַלע האָט זיך ווייס אָפּגעשטעלט. אָט ניט ווייט איז דאָס סקווערל, וווּ ס׳איז אַמאָל געשטאַנען די בראָנזענע פיגור פון אַדאַם מיצקעוויטש מיט דער האַנט אויפן האַרצן. דער דענקמאָל איז שוין נישטאָ. בלויז דער פּיעדעסטאַל און די טרעפּ זענען געבליבן. אָט איז אַ צעלעכערטע פראָנט־וואַנט פון אַ קאַפּעללע. אויבן איז נאָך געבליבן די אָנשריפט אײַבערן קאַרניז: „רעס סאַקראַ מיזער״. אויך פאַר דער קריסטלעכער הייליקייט האָבן די ווילדע צעשטערער און וואַנדאַלן קיין דרך־ארץ נישט געהאַט.

זיי גייען צו ביזן סאַמע „זאַמעק״. אומעטום — ווענט, ווענט און פּוסטע פענצטער ווי אָפענע קברים. עס שטייט נאָך אויפן שלאָס־פּלאַץ די

זייל פונעם קעניג זיגמונט-דענקמאָל; אָבער נאָר די זייל; דער קעניג אַליין איז אַראָפּגעשמעטערט געוואָרן פון זיין דורותדיקער הויכקייט.

זיי זענען אַריין אין דער מעד-גאַס. אַ טויטע גאַס. הייזער אויסגעהויל־טע דורך בראַנד. עס דערהערט זיך פלוצלינג אַ שטיל, פאַרבאָרגן געזאַנג: דאָס ווערט איצט אָפּגעריכט אַ געבעט אין דעם האַלב-חרובן קלויסטערל אויף ראָג קאַפּוצינסקע.

— צו וועלכן גאָט בעט מען עס איצט צווישן די דאָזיקע חורבות? — וואַרפט אַריין ווייס אַ פראַזע.

— גוט איז די יעניקע, וואָס קאָנען נאָך גלויבן, — פאַלט אָן ענטפער פון פרוי זילבער.

זיי זענען צוגעקומען צו קראַשינסקי-פּלאַץ.

— דאָ, — דערקלערט אים פרוי זילבער, — איז שוין געווען די אַנ־דערע זייט גרענעץ פון געטאָ. דאָ אויפן פּלאַץ זענען עס בעתן געטאָ-אויפ־שטאַנד געשטאַנען די דייטשישע האַרמאַטן און האָבן באַשאָסן די ברענענ־דיקע געטאָ. דאָ איז עס דאַן געשטאַנען אַ פוילישער המון און האָט זיך צו־געקוקט מיט שפּאַנונג צום „ספּעקטאַקל“, וואָס די דייטשן האָבן געגעבן.

ווייס איז געווען שטום און בלייך. ער איז געגאַנגען מיט זייער פאַ־מעלעכדיקע טריט, אָפּשטעלנדיק זיך אַלע ווײַלע, פונקט ווי מ׳גייט אויף אַ בית-עולם בעת אַ לוויה פון אַ נאָענטן.

זיי זענען דורכגעגאַנגען דורכן גאַנץ-געבליבענעם טראַמוויי-טונעלכל ביי דער געריכט-געביידע און זענען אַריין אין שטח פון געטאָ. ביידע האָבן נישט גערעדט. זיי האָבן געשטומט גלייך ווי אין אַנגעזיכט פון אַ מת. ווייס האָט געקוקט, געקוקט מיט אויפגעריסענע אַפּלען אין דעם גרויסן, וויסטן חלל פון אַרום. אַן אומהיימלעכער, מאוימדיקער חלל, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט איבער אַ ריזיקן, אומענדלעכן שטח. זיין בליק האָט נאָר פאַרנומען — ציגל, ציגל, ציגל. חמרים צעשאָטענע ציגל. קופּעס און בערגלעך ציגל, וואָס ווערן פאַרפאַלן אין דער ווייטעניש. דאָס אויג האָט זיך נישט אויף וואָס אָנצושלאָגן, אַ חוץ אויף דעם ווייטן גאָטישן טורעם פון דער פאַרבליבענער קירך דאָרט אויף דער געוועזענער נאָוואָליפּקי און פון רעכטס — העט ווייט אויף די הייזער פון זשאָליבאָזש, וואָס הינטער די גרענעצן פון וואַרשע.

ווייס האָט געוווסט, אַז דאָ האָט געדאַרפט זיין זיין גאַס, זיין שוויענטאָ־

יערסקע. ער האָט גענומען גיין דער ערשטער און זי איז אים נאָכגעגאַנ־גען. זיי זענען געקראָכן דורך דער פאַרשאָטענער גאַס, אַרויף־אַראָפּ, אי־בער בערגלעך גרוז און ציגל־שטויב. לויט דעם אייזערנעם פּאַרקאַן פון קראַשינסקיס גאָרטן האָט ער זיך אָריענטירט ווו ס'איז געשטאַנען דאָס הויז, אין וועלכן ער האָט געוווינט. כמעט קעגנאיבער דעם גאָרטן־טויער. ער איז צוגעגאַנגען צו די קופּעס ציגל, וואָס זענען געבליבן פונעם הויז. ער איז שטיין געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַזוי שטייט מען איבער אַ קבר פון אַ נאָענטן. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. זיינע אויגן זענען פאַרלאָפן מיט טרערן.

פרוי זילבער האָט אים געלאָזט שטיין אַזוי אַ היפּשע צייט אין זיין אָפּגעזונדערטער פאַרזונקנקייט. זי האָט זיך עקסטרא אָפּגעקערט פון אים און איז צוגעגאַנגען האַרט צו דעם גאָרטן־צוים און אַריינגעקוקט דורך די שטאַכעטן. אַז עס האָט שוין צו לאַנג געדויערט, האָט זי פון דער ווייטנס אים איבערגעריסן:

— הער ווייס, געבוג אויף היינט. איר וועט נאָך דאָ נישט איין מאָל זיין. קומט אַ ווייל אַהער. זעט.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין אָרט און איז צוגעגאַנגען צו איר. ער האָט גענומען אַריינקוקן אינעווייניק. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט דערזען, איז אַ גאַנצע גרופּע אַנגעשאָטענע קברים, מיט ברעטלעך צוקאָפּנס.

זיי זיינען אַריין אינעווייניק.

— ווער ליגט עס דאָ?

— דאָ ליגן די קרבנות פון פוילישן אויפשטאַנד. אין איילעניש האָט מען זיי דאָ באַגראָבן.

ווייס דערקענט נישט דעם גאָרטן: אין גאַנצן חרוב, שיטער, דאָס סטאַוול אויסגעטריקנט. אויף דער ערד וואַלגערן זיך אומגעוואָרפענע ביי־מער. נישטאָ אויך קיין זכר פון די בלומען־קלומבעס. אַלץ איז וויסט און פאַרשעמט. דאָס איז דאָך געווען אַמאָל דער יידישער גאָרטן. דער נאַלעווו־קער גאָרטן. דאָ פלעגן תמיד יידן זיצן אויף די בענק מיט צייטונגען אין די הענט — מיטן „מאָמענט", מיטן „היינט" — און „פאָליטיקירן"... דאָ איז פול געווען מיט קינדער־וועגעלעך, מיט יידישע מאַמעס און יידישע קינדערלעך. אויפן ברעג פון סטאַוול פלעגן קינדער וואַרפן שטיקלעך זעמל צום רחבותדיק־שווימענדיקן שוואַן. אַהער פלעגט זיך ווייס אַליין כמעט

אַלע טאָג אַריינכאַפּן אין אַ פרייער מינוט איבערצוקוקן אַ צייטונג. נישטאָ איצט דאָס גרינלעכע וואַסער, נישטאָ די ווייסע שוואַנען, נישטאָ אויך די יידישע קינדערלעך.

— קומט. איצט וועל איך אייך ווייזן מיין גאַס — מיין קאַרמעליצקע.

זיי זענען אַרויס פון קראַשינסקיס גאָרטן, צוריק אויף שוויענטאָ־יערסקע.

— זאָגט מיר, פּרוי סאָניע, אונטער די חורבות מוזן ליגן אַ סך מענטשן, האַ?

— אָ, זייער אַ סך. בעתן געטאָ־אויפשטאַנד זענען אַ סך פאַרשאָטן גע־וואָרן אונטער די איינגעפאַלענע ווענט.

— כ׳האָב געטראַכט, שטייענדיק דאָרט ביי מיין הויז, — ווער ווייס... אפשר ליגן זיי דאָרט?...

— אָ, ניין. דאָס ווייס איך געוויס. דאָרע מיטן קינד זענען אַרויסגע־פירט געוואָרן קיין מאַידאַנעק בעת דער גרויסער „אַקציע” אין סעפּטעמ־בער 1942. כ׳האָב עס אייך שוין דערציילט. דאָס ווייס איך פון שכנים פון אייער הויז, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון יענער „אַקציע” אויף דער „אַרישער זייט”.

— וועלכע שכנים? ווי הייסן זיי?

— די לעווקאָוויטשעס און אַ טאָכטער פון די ראָזענפעלדס.

— ווו זענען זיי איצט?

— זיי זענען שפּעטער אַלע אומגעקומען אויף דער „אַרישער זייט”.

זיי זענען ווי עס איז אַרויסגעקראָכן פון דער פאַרשאָטענער שוויענטאָ־יערסקע און אַרויפגעקומען אויף נאַלעווקעס. דער מיטן גאַס איז שוין דאָ אָפּגערייניקט פון ציגל. אַן אָפּט געיעג פון וועגענער און קאַמיאָנען, וואָס קורסירן צווישן וואַרשע און זשאָליבאָזש. אַ ריינער, נאַקעטער ברוק צווישן קופּעס ציגל פוןביידע זייטן גאַס. די יידישע נאַלעווקעס! דער אַמאָ־ליקער האַנדלס־נערוו פון וואַרשע! ווייסן דערמאָנט זיך דער כסדרדיקער הו־האַ און האַרמידער. אויף די טראָטואַרן האָט דאָ אייביק געראַיעט פון מענטשן. אַ שטענדיקע שטופּעניש און שטויסעניש אָן אַ „זייט מיר מוחל” און אָן אַ „פּשעפּראַשאַם”... יידן אין די שמאָלע חסידישע היטעלעך און יידן אין קאַפּעליושן — „דאַאַטשן”. יידן וואַרשעווער און פּראָווינצער. אויפן ברוק פלעגט עס רוישן פון שווערע משא־פּלאַטפאָרמעס מיט דיקע לייבן־

פערד און מגושמדיקע רויט־קאַרקיקע באַלעגאָלע־יונגען. טראַמווייען פלעגן קלינגען, רעדער פלעגן גרילצן, שטימען פלעגן זיך אויסמישן אין געטומל. נאַלעווקעס! יידישער האַנדל! יידיש לעבן!... און איצט... וואָס זעען זיינע אויגן? — — —

פרוי זילבער נעמט אָן וויסן ביים אָרעם און רייסט אים איבער די געדאַנקען:

— קומט ווייטער, ס'ווערט שפּעט.

אויף נאַוואָליפּקי איז אַ פאַרשאָטענע גאַס. אין דער סאַמע מיט קאָן מען ווי עס איז קוים דורכקריכן דורך אַ זיגזאַגעדיקער שמאָלער סטעזשקע.

— איר זעט, דאָ איז קאַרמעליצקע. אַבסאָלוט נישט צו דערקענען.

קאַרמעליצקע איז לחלוטין פאַרשאָטן, אָן אַ דורכגאַנג אַפילו. די גאַס איז געווען אַ שמאָלע און די קופּעס ציגל פון ביידע זייטן האָבן זיך צו־נויפגעשאָטן צוזאַמען און געבילדעט איין געבערגלטע הויכקייט. זיי זענען פאַמעלעך געקראָכן, זיך געדראַפּעט ווי בערג־גייער צווישן ווילדע פעלזן.

— אָט דאָ ביי ראָג נאַוואָליפּיע איז געווען מיין הויז. איר געדענקט דאָך.

— יאָ, איך געדענק; אָבער איך דערקען בשום אופן נישט דאָס אָרט.

זי האָט אים גענומען דערקלערן און אויפווייזן, אַז אָט דאָ טאַקע, דער גרויסער באַרג — זי האָט סימנים לויטן עוואַנגעלישן שפּיטאָל אויף ראָג מילנע — איז געווען איר הויז.

זיי האָבן זיך ווייטער געדראַפּעט איבער די בערג און קוים צוגעקומען צו לעשנאָ. אויף לעשנאָ האָט מען זיך שוין געקאָנט פריי באַוועגן. דאָ ביים סאַמע טראָטואַר האָט זיך געצויגן די געטאָ־מויער, וואָס איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אין דער צייט פון די „אויסזידלונגען". און דאָרט אויף דער צווייטער זייט לעשנאָ האָבן זיך אַפילו אָפּגעראַטעוועט געציילטע הייזער.

וויס האָט זיך שוויגעוודיק געלאָזט פירן פון פרוי זילבער. זי האָט אים געוויזן די חורבות פון דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקיע. דער גאַנצער פלאַץ מיטן סקווערל פאַרנט איז פאַרשאָטן מיט די איינגעפאַלענע ווענט.

זי האָט געצירט אַ וויז געטאָן צו די חורבות:

— אָט דאָס איז געבליבן פון אַלע יידישע הייליקייטן.

פון דאָרט האָט אים פרוי זילבער געפירט דורך רימאַרסקע אין זאַק־סישן גאָרטן.

אין גאָרטן — אַ שטילקייט.

— לאָמיר זיך אַ ביסל צוזעצן.

ווייס קוקט זיך אַרום און דערקענט נישט: נישטאָ די טונקעלע אַלייען. די גרויסע ליפּעס און קאַשטאַנען־ביימער זענען נעלם געוואָרן. טייל ליגן ווו־נישט־ווו אויסגעצויגן אויף דער ערד און טייל זענען מסתמא אַוועק אויף אַנדערע צוועקן. אַ טרויעריקע פּוסטקייט. די בלומען־קלומבעס וויסט און צעטראָטן. די סטאַטועס צעזעצט, צעניזוקט. דער סטאַוו אויסגעטריקנט און לער, ווי אַן אויסגערונען אויג.

ס'האָט גענומען ווערן פאַרנאַכטלעך, טונקעלער. אין דער פּוסטקייט פון גאָרטן האָט זיך אויסגעלייגט אַ נאָך שווערערער אומעט. ביידע האָבן דערשפּירט די אומהיימלעכקייט.

— קומט! — האָט זי אויסגערופן, — כ'קאָן דאָ לענגער נישט זיין.

זיי זענען אַרויס פון זאַקסישן גאָרטן, פאַרביי דעם צעשטערטן פּאַניאַטאָווסקי־דענקמאָל און צוריק אָנגעקומען אויף קראַקאָווער פאָרשטאָט. פון דאָרט זענען זיי שוין צוריקגעפאָרן מיט אַן אויטאָבוס קיין פּראַגע. ווייס איז געווען זייער אומעטיק און שווייגעוודיק. דאָס בילד פון געטאָ האָט אים אין גאַנצן דערדריקט. ער וואָלט בעסער איצט געוואָלט זיין אַליין מיט זיינע געדאַנקען. פרוי זילבער איז אים איצט געווען ווי אַ לאַסט. און אַז זי האָט פאַרגעלייגט אַרויפגיין צו איר אויף אָונט־ברויט, האָט ער זיך דורך עפּעס אַן אויסרייד קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

— אָבער מאָרגן אויף מיטאָג קומט איר?

— צו וואָס? ביים קאָמיטעט איז דאָך פאַראַן אַ קיך.

— אומבאַדינגט קומט. אַגב, דאַרף איך אייך מאָרגן זען.

— וואָס אַזוינס? — ווערט ער פאַראינטריגירט.

— איר וועט קומען, וועט איר וויסן.

ביים געזעגענען זיך האָט זי ווידער איבערגעחזרט:

— אומבאַדינגט!

ווייס איז אַוועק אַ דערשלאָגענער. כאָטש ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין שום אילוזיעס און האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט נאָך געפינען עמעצן פון זיינע נאָענטע אין וואַרשע, פון דעסטוועגן איצט, נאָכן באַזוך

אין געטאָ, האָט ער דאָס געפּיל, גלייך ווי דאָס אומגליק וואָלט ערשט גע־שען און ער דערשפּירט די ווונד אין איר גאַנצער פרישקייט און שאַרפקייט. אַ גאַנצע נאַכט כמעט איז ער אָפּגעלעגן מיט אָפענע אויגן. אַז ער איז אויף אַ ווייל אַנדרימלט געוואָרן, האָבן אים גענומען פּייניקן קאָשמאַרן: שיסע־רייען... גרוילן... קאַלך־אויוונס... ער האָט גענומען שווער אָטעמען, שרייען פון שלאָף און זיך אויפגעכאַפּט אַ באַגאָסענער מיט אַ קאַלטן שווייס.

ז

צומאָרגנס איז ער ווייס באַלד אין דער פרי אַרויס אין שטאָט מיט דער כוונה, אַליין צו בלאָנקען איבער די חרובע גאַסן. ער איז ווידער אָנגעקומען אין געטאָ. עס האָט אים אַהין געצויגן עפּעס אַ בלינדע קראַפט. ער איז אומגעקראָכן אומעטום, איבער אַלע ראַיאָנען פון געטאָ, איבער אַלע גאַסן און פּלעצער, איבער וויסטע שטחים, וועלכע האָבן שוין באַוויזן פאַרוואַקסן צו ווערן מיט ווילדגראָז. דאָ־דאָרטן וואַלגערן זיך צעבראָכענע קיך־געשיר, צעקרימטע, פאַרזשאַווערטע סקאָווראָדעס, פאַרבלאָטיקטע טעפּ, צעניזוקטע קינדער־וועגעלעך, שימות פון יידישע ספרים. ווייס באַטראַכט אַלצדינג, לאָזט קיין זאַך נישט אַדורך פון זיין בליק. אַזוי פון בערגל צו בערגל, פון קופּע צו קופּע. ער ווערט גאָר נישט מיד און עס אַרט אים נישט דאָס קריכן איבער די צעקרישלטע ציגל. אין מוראַנאָווער ראַיאָן באַגעגנט ער אַנדערע יידן, וואָס קריכן אום איינציקווייז איבער די חורבות אַזוי ווי ער, און ער דערפרעגט זיך צום „אומשלאַגס־פּלאַץ". ער בלייבט שטיין אַ היפּשע ווייל ביים צוים און קוקט אַריין אינעווייניק אויפן פּלאַץ, גלייך ווי ער וואָלט געזוכט די טריט־שפּורן פון די קרבנות איידער מ'האָט זיי פון דאַ־נען געלאָדן אין די טויט־וואַגאָנעס...

און אַזוי בלאָנקענדיק און אַזוי קריכנדיק, איז ער אויך אָנגעקומען אויפן גענשער בית־עולם: ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט צו גיין אויפן טאַטנס קבר. דער „לעבעדיקסטער" אָרט, ווייזט זיך אַרויס, איז דאָ דער בית־עולם. כאָטש די טהרה־שטוב איז שוין נישטאָ און טייל מצבות זענען צעוואָרפן, אָבער בכלל האָט דער בית־עולם אַ נאָרמאַלן אויסזען. די פראָנט־אַלייע איז כמעט גאַנץ. די ביימער שטייען אויף אַן אָרט, האָבן שוין צעלאָזט די קנאָספּן און רייצן מיט פרילינגדיקער גרינקייט. די קינסטלערישע מצבות

זענען אויף גאַנץ געבליבן. אפילו דער „אוהל פרץ״ שטייט ווי געווען. ער איז נאָר געוואָרן טונקעלער, איינגעהילט אין אַ מרה־שחורה... „אפּנים — טראַכט וויס — די דייטשן האָבן דאָ געגוג געהאַט צו טאָן מיט די לעבע־דיקע יידן, האָבן זיי צו־רו געלאָזט די טויטע״. ווייס בלאָנקעט צווישן די שורות קברים און באַמערקט, אַז אונטער אַ סך קברים זענען פאַראַן עפּע־בונגען, פאַרשלייערטע מיט געוויקסן. דאָ האָבן עס יידן געפּרווט מאַכן בונקערס, כדי ביי די טויטע זיך צו ראַטעווען פון טויט.

ער האָט געזוכט, געזוכט צווישן די קברים ביז ער האָט געפונען — דעם קבר פון זיין טאַטן. די מצבה האָט זיך שטאַרק איינגעבויגן, איז טי־פער איינגעזונקען, ווי פון אייגענעם שווערן טרויער. אַ סך אותיות אָפּגע־ריבן, צעקרישלט, דאָס בערגל געדיכט פאַרוואַקסן מיט הויכן, ווילדן גראָז. ווייס האָט זיך ממש איינגעבראָכן. „דער איין און איינציקער קבר, וואָס איך פאַרמאָג איצט אויף דער וועלט״. — האָט ער געטראַכט אין זיין גרויסן טרויער, — „וווּ איז דאָס געביין פון דער מאַמען? פון דאָרען? פון קינד?״.

— טאַטע! — האָט זיך ביי אים אינסטינקטיוו אַרויסגעריסן אויפן קול.

דאָס דאָזיקע וואָרט האָט קיינער נישט געהערט — קיינער איז אויפן בית־עולם נישט געווען. אַמאָל פלעגט דאָ זיין תמיד טומלדיק. יאָרציייטן, לוויות, אַן עולם מלווים. היינט אָבער... אַז עס לעבן נישט קיין יידן, שטאַרבן נישט קיין יידן.

„אל מלא רחמים שוכן במרומים...״ — קלינגט אים אָפּ יענער טרוי־עריקער ניגון ווי אַ וווייטער עכאָ אין דמיון. פאַר די אויגן זעט ער קלאָר יענע יידן אין קאַפּאָטעס, אין חסידישע היטעלעך — די שטענדיקע הזכרה־מאַכער אויפן „גוטן אָרט״.

שווער איז אים אָנגעקומען דאָס אָפּרייסן זיך פון טאַטנס פאַרלאָזענעם קבר. עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט אים דאָ צוגעהאַלטן. אַן איינגעהויקער־טער, אַ פאַרמרה־שחורהטער, האָט ער געמאַכט אין דער מחשבה דעם שווערן סך־הכל פון פאַרלוירענע יאָרן און פון פאַרלוירענע נאָענטע. „מי במים ומי באש, מי בחרב...״ און געווען רגעס, בעת אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער שטומער קבר איז אַ לעבעדיק וועזן, פאַר וועמען מ׳קאָן זיך אויסטענהן, אויסגיסן דאָס צעבראָכענע האַרץ. אַז דער שטומער קבר הערט אַלץ, פאַרנעמט אַלץ און טרויערט־מיט — — —

ווייס האָט לסוף אָפּגעריסן דערנעבן איין הויפן גראָז, אַ צווייטן, אַ וואָרף געטאָן אויפן טאַטנס בערגל און מיט שטילע, זייער פּאַמעלעכע טריט זיך דערווייטערט.

צוריקוועגס האָט ער זיך ווידער דערשלאָגן דורכן מדבר פון צעשאָ־טענע גאַסן צו זיין שוויענטאָ־יערסקע, צו זיין הויז. ער האָט זיך אָנידערגע־זעצט האַרט ביי די קופּעס גרוז אויף אַ פּאָר אונטערגעלייגטע ציגל — ווי אויף אַ שבעה־בענקעלע — און איז אַזוי אָפּגעזעסן אַ היפּשע צייט מיט שטומע, שטאַרע בליקן אינעם מדבר.

אַ פאַרבייגייענדיקע גרופּע ייִדישע יונגעלייט האָט איבערגעריסן ווייסן פון זיינע טרויעריקע מחשבות. זיי האָבן אים עפּעס געפרעגט און ער האָט זיי געדאַרפט ענטפערן. ווייס האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז שוין שפּעט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געדרייט זיך נאָך אַ ביסל הין און צוריק ביי זיין „הויז״ און אויסגעקליבן פונעם ציגל־באַרג אַ שטיקל גלאַנציקן קאַפל — לזכרון!... — איינגעוויקלט עס אין אַ צייטונג און זאָרגעוודיק אַריינגעלייגט אין טאַש. „אפשר איז עס טאַקע פון מיין אויוון״... — האָט ער געטראַכט.

און איז אַוועק.

ח

פרוי זילבער האָט שוין געוואַרט אויף ווייסן מיטן מיטאָג. ווי נאָר ער איז געקומען, האָט מען זיך גלייך געזעצט צום טיש. דער טיש איז שוין געווען באַצייטנס סערווירט. אין קליינע טעצלעך זענען שוין געלעגן סאַר־דינען — ווי אַ פאַרשפּייז — און פון מיטן טיש האָט פאַרשמעקט אָנגע־שניטענער ווייסער, פרישער ברויט. דאָס ברויט האָט אים ספּעציעל גע־רייצט: האָט אים דאָך אין זיין רוסישן גלות זייער אָפּט געפעלט דאָס פּשוטע שטיקל ברויט...

ביים עסן האָט איר ווייס דערציילט וועגן זיין היינטיקן „שפּאַציר״. דערמיט האָט ער געוואָלט באַרעכטיקן זיין פאַרשפּעטיקונג.

— איר דאַרפט נישט גיין אַליין אין געטאָ. ס׳איז נאָך אין וואַרשע נישט אַזוי זיכער. היטלער האָט דאָ איבערגעלאָזט גענוג סם. אויף די שאָ־סייען געפינט מען כסדר דערמאָרדעטע ייִדן. די „נ.ס.ז.״־באַנדעס [24] שלעפּן

---

[24] אַנטיסעמיטישע, פּויליש־שאָוויניסטישע גרופּירונג.

אַרויס יִידן פון אויטאָבוסן און אַפילו פון באַנען. איר האָט עס נאָך נישט געהערט?

— דאָס לעבן איז גאָרנישט אַזוי טייער, מ׳זאָל דאַרפן איבער אים ציטערן, — רעדט וויס מיט אַ טאָן פון רעזיגנאַציע.

— מ׳דאַרף אַזוי נישט ריידן, — באַמערקט זי, — אויב מיר האָבן זיך אַזוי אָנגעליטן און זיך געראַטעוועט, דאַרף מען דאָס לעבן אַזוי לייכטזיניק נישט אַוועקגעבן. מ׳דאַרף ווייטער לעבן און אַלץ ווידער אויפבויען. זעט איר, ביי מיר איז אַ גאַנץ אַנדערע שטימונג; כאָטש כ׳האָב זיכער געליטן נישט ווייניקער פון אייך און כאָטש כ׳האָב אויך פאַרלוירן אַלעמען אַזוי ווי איר.

— קאָן זיין, איר זייט גערעכט. אָבער כ׳בין אונטערן פרישן רושם פון געטאָ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי נאָך צוגעגעבן, ווי צו דערגאַנצן אַ געוואַגטן געדאַנק:

— איר ווייסט, ווי עס גייט דאָ איצט צו? אָט עס טרעפן זיך פריינט, געראַטעוועטע פריינט... ווער פון רוסלאַנד, ווער פון די דייטשישע לאַגערן... מ׳איז עלנט... קיינער נישט געבליבן... פאַרבינדט מען זיך און מ׳שפּינט ווייטער דאָס לעבן...

וויס האָט געהערט און געשוויגן. אירע לעצטע ווערטער האָבן אים אַזש זשענירט. וווהין צילט פרוי זילבער? ווי דאַרף ער עס פאַרשטיין? ער מאַכט דעם חשבון: פאַר דער מלחמה איז ער מיט דער פאַמיליע זילבער געווען גוט באַפריינדעט. זי פלעגט אָפט אַרויפקומען מיט איר מאַן צו זיי, און ער מיט זיין פרוי — צו די זילבערס. ביידע פרויען זענען דאָך געווען חברטעס נאָך פון דער גימנאַזיע. אָבער וויס האָט קיין מאָל נישט געקוקט אויף פרוי זילבער ווי אויף אַ פרוי. ווי אַ פרוי האָט זי אים לחלוטין נישט אינטערעסירט. ער איז צו איר געווען גלייכגילטיק. אין זיינע אויגן האָט איר שטענדיק געפעלט ווייבלעכקייט, רייץ. אין איר געזעלשאַפט האָט ער זיך געפילט ווי אין דער געזעלשאַפט פון אַ מאַנסביל. אויב ער איז אַמאָל געווען אַ ביסל אייפערזיכטיק צו איר מאַן צוליב יענעמס אַמאָל שוין צופריינטלעכער באַנעמונג צו זיין דאַרען, האָט אָבער דאָרע קיין מאָל נישט געהאַט קיין גרונט פאַר אייפערזוכט צו איר חברטע. דאָרע האָט גוט געקענט זיין גלייכגילטיקע באַציִונג צו פרוי זילבער. און דאָס איז דאָך שוין

געווען אַמאָל, בעת פרוי זילבער איז נאָך געווען ייִנגער, אָן אירע לעצטע פּיינלעכע יאָרן, אָן אירע קנייטשעלעך אויפן שטערן און אַרום די אויגן און אָן איר גרויען קאָפּ. אַ פּשיטא שוין איצט פילט ער לחלוטין גאָרנישט צו איר. אמת, ער זעט אין איר ווי אַן אָפּגעראַטעוועטן נאָנטן קרוב, ווי אַ פריינט, ווי אַ שוועסטער. ער איז זייער צופרידן, וואָס זי איז דאָ, וואָס עס איז פאַראַן כאָטש איין מענטש פון זיין אַמאָל, וואָס ער קאָן דורך איר געוואָר ווערן וועגן אַלץ און אַלעמען. זי איז פאַר אים ווי דער פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אים מיט זיינע פאַרלוירענע נאָנטע, מיט זיין פאַרגאַנגענעם לעבן.

נאָכן עסן האָט פרוי זילבער אַרויסגענומען אַ פּעקעלע פון שאַנק און עס פונאַנדערגעבונדן.

— דאָ האָב איך געבראַכט עטלעכע קלייניקייטן פון מיין געשעפט. זעט.

זי האָט פונאַנדערגעוויקלט אַ פּאָר נייע העמדער, צוויי קראַוואַטן, אַ סוועטער, נאָז־טיכלעך, סקאַרפּעטן.

— אַך, צו וואָס? נישט נויטיק.

— וואָס הייסט „נישט נויטיק"? איר מוז דאָך זיך אָנטאָן.

— וויפל באַטרעפט עס? כ׳וויל וויסן וויפל כ׳בין איך שולדיק. צי קאָן איך אויף זיך נעמען אַזאַ חוב.

— נישקשה, איר מעגט ריזיקירן... וועלכן נומער העמדער טראָגט איר?

— כ׳האָב אַמאָל געטראָגן 40. היינט ווייס איך נישט. שוין לאַנג נישט געקויפט קיין ניי אויבערהעמד.

— האָב איך טאַקע גענומען אַ 40. און איצט וועלן מיר באַלד גיין קויפן אַן אָנצוג.

— אָ, ניין, דאָס נישט!

— וואָס הייסט „דאָס נישט"? קוקט אַריין אין שפּיגל, ווי איר זעט אויס... ווי אַזוי זשע וועט איר גאָר אָנטאָן אַ ניי העמד צו דעם דאָזיקן „לאָך" [25] פאַר איינוועגס וועלן מיר שוין אויך אַריינגיין קויפן אַ פּאָר שיך.

— פרוי זילבער, כ׳מיין באמת... ווען וועל איך אייך קאָנען אָפּגעבן אַזאַ חוב?

---

[25] טראַנטע.

— זייט רויק, קיין עקזעקוטאָר וועל איך צו אייך נישט שיקן.
— אָבער... כ׳ווייס באמת נישט...
— דערליידיקט! — האָט זי אים איבערגעריסן. — קומט, לאָמיר טאָ־קע שוין גיין, ווייל איך האָב ווייניק צייט.

פרוי זילבער האָט אים ממש נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, כדי צו אָפּאָנירן און ער איז איר געהאָרכזאַם, ווי אַ קינד אַ דערוואַקסענעם, נאָכ־געגאַנגען פון די טרעפּ אַראָפּ. אויפן וועג האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז אפשר איז טאַקע רעכט אַזוי, וואָס פרוי זילבער איז צו אים אַזוי האַרציק: איז זי דאָך דער איינציקער נעענטערער מענטש פון זייער אַמאָליקן קרייז. דערצו נאָך אַזאַ נאָענטע חברטע פון זיין דאָרען — פילט זי זיך דערפאַר טאַקע ווי אַ היימישער מענטש, וואָס איז מחויב פאַר אים צו זאָרגן אין איצטיקן מאָמענט. ער האָט דאָך קיינעם נישט, אַ חוץ איר. און מסתמא אַזוי, און נישט אַנדערש, טראַכט זי אויך. מסתמא האָט זי נישט קיין אַנ־דערע כוונות וועגן אים. עס לייגט זיך אַזוי אויפן שכל. און ווי באַלד אַזוי, מעג ער איר לאָזן אויסגעבן אויף אים אַ ביסל געלט. אמת, ער וועט עס אַלצדינג פאַרשרייבן, כדי איר שפּעטער באַצאָלן ביז אַ גראָשן.

אַזוי האָט וויס במחשבה פאַרענטפערט זיין אומבאַהאָלפענעם מצב.

פרוי זילבער איז אַריין מיט וויסן אין אַ קאָמיסיאָנס־מאַגאַזין אין פּראָגע. מ׳האָט וויסן אָנגעפּאַסט איין אָנצוג, אַ צווייטן, אַ דריטן, ביז מען האָט צוגעקליבן אַ גאַנץ נישקשהדיקן גרויען אָנצוג, וואָס האָט אים גוט געפּאַסט. מ׳האָט נאָר געדאַרפט איבערשטעלן די פּאָר קנעפּלעך, וואָס מ׳האָט תיכף צורעכט געמאַכט הינטער אַ וואַנט פון מאַגאַזין — אין וואַר־שטאַט. פאַר איינוועגס, גאָרנישט פרעגנדיק וויסן, האָט זי אויך געהייסן דערלאַנגען אַ זומער־מאַנטל. וויס האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און זיך שווייגעוודיק געלאָזט אָנפּאַסן. דאָס איז געווען אַ גאַבאַרדין־מאַנטל פון אַ דיסקרעטן בעזש־קאָליר. מ׳האָט אַלץ פאַרפּאַקט. פרוי זילבער האָט זיך אָפּגערעכנט און באַצאָלט. פון דאָרט איז מען אַריין באַלד דערנעבן אויף טאַרגאָווע אין אַ שיך־געשעפט. מ׳האָט זייער גיך צוגעקליבן פאַר וויסן אַ פּאָר מאָדערנע ברוינע שיך. עס האָט נאָך ווייניקער געדויערט ווי אין קליידער־מאַגאַזין.

אויף דער גאַס האָט פרוי זילבער געזאָגט וויסן מיט אַ כמעט באַפע־לערישן טאָן:

— גייט אַרויף איצט צו מיר — איך מוז צולויפן אין געשעפט אַריין — און וואַרט דאָרט אויף מיר. כ׳קום אין אַ שעה אַרום. נאָט איך די שליסלען.

פרוי זילבער איז געקומען פריִער, ווי זי האָט גערעכנט.

— איצט, הער ווייס, וועט איר זיך מאַכן אַ דוש און זיך איבערטאָן פון קאָפּ ביז די פיס, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. גענוג געווען „בעזשעניעץ״...

זי האָט אים אַלץ צוגעגרייט און איז ווידער אַוועקגעגאַנגען אין געשעפט אַריין.

— איר וועט דאָ וואַרטן אויף מיר. זייגער זיבן בין איך ווידער דאָ.

ווייס האָט זיך געפילט נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן און האָט אויף אַלץ געמוזט צושאָקלען מיטן קאָפּ. „וואָס וועט דאָ נאָך ווייטער זיין?״... — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק.

ווייס האָט אַריינגענומען אין וואַנע־צימער אַלע נייע זאַכן זיינע. ער האָט זיך אויסגעבריט אונטערן דוש פאַר אַלע צייטן און זיך דערשפּירט גרינגער און פרישער. ער האָט גענומען מאַכן גימנאַסטישע באַוועגונגען מיט די הענט, מיט די פיס און מיטן גאַנצן קערפּער, ווי וועלנדיק אַ פּרווו טאָן זיינע גלידער, צי זיי טויגן נאָך צו עפּעס. ער האָט פּאַמעלעך, מיט כוונה, זיך גענומען אָנטאָן. די נייאינקע וועש האָט אים געגלעט דאָס דערהיצטע לייב מיט אַן אָנגענעמער קילקייט. דאַן קומען די דעליקאַטע, פיין־געשטרייפטע סקאַרפּעטן, די נייאינקע שיך, דער אָנצוג, דער פיי־נער קראַוואַט. — אַלץ האָט אים אַריינגעבראַכט ווי אין אַ פאַנטאַסטישער פאַרוואַנדלונג. ער האָט געשפּאַנט איבערן צימער, זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל — אַן אַנדער מענטש! ער געדענקט זיך שוין כמעט נישט אַזאַ. ווייס האָט זיך ממש נישט געקאָנט צוגעוווינען צו זיין איצטיקן אויסזען. דאָ האָט ער זיך געזעצט, דאָ אומגעשפּרייזט, דאָ זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל... „אָבער נאָך אַלעמען — וואָס פאַר אַ מיין האָט זי, די איידעלע סאָניע זיל־בער? — קומט אים ווידער אַ פראַגע אין געדאַנק.

זייגער זיבן איז פרוי זילבער צוריקגעקומען פון געשעפט. זי האָט אים באַגריסט כמעט מיט אַ געלעכטער:

— ערשט איצט דערקען איך איך. איצט זייט איר ווידער דער אַמאָ־ליקער ווייס. נו, ווער איז גערעכט געווען?

— אַ, שוין נישט דער זעלבער. נאָך אַזעלכע יאָרן?

— מיר האָבן זיך אַלע געענדערט... אָבער אַן עפּעס איז נאָך אונדז געבליבן. לאָמיר בעסער נישט אַריינטראַכטן... איז וואָס זשע זאָגט איר? כ׳בין גערעכט געװען מיט מיין עקשנות?

— יאָ, כ׳פאַרשטיי... אָבער...

— קיין שום „אָבער״! איצטער װעלן מיר קאָנען אַרויסגיין ערגעץ אין אָװנט: אין אַ קינאָ, אין קאַפע.

— פאַראַן דאָ לייטישע קאַפעען צווישן די חורבות?

— וואָס רעדט איר? איר זייט נאָך נישט געווען אין אָוונט אויף יערו־זאַלימסקע, צי העכער אויף מאַרשאַלקאָווסקע. אַפילו צווישן חורבות ברויזט דאָס לעבן. טעאַטערן, קינאָס, קאַפעען. אַזוי איז עס: די, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, מוזן בויען ווייטער דאָס לעבן, צי דאָס איז נוגע דעם יחיד, צי דער געזעלשאַפט.

און טאַקע אויף דער דאָזיקער טעמע — וועגן ווידעראויפבוי פונעם לעבן — איז געגאַנגען דער גאַנצער שמועס בעתן אָוונט־ברויט. פרוי זיל־בער האָט אילוסטרירט איר גדאַנק מיט אַ גאַנצער ריי ביישפּילן, ווי אַזוי, אַ שטייגער, עס קומען איצט פאַר אָפטע יידישע חתונות אין וואַרשע; ווי שנעל עס שאַפן זיך פאַרבינדונגען צווישן די איינזאַם־פאַרבליבענע מענטשן.

— פאַרפאַלן, — זאָגט זי, — מען מוז זיך פאַרגעסן... עס העלפט נישט דאָס כסדרדיקע טרויערן... איר מיינט, אַז איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר זייט היינט ווידער געלאָפן אין געטאָ?

— עס האָט מיך געצויגן אַהין. כ׳בין אַגב געווען אויף קבר אָבות, ביים טאַטנס קבר... דוכט, כ׳וועל מאָרגן ווידער אַהין גיין...

— אָ, ניין, איר דאַרפט עס נישט טאָן. מ׳דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן זיך אַליין... איבעריקנס, דאָס זענען די ערשטע טעג אייערע אין וואַרשע. איר וועט זיך באַרויקן.

פרוי זילבער האָט זיך נאָכן עסן אויסגעצויגן אויף דער אָטאָמאַנע און אים געהייסן צורוקן פאַר זיך דעם פאָטעל נעבן איר צוקאָפּנס. ביידע האָבן כסדר גערויכערט, כמעט איין סיגאַרעט נאָכן אַנדערן און מ׳האָט געשמועסט. זי האָט אים צווישן אַנדערן דערציילט געוויסע קאָמישע עפּיזאָדן פון איר לעבן אויף דער „אַרישער זייט״: ווי אַזוי, אַ שטייגער, איר „גאָספּאָדיני״ האָט זי איין מאָל מיטגענומען אין קלויסטער און צוגעפירט צום גלח, צום „ספּאָוויעדז״. זי איז דאַן שיער נישט דורכגעפאַלן, ווייל דער גלח האָט

אַ פּנים דערקענט לויט איר פֿאַרהאַלטן זיך, אַז דאָס איז נישט קיין קריסט־טין... זי האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן, דורכגעשפּאַרט זיך דורכן קריסט־לעכן עולם און געבליבן שטיין אַ קנייענדיקע ערגעץ נאָענט פֿון אַריינגאַנג.

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווען האָט איר דאָס לעצטע מאָל געזען דאָרען?... — רייסט ער פּלוצלינג איבער איר דערציילונג.

— דאָס לעצטע מאָל האָב איך זי געזען אין געטאָ אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער, טאָקע פֿאַר דער „אַקציע". כ'האָב זי דעמאָלט צוגערעדט מיר זאָלן צוזאַמען אַרויסגיין אויף דער „אַרישער זייט". זי האָט עס אָבער נאָך נישט געקאָנט טאָן, ווייל זי האָט געדאַרפֿט האָבן אַ ביסל צייט צו פֿאַרוואַנדלען געוויסע חפצים אין געלט. נו, האָט זי זיך דערוואַרט... ווען איך בלייב אויף איר וואַרטן אין געטאָ נאָך עטלעכע טעג, וואָלט איך אויך געטיילט דעם זעלבן גורל...

— ווי האָט זיך איר געלעבט אין געטאָ?

— נישט צום ערגסטן. זי האָט זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן. צום גליק האָט זי געהאַט וואָס צו פֿאַרקויפֿן. קיין הונגער האָט זי נישט געליטן.

— און דאָס קינד?

— דאָס קינד האָט זיך פֿיין אַנטוויקלט. עס איז געווען שיין ווי גאָלד. עס האָט כסדר געהאַלטן אין ריידן וועגן פּאַפּאַ... „ווען קומט שוין דער פּאַפּאַ?"... דאָרע האָט אים געטרייסט, אַז דער פּאַפּאַ וועט זיכער אין גיכן קומען...

— דאָרע האָט מיך אין 1940 טאָקע אַלאַרמירט מיט בריוו, איך זאָל צוריקקומען; אַז מ'וועט צוזאַמען ווי עס איז איבערקומען די שלעכטע צייט, — דערציילט ווייס.

— יאָ, איך ווייס, אַז זי האָט אייך אַזוי געשריבן נאָך פֿאַרן איינפֿירן די געטאָ. מיר זענען נאָך דאַן אַלע געווען נאַיִוו. מיר האָבן אַלץ געגלויבט, אַז דער טייוול איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי מען מאָלט אים... שפּעטער, בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע צרות, איז זי שוין צופֿרידן געווען, וואָס איר זייט נישט געקומען.

— האָט זי געוווּסט, אַז איך בין געווען פֿאַרשיקט אין אַ לאַגער?

— יאָ, זי האָט זיך דערוווּסט. אייערע קרובים פֿון דער סאָוועטישער זייט אין די אָקופּירטע מערב־געביטן האָבן איר געשריבן וועגן דעם אין

אַ פֿאַרשטעלטער פּאַרעם. דאָרע איז געווען ממש פֿאַרצווייפֿלט, ווייל זי האָט נישט געגלויבט, אַז איר וועט עס קאָנען אויסהאַלטן.

— געדענקט איר וואָס זי האָט גערעדט, בעת איר האָט זי געזען דאָס לעצטע מאָל?

— זי איז געווען זייער רעזיגנירט... פּונקט ווי איך און פּונקט ווי אַלע ייִדן אין געטאָ. יאָ, אויך דאָן, אין דער שווערער דעפּרעסיע, האָט זי אייך דערמאָנט. זי האָט גערעדט וועגן אייך מיט טרערן אין די אויגן. דאָרע האָט געזאָגט, אַז זי וואָלט זייער וועלן, איר כאָטש, איין איינציקער מענטש פֿון דער משפּחה, זאָל בלייבן לעבן — — —

ווייס האָט שטום אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ ווי אונטער אַ שווערער דריי־קענדיקער משא. פֿאַר די אויגן איז אים געשטאַנען זיין דאָרע אין שוואַרצן געהילט און מיט פֿאַרבראָכענע הענט... אַזאַ האָט ער זי אַמאָל געזען אין טרויער נאָכן טויט פֿון איר מוטער... ביי איר זייט זעט ער דאָס קינד, זיין איינציק קינד, זיין לעאָנטשיקל, מיט אַ וויינענדיק פּנימל, צוגעטוליעט צו דער מאַמעס שוואַרץ קלייד.

— זעט איר, — כאַפּט זיך פּרוי זילבער, — כ'בין גערעכט געווען. מ'דאַרף נישט און מען טאָר נישט צו־פיל ריידן וועגן דעם, וואָס געווען... צו וואָס אָנרירן די ווונדן?... שטענדיק באַרירט איר די טעמע... אפשר וועלן מיר אַראָפּגיין אַ ביסל זיך אַדורכשפּאַצירן?

— גוט.

ווייס האָט זיך אויפגעשטעלט. ער איז געווען בלאַסער ווי געוויינלעך. אויך אים האָט זיך אין דער רגע געגלוסט צו ענדערן דאָס אָרט.

פֿאַרן אַראָפּגיין איז סאָניע אַרויס מיט אַזאַ פּלאַן:

— איר ווייסט, וואָס איך טראַכט? איך מיין, אַז איר דאַרפֿט זיך נישט וואַלגערן אין רעפּאַטריאַנטן־הויז. איר קאָנט דערווייל נעכטיקן דאָ אין צווייטן צימער. סיי־ווי־סיי פּוסטעוועט עס. דאָ האָב איך פֿריִער געהאַט אַ שכנטע — אַליין וואָלט איך בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען קיין צווי צימערן: אַזוי ווייניק גאַנצע וווינונגען אין וואַרשע. מיין שכנטע איז אַוועק־געפֿאָרן, בין איך געבליבן דערווייל אַליין איןביידע צימערן. פֿאַר אייך איז עס אַ גוטע געלעגנהייט... אַדרבה, ס'וועט מיר זיין פֿריילעכער: נאָך אַ לע־בעדיקער מענטש אין דער וווינונג.

— דאָרטן, אין רעפּאַטריאַנטן־הויז ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ ערגער:

אַן ענגשאַפט, שמוציק, טומלדיק. דערצו ווייזן זיך שפּאַלטן אין די ווענט און אַלץ דראָט איינצופאַלן. ווער עס קאָן, ראַטעוועט זיך פון דאָרט.

— איז וואָס זשע זיצט איר דאָרט? וואָס טויג אייך דער קהלשער יאַריד? אַט זעט!

און זי האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון צווייטן צימער, דאָרט ליכטיק געמאַכט און אים אַריינגעבעטן אַ קוק טאָן. ווייס האָט געוואָרפן זיינע בליקן אין אַלע זייטן. דאָס צימער האָט אים זייער אימפּאָנירט. אויך דאָ זעט ער אַ פיינע קושעטקע. ווי באַקוועם וועט דאָ זיין צו ליגן. הערנט דאָס פענצטער מיטן באַלקאָן צו דער גאַס!

— באַלד אין דער פרי — דערציילט אים סאָניע — איז דאָס צימער פאַרגאָסן מיט זון. אַז איך האָב צייט, ברען איך מיך אויף דער זון ווי אויף אַ פּליאַזשע.

איז ווייסן שווער געווען נישט מסכים צו זיין אויף פרוי זילבערס פאָרלייג.

זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען אין גאַס. די באַוועגונג אין אָוונט איז אַ שוואַכע. די באַלייכטונג אַ קאַרגע. נישטאָ אַמאָליקע נעאָנען. זיי זענען אַריין אין אַ קאַפע. אויף אַ פּאָדיום האָט געשפּילט אַ קליינער פידל־אָרקעס־טער. דאָ ביים קאַפע־טישל, אונטער די קלאַנגען פון מוזיק, איז ווייס געוואָרן הייטערער און באַריידעוודיקער. ער האָט דערציילט וועגן רוסלאַנד, וועגן זיין לעבן אויפן ווייטן צפון — „דאָרט, וווּ די ווייסע בערן"... וועגן דער צייט, וואָס נאָך דער אַמנעסטיע („די שיקאָרסקי־אַמנעסטיע" — ווי די פּוילישע פּליטים פלעגן זי אָנרופן.); וועגן טראַגי־קאָמישע פּאַסירונגען אויף זיינע וואַנדערונגען איבער די אומענדלעכע רוסישע שטחים — אין מיטל־אַזיע און אוראַל. פרוי זילבער האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכל און לסוף זיך אָפּגערופן:

— דאָס אַלץ איז אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט אונדזערע איבערלעבענישן אויף דער זייט.

— איר זייט גערעכט. איך גיי נישט „קאָנקורירן" מיט די ייִדן פון די געטאָס און טויט־לאַגערן.

די קאַפע איז פרי שיטער געוואָרן פון מענטשן. פּאָר צוועלף זענען זיי שוין צוריקגעגאַנגען אַהיים דורך פּוסטע, אין טונקלקייט איינגעהילטע גאַסן. דערמאָנט זיך ווייס ווי פאַרן קריג האָבן אויסגעזען די וואַרשעווער

פרינציפּאַלע גאַסן ביי נאַכט. אַ בלוילעכע נעאָן־ליכטיקייט האָט באַגאָסן די מענטשן־מאַסע, וואָס האָט זיך באַוועגט אויף די טראָטואַרן ווי אַ פריילע־כער זשומענדיקער שטראָם. און איצט אַזאַ טרויעריקער חושך אויף אַלץ און אויף אַלעמען...

פרוי זילבער האָט, אַריינקומענדיק אין דער וווינונג, באַלד געמאַכט אין צווייטן צימער אַ געלעגער פאַר וויסן. וויס האָט זיך אויסגעצויגן אין רחבות, מיט אַזאַ מילד, גוט געפיל. ס׳איז אים אַזש אַ שאָד געווען אַנט־שלאָפן צו ווערן. ער איז געלעגן און געחשבונט ווי לאַנג ער איז שוין נישט געשלאָפן ביחידות, איינער אַליין אין אַ חדר, נישט אין „אָבשטשעזשי־ציעס״ [26], אויף אַזאַ באַקוועמען, פרישן, וויסן געלעגער.

ט

וויס האָט פאַר דער מלחמה געהערט צו אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיטן אָנקומען פון דער שארית־הפליטה קיין וואַרשע האָט יענע פּאַרטיי באַ־נייט איר טעטיקייט. ס׳האָבן זיך געבילדעט די ערשטע אינסטאַנצן, מ׳האָט זיך פאַרשאַפט אַ לאָקאַל, געעפנט אַ קלוב, גענומען רעגיסטרירן ביי־אָנגעקו־מענע מיטגלידער און ס׳האָט זיך גענומען פילן אַ געוויס געזעלשאַפטלעך לעבן. אמת, אַ לעבן אין מיניאַטור. די הויפּט־אַרבעט איז געווען סאָציאַלע פאַרזאָרגונג, הילף: עס זענען צוריק געקומען פון די דייטשישע לאַגערן און פון רוסלאַנד אָרעמע מענטשן, נאַקעט און בלויז, אָן שום מיטלען, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און איטלעכער האָט זיך גענויטיקט אין הילף.

וויס, געוואָר ווערנדיק וועגן דער באַנייטער טעטיקייט פון זיין פּאַרטיי, איז באַלד אַרויפגעקומען אין לאָקאַל. ער האָט שוין דאָרט אַפילו געטראָפן אַ פּאָר באַקאַנטע חברים פון פאַר דער מלחמה. מ׳האָט וויסן תיכף אַריינגע־צויגן אין אַקטיווער אַרבעט, צוקאָאָפּטירט אים אין קאָמיטעט אַריין און גע־מאַכט אים אַפילו פאַר אַ געצאָלטן פונקציאָנאַר. וויס האָט זיך אָן דעם אָנ־געכאַפּט ווי אַ זיך־טרינקענדיקער אָן אַ רעטונגס־ברעט: אין דער אַקטיווער אַרבעט וועט ער אפשר קאָנען פאַרגעסן אָן זיין גרויסן עלנט... אין דער אָר־גאַניזאַציע איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ קיך, וואָס פלעגט אַרויסגעבן מי־

[26] קאָלעקטיווע באַראַקן־וווינונגען.

טאָגן פּאָר חברים צו גאַנץ ביליקע פּרייזן — אַזוי אַז ווייס איז געווען פֿאַר־בונדן מיטן לאָקאַל אַ גאַנצן טאָג. און נישט נאָר בייטאָג — אויך אין אָוונט פֿלעגט ער אָפֿט זיין פֿאַרנומען אויף זיצונגען און פֿאַרזאַמלונגען.

אַז ווייס האָט אַנגעזאָגט דער פֿרוי זילבער די בשורה, אַז ער איז שוין „איינגעאָרדנט", האָט ער קיין גרויסע באַגייסטערונג ביי איר נישט באַמערקט.

— וואָס איז די איילעניש? — האָט זי געפֿרעגט. — איר זייט דען אויף דער גאַס? איר וואָלט נאָך געמעגט אַ ביסל רוען נאָך די אַלע גרויזאַמע יאָרן...

— אָבער ווי לאַנג קאָן מען זיין אויף קעסט?... אַפֿילו ביי אַן אייגענער שוועסטער וואָלט עס מיר שווער געווען.

— גלויבט מיר, ס'איז פֿאַר מיר אַ פֿרייד ווען נאָך אַ מענטש זיצט ביים טיש און עסט מיט מיר צוזאַמען. עס פֿעלט מיר נישט, גאָט צו דאַנקען...

— אָבער דאָך... מיין זעלבסטגעפֿיל...

— עס דאַרף אייך גאָרנישט אַרן, פּונקט ווי איר וואָלט געווען ביי זיך אין דער היים.

ווייס האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, שטאַמלענדיק:

— יאָ, פֿרוי זילבער... אָבער... פֿאַרשטייט מיך... כ'מוז זיין מיט עפּעס פֿאַרנומען. עס פּייניקן רק די געדאַנקען.

אַז ווייס האָט אויפֿגעהערט קומען צו מיטאָג, האָט פֿרוי זילבער אַרויס־געוויזן אַ בולטע אומצופֿרידנקייט.

— אָ, ניין, הער ווייס, כ'בין דערויף נישט מסכים, — האָט זי געזאָגט אין אַ האַלב־שפּאַסיקן טאָן, — איך פּראָטעסטיר... די מיטאָגן ביי אייך דאַרטן שמעקן אייך דען בעסער?

— דאָס געוויס נישט. איך דאַנק אייך פֿאַר אייער „פּראָטעסטירן"... אָבער גלויבט מיר, אַז מיין אַמט פֿאָדערט פֿון מיר, אַז אויך מיטאָג־צייט זאָל איך זיין אין לאָקאַל.

און ער האָט אויסגעפֿירט דאָס זייניקע. ס'איז נאָר געבליבן, אַז זונטיק, ווי אַלע יום־טוב־טעג, ווען פֿרוי זילבער בלייבט אין דער היים, זאָל ער עסן אין שטוב. זי האָט אַ חוץ דעם „אויסגעקעמפֿט", אַז נאָך דער אַרבעט זאָל ער אויך צוזאַמען מיט איר עסן אָוונט־ברויט. ווייס האָט געמאַכט אַ „באַוואָרע־ניש", אַז נאָר דעמאָלט, בעת ער וועט זיין פֿריי, ווייל ער האָט געוווסט, אַז כמעט אַלע אָוונט איז ער פֿאַרנומען אין דער פּאַרטיי.

ביסלעכוויז, אין משך פון וואָכן, איז פאַר ווייסן אין גאַנצן קלאָר גע־וואָרן פרוי זילבערס באַציִונג, איר צו־גוטע באַציִונג צו אים... אמת, ער האָט זיך באַלד אין דער ערשטער צייט אַ ביסל אָנגעשטויסן; אָבער מ'האָט נאָך געקאָנט מאַכן פאַרשיידענע השערות. לעצטנס איז עס שוין מער פאַר אים נישט קיין רעטעניש.

אין אָוונט — ס'איז געווען אַ שבת־צו־נאַכט — זענען זיי זיך פאַרזעסן לענגער ווי תמיד. פרוי זילבער איז געלעגן אויף דער אָטאָמאַנע ביי דער סאָמע וואַנט און ער איז געזעסן היימיש דערנעבן. זי איז געווען דאָס מאָל אין אַ באַזונדערס גוטער שטימונג. זי האָט היינט פאַרנאַכט געפּטרט אַ פּאָר שעה צייט ביים פריזירער, וואָס האָט איר אין אָרדענונג געבראַכט די פרי־זור און אַגב קאָרעגירט אויף אַ דעליקאַטן אופן איר געזיכט, די דינע קניי־טשעלעך ביי די אויגן־ווינקלען. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ זומערדיק־העל זשאָרזשעטן קליידל, וואָס האָט בולט אונטערגעשטראָכן די ליניעס פון אירע גלידער. פרוי זילבער איז געווען אַ ביסל עקזאַלטירט און גערעדט האָט זי מיט איר געוויינלעכער עלאָקווענץ וועגן די קאָנטראַסטן פון אונדזער לעבן: וועגן טוגנט און רשעות; וועגן רציחה, אומברחמנותדיקער אויסראָטונג פון אַ פאָלק און תחית המתים פון אַ ניי לעבן; וועגן די אייביקע שיינקייטן פון דער נאַטור און וועגן אומפאַרמיידלעכן טויט.

— אַ שאָד יעדן טאָג, וואָס דער מענטש לאָזט אַדורך, — זאָגט זי, — אַ שאָד די שיינקייטן, אַ שאָד די פרייד!

כאָטש פרוי זילבערס „פילאָסאָפיע" איז פאַר ווייסן נישט קיין אַנטדע־קונג — אייביקע אַקסיאָמעס, באַנאַלע אמתן זינט ששת ימי בראשית! — פון דעסטוועגן איז זי אים אין דעם מאָמענט געפעלן געוואָרן. עס האָט אים אימפּאָנירט איר אמתדיקע איבערלעבונג און אירע צעפינקלטע אויגן. זי איז אין דעם מאָמענט געווען אויך אַ ביסל פרוואיש — הגם ער האָט אין איר קיין מאָל נאָך נישט געזען די פרוי...

— איר פאַרשטייט גוט דאָס לעבן, סאָניע! — האָט ער אַרויסגערעדט, אָנרופנדיק זי היימיש ביים נאָמען. דערביי האָט ער זי נאָך אָנגענומען אינס־טינקטיוו ביי דער האַנט, ווי וועלנדיק דערמיט אונטערשטרייכן זיין אָנערקע־נונג פאַר איר. זי האָט דאַן אָנגעכאַפּט זיין האַנט מיט אירע ביידע הענט און געדריקט מיט אַ פיבער, גלייך ווי זי וואָלט שוין לאַנג, לאַנג געוואַרט אויף דער דאָזיקער רגע. זי האָט זיך אַ רוק געטאָן דערביי נענטער צו אים און ער,

ווייס, האָט זיך זיצנדיקערהייט עטוואָס אָנגעלענט אָן איר ליגנדיקן קערפּער. אומבאַוווּסטערהייט, ווי דיקטירט דורך אַ בלינד געפיל, האָט ער אַ קוש געטאָן אירע פינגער. ער האָט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַרוואָס ער טוט עס אַזוי. ער האָט עס גיכער געטאָן איר צוליב. ער האָט געשפּירט מיט זיינע ליפּן ווי אירע פינגער האָבן אַזוי געגאַרט נאָך אַ קוש, נאָך אַ צערטל. אַזוי לאַנג געגאַרט...

אין איר האָט זיך אויפגעוועקט אַן אומנאַטירלעכע דרייסטקייט, אַ דרייסטקייט ווי ביי אַ מאַן. אַזוי געשעט עס אָפט מיט פרויען, בעת זיי דערפילן, אַז ער, דער פּאַרטנער, איז אומדרייסט, וואַקלדיק און פון שוואַכן ווילן. זי האָט אים אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט אַרום האַלדז און צוגעדריקט זיין קאָפּ צו איר ברוסט, פיבערדיק געדריקט. מיט אַזוי פיל אויסגעהונגערטקייט, מיט אַזוי פיל בענקעניש. ווייס איז געווען ווי צעטומלט. די געדאַנקען זענען אים פאַרנעפּלט געוואָרן. ער האָט זיך נאָכגעגעבן מיט פאַרמאַכטע אויגן — —

דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט.

אין דער טונקלקייט פון זיינע פאַרמאַכטע אויגן איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן דאָרעס געשטאַלט — אין שוואַרצער טראַכט און מיט פאַרבראָכענע הענט — — —

ער האָט זיך ראַש אַ ריס געטאָן פון פרוי זילבער און איז אויפגעשפּרונגען ווי פון שרעק. זיין פּנים איז געווען בלייך און אויסגעקרימט.

— וואָס איז געשען? וואָס איז מיט אייך? — האָט פרוי זילבער נישט פאַרשטאַנען.

— גאָרנישט. גאָרנישט. שוין פאַרביי...

— אָבער זאָגט, כ׳בעט אייך. זעצט זיך.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פאָטעל דערנעבן.

— זאָגט, איך בעט אייך. איז אייך עפּעס, חלילה?

— גאָרנישט. איר פאַרשטייט... ס׳איז אוממעגלעך, איך זאָל אייך זען און הערן — און נישט זען דערביי דאָרען... אַ קאַשמאַר!

פרוי זילבער האָט געשוויגן. פאַרטיפט געשוויגן. איר גאַנצע שטימונג האָט זיך געענדערט. אויף איר געזיכט האָט זיך אַ וואָלקן פאַרצויגן. אויך ווייס האָט זיך אַ היפּשע ווילע נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. ס׳האָט זיך דעם אָוונט מער ביי זיי קיין שמועס נישט געקלעפּט, און לסוף איז ווייס אַוועק אין זיין צימער, זאָגנדיק אַ נישט־דרייסטן „גוטע נאַכט״.

י

ווייס און פרוי זילבער האָבן ווייטער פון צייט צו צייט פאַרבראַכט ביים עס־טיש, צי אויף שפּאַצירן, אָבער די דיסטאַנץ צווישן זיי איז אַלץ מער געוואַקסן. ווייס האָט זיך אַליין געמאַכט פאָרוווּרפן דערפאַר, וואָס ער איז געווען אין יענעם פּאַטאַלן אָוונט אַזוי צוגעלאָזט צו פרוי זילבער. פאַר אים איז יענער אָוונט בפירוש געווען אַ פּאַטאַלער! מיט פרוי זילבער האָט ער אַזוי נישט געטאָרט האַנדלען. ער פילט דאָך פאַקטיש צו איר גאָרנישט. ער טאָר זי נישט אַריינפירן אין אַ טעות! פאַרוואָס איז ער דאָן אַריינגעפאַלן אין אַ שוואַכקייט? ער קאָן זיך עס ממש נישט שענקען.

אין זיינע ווייטערדיקע שמועסן מיט פרוי זילבער פלעגט ווייס אָפטער ווי פריִער דערמאָנען זיין דאָרען, פלעגט אויספרעגן פאַרשיידענע פרטים וועגן איר לעבן אין געטאָ, צי זי פלעגט זיך טרעפן מיט מענטשן? ווו און מיט וועמען? צי דאָס קינד האָט זיך די ערשטע צייט געלערנט ביי אַ פּריוואַטן לערער? וואָס זי פלעגט אַלץ רעדן וועגן ווייסן? ווי אָפט פלעגט זי אים דערמאָנען?

פון פרוי זילבערס ווערטער האָט ער געהאַט אַ קלאָרע פאָרשטעלונג, אַז זיין דאָרע האָט אַ סך איבערגעלעבט צוליב דעם וואָס דער גורל האָט זיי צעריסן; וואָס ער איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין די סיבירער ווילדע טייגעס; אַז זי איז אים געווען טריי ביזן סוף...

— איינמאָל פאַרן טראַגישן סעפּטעמבער, — דערציילט אים פרוי זילבער, — בין איך שפּעטן־לאַנג געזעסן ביי דאָרען און מיר האָבן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. בעתן שמועס האָט זיך דאָרע אויסגעדריקט, אַז ווען זי בלייבט, חלילה, אַליין מיטן קינד, וואָלט זי קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. זי וואָלט נאָר געלעבט פאַרן קינד. אָבער טאָמער פאַרקערט, ס׳הייסט, טאָמער בלייבט איר איינער אַליין, איז ווייס זי זיכער, אַז איר וועט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער. דערביי האָט זי אייך אין פאָרויס געגעבן גערעכט. זי האָט אַפילו געהאַלטן, אַז איר מוזט עס טאָן!

— איך מוז?

— יאָ, יאָ, אַזוי האָט זי בפירוש געזאָגט. איר מוזט! ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז איר זייט אַ שוואַכער מענטש. און אַן עלנטער, אַן אַ באַנטן

מענטש, אָן אַ פרוי, וועט איר פאַרלוירן גיין. דאָס זענען טאַקע אירע ווער־טער געווען. איך געדענק זיי נאָך ווי היינט. אַזוי טריי איז זי אייך געווען.

כאַטש ווייס האָט דאָך שוין גוט געקענט פרוי זילבערס כוונות לגבי אים, פון דעסטוועגן האָט ער איצט אַרויסגעפילט פון איר טאָן, אַז זי רעדט עס אַלץ אויפריכטיק; אַז זי איז נישט מגזם, אַזוי איז עס טאַקע געווען. ער גלויבט איר. אָבער אין דאָזיקן וואַרעמען טאָן האָט ער נישט געהערט פרוי זילבערס שטים, נאָר — זיין דאָרעס... ער האָט אַפילו פאַרנומען דאָרעס וויבראַציע, איר טעמבר. ער האָט מער זיך צוגעהערט מיט דער מחשבה, מיטן דמיון, איידער מיטן געהער, און דאָס וואָס ער האָט פאַרנומען דאָרעס שטים האָט אים נאָך מער געמאַכט אוממעגלעך צוצוגיין צו סאָניע זילבער ווי צו אַ פרוי.

איין מאָל, בעת אַזאַ שמועס, איז פרוי זילבער געוואָרן אויך באַריידעווו־דיק וואָס שייך איר מאַן.

— איר ווייסט דאָך, מיין יאַקאָב האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. ער מיך מער ווי איך אים. נאָר פון דעסטוועגן, אַז ס׳פלעגט אויסקומען צו רייד וועגן די פאַרשיידענע טרויעריקע עווענטואַליטעטן, פלעגט ער זאָגן גאַנץ אָפן (טאַקע אַזוי ווי דאָרע), אַז אין פאַל אויב ער וועט אומקומען און איך וועל בלייבן לעבן, דאַרף איך נישט בלייבן אַליין, ווי אַ נזירה, אויף דער וועלט. איר פאַרשטייט, ער, אַזוי גוט ווי דאָרע, איז צוגעגאַנגען מענטשלעך צו דער זאַך.

ווייס פאַרשטייט גוט פרוי זילבערס אויסטייטשונגען... ער ווייס וווהין זי צילט... דאָס אַלץ, וואָס ביידע פאַרשטאָרבענע האָבן גערעדט ביים סוף פון זייער לעבן, איז טאַקע זייער לאָגיש און פאַרשטענדלעך, דאָך האָט אים פרוי זילבער דערמיט נישט געוווּנען. זי האָט אים נישט דערנעענטערט צו זיך, נאָר מער דערווייטערט. אדרבה, איצט פלעגן זיך כסדר ווייזן ביידע שאָטנס פאַר זיינע אויגן: דאָרע און יאַקאָב... דאָרע אין איר טרויער־טראַכט און יאַ־קאָב אַ שמייכלדיקער. אַזאַ איז ער געבליבן אין זיין זכרון, מחמת זיין שטענ־דיקער גוטמוטיקייט און מונטערקייט. אָבער יאַקאָבס שמייכל איז געווען פאַר אים נישט ווייניקער התראהדיק ווי זיין דאָרעס פאַרבראָכענע הענט. דער שמייכל האָט צו אים גערעדט פאַרחידושט און מיט שפּאָט: „וואָס!! גראָד דו וועסט חתונה האָבן מיט מיין סאָניען?!“ — — —

צ ו ויי שאָטנס זענען שוין אויסגעוואַקסן צווישן אים און פרוי זיל־

בער. אין אירע רייד האָט ער איצט צ ו יי שטימען פאַרנומען. צוויי שטימען — אָבער נישט סאָניעס שטים...

ווייס גיט זיך אויך אָפּ אַ חשבון, אַז אפשר, ווער ווייס, ווען ער וואָלט געווען פאַרליבט אין פרוי זילבער, וואָלט ער אַנדערש אויף דעם אַלעמען רעאַגירט. דאָס שטאַרקערע געפיל פון ליבע וואָלט פאַרשלונגען אַלע זיינע חושים. אַדרבה, ער וואָלט געוואָרן פּטור פון זיין עלנט לעבן, און דאָס וואָלט טאַקע אויך געווען אין הסכם מיט דער „מיינונג", אָדער „ווונטש", פון זיין דאָרען און פון יאַקאָבן... אָבער בלויז דער סענטימענט, וואָס ער האָט צו פרוי זילבער מחמת אַלטער פריינטשאַפט און מחמת איר איצטי־קער גרויסמוטיקייט און בריטהאַרציקייט צו אים — דאָס איז ווייניק אויף צו קאָנען פאַרשטעלן פאַר אים די שאָטנס פון קבר.

יא

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן האָט ווייס געהאַט אַן אומגעריכטע פרייד: בעת ער איז, ווי געוויינלעך, געקומען צו דער אַרבעט אין לאָקאַל, האָט אויף אים שוין עמעצער געוואַרט — אַ פרוי. אַ יונגע פרוי.

— חבר ישראל! — איז זי אים אַנטקעגן געקומען מיט אַ שמייכל.

— חברטע סאַרע!

אַן איבערראַשטער, איז ער צוגעפאַלן צו איר זיך קושן.

סאַרע איז געווען זיינע אַן אַלטע, גוטע באַקאַנטע פון פאַר דער מלחמה, אויך אַ חברטע פון דער אַמאָליקער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. דערצו אויך אַ פאַד־קאָלעגין — אַ לערערין.

— רעדט, סאַרע, דערציילט. כ'ברען פון נייגעריקייט. פון וואַנען?

— איצט קום איך פון נידערשלעזיע. איך אַרבעט דאָרט אין אַ שול.

— און פריִער? פריִער?

— פריִער? געטאָ... לאַגער... נאָט זעט!

און זי האָט דערביי פאַרשאַרצט דעם אַרבל און אים אַ וויַז געטאָן אַן אויסגעטאַטויִרטן נומער אויף דער האַנט:

— אָשוויענטשים!

— ס'אַ נס! איר זייט אַ גייענדיקער נס! — האָט ווייס אויסגערופן. און אין אַ ווײַלע אַרום פרעגט ער:

— איר זייט אַליין?

— אַליין, ווי אַלע... מיין גאַנצע משפחה איז אומגעקומען.

— כ׳האָב געמיינט, אַז פאַר דער צייט האָט איר חתונה געהאַט.

— ווען? אין אַשוויענטשים?

— געמיינט פאַר אַשוויענטשים. אין געטאָ זענען דאָך יאָ פאַרגעקומען חתונות.

— איך האָב דערצו אין געטאָ קיין שטימונג נישט געהאַט. איבע־ריקנס, נאָך מיין „דערפאַרונג" מיט מיין געגטן מאַן — איר געדענקט דאָך מסתמא? — האָב איך געמעגט וואַרטן.

— נישקשה, חברטע סאַרע, איר זענט נאָך גענוג יונג.

— אויב פינף און דרייסיק הייסן נאָך יונג...

— פינף און דרייסיק? איר זעט אויס אַ סך יינגער.

— קאָן זיין. פרויען קאָנען מאַסקירן זייער עלטער: אַ ביסעלע קרעם, שמינקע, אַ ביסעלע פודער.

— איר זענט צופיל אָפנהאַרציק.

וויס האָט שוין דעם גאַנצן פאַרמיטאָג כמעט גאָרנישט געטאָן אין ביוראָ. ער איז געווען צו אויפגערעגט פונעם סיורפריז. ער האָט כסדר געשמועסט מיט סאַרען, זי אויסגעפרעגט אַלע פּרטים וועגן איר גופא, וועגן אַנדערע חברים, וועלכע זענען שוין נישטאָ. זי האָט אים אַלץ בקיצור דערציילט און ער האָט געשלונגען איר יעדעס וואָרט, גלייך ווי ער וואָלט דערזען אַ מענטשן פון יענער וועלט.

— כ׳האָב אַפילו נישט געהאַט ביי וועמען צו פרעגן אויף אייך, — דערציילט איר וויס, — כ׳בין געווען זיכער, אַז איר זענט נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

— און איך האָב זיך ערשט לעצטנס דערוווסט וועגן אייך. ס׳איז גע־קומען צו אונדז אַ חבר פון וואַרשע — בראַפמאַן — האָט ער מיר דער־ציילט, אַז איר זענט דאָ.

— זענט איר כאָטש געקומען אויף לאַנג?

— ניין, אויף איין טאָג.

— פאַרוואָס אַזוי קורץ?

— מ׳קאָן דאָך נישט. כ׳האָב דאָ וואָס צו דערליידיקן. דעם אמת

זאַגנדיק, האָט געקאָנט פאָרן עמעצער אַנדערש, אָבער כ׳בין זיך מודה, כ׳בין געפאָרן צוליב אײַך, געוואָלט אײַך זען.

סאַרעס אָפנהאַרציקייט האָט ווייסן גערירט.

— זייער גוט האָט איר געטאָן! — האָט ער אויסגערופן עקזאַלטירט און איר געדריקטביידע הענט, — זייער גוט, באמת! כ׳בין אײַך זייער דאַנקבאַר. געמיינט אין רוסלאַנד, אַז כ׳וועל שוין קיינעם נישט טרעפן, קיינעם נישט אויף אונדזער גרויסן בית־עולם... גוט, סאַרע, זייער גוט האָט איר געטאָן.

ער האָט זי מיט פריידיקן חידוש באַקוקט, ווי ביים טרעפן אַ מענטשן, וואָס מ׳האָט געמיינט, אַז ער איז שוין טויט.

— די זעלביקע סאַרע, כ׳לעבן! דער זעלביקער שמייכל, די זעלבע חן־גריבעלעך אויף די באַקן.

— וויט נישט די זעלבע, — האָט זי אומעטיק געשמייכלט. — צו שווערע צײַטן זענען איבער מיר אַריבער.

ער האָט גאַרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר זיינע בליקן. ער זעט, אַז זי האָט זיך פון דעסטוועגן יאָ געענדערט. עפּעס אַ מאַטקייט ליגט אויף איר געזיכט. זי איז אויך מאָגערער געוואָרן. אויף איר שוואַרצן קאָפּ איז דורכגעצויגן אַ שמאָלער פּאַס גרויקייט.

— ס׳אַראַ מערקווירדיקער ווייסער פּאַס אויף אייער קאָפּ!

— אַ קאַפּריז אַזאַ... אַ ווייסער קאַפּריז פונעם גורל...

— אָבער איר ווייסט, ס׳געפעלט מיר דער קאַפּריז. בלויז אַ צייכן, אַ מעמענטאָ.

סאַרע האָט זיך געכאַפּט, אַז זי דאַרף שוין גיין דערליידיקן אירע ענינים אין פאַרשיידענע אַמטן. זי האָט זיך מיט אים דערווייל געזעגנט, אָפּרעדנדיק ווידער זיך צו טרעפן אין אָוונט, טאַקע דאָ אין לאָקאַל.

סאַרע איז ווייסן דעם גאַנצן טאָג פון זינען נישט אַרויס. זי איז פאַר אים דערשינען אומגעריכט, ווי אַ זעונג, און איר דערשײַנען האָט ווי אויפּגערוישט דאָס פאַרשלאָפענע געמיט. עס קומט אים נישט ווילנדיק אַ פאַר־גלייך: פרוי זילבער און — זי, סאַרע. פאַר דער ערשטער האָט ער נאָר אַ גוט געפיל, אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט, פון פריינטשאַפט; פאַר דער צווייטער אָבער, פאַר סאַרען, האָט ער האַרץ, נשמה. סאַרע איז זייער ווייב־לעך, ייִדישלעך באַחנט און וועקט אַן אינערלעכן צאַפּל.

ווייס איז ביז פאַרנאַכט געווען אומגעדולדיק. ער האָט פשוט געבענקט נאָך סאַרען.

אַז זי איז אין אָוונט צוריקגעקומען, האָט ווייס פאַרגעלייגט זיי זאָלן אַראָפּגיין. ער האָט נישט געוואָלט זיין מיט איר אין געזעמל פון באַקאַנטע. זיי זענען געגאַנגען פּאַמעלעך איבער די רויִקערע, אָוונטיקע גאַסן און גע־צויגן ווייטער דעם המשך פון זייער שמועס.

— איר ווייסט — זאָגט סאַרע — מיר וועלן נישט באַוויזן אַלצדינג צו דערציילן איינער דעם אַנדערן. אַזוי פיל דאָך איבערגעלעבט.

— אפשר פאַרלענגערט איר דאָס זיין אויף עטלעכע טעג?

— אָ, ניין, מיינע קינדערלעך וואַרטן...

— פון וויפל קינדערלעך זענט איר אַ „מאַמע"?

— אין מיין קלאַס זענען פאַראַן עטלעכע און צוואַנציק.

און אין אַ ווײַלע אַרום גיט זי צו:

— איר וואָלט געמעגט קומען אַ קוק טאָן נידערשלעזיע. די נאַטור איז דאָרט אַזאַ הערלעכע.

— מ'דאַרף אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, טאַקע כדאַי.

פּלוצלינג בלייבט ווייס שטיין.

— וווּהין גייען מיר איצטיגנטלעך? כ'וואָלט אייך פאַרבעטן אפשר צו מיר; אָבער... כ'האָב נישט ליב צו זיין אין אָוונט אין שטוב... מיר וועלן בעסער אַריינגיין אין אַ קאַפע און הערן אַ ביסל מוזיק.

— מיט פאַרגעניגן! — איז סאַרע מסכים.

— אָט דאָ איז אַ גאַנץ פיינע קאַפע. זי דערמאָנט אַ ביסל אַ פאַר־מלחמהדיקע קנייפּע.

ווייס איז אַריין מיט סאַרען טאַקע אין דער זעלבער קאַפע, וווּהין ער קומט אַריין אַלע מאָל מיט פּרוי זילבער. ביי זייער טישל איז געוואָרן גאַנץ געמיטלעך. די קאַווע מיט קרעם האָט פאַרשמעקט און דער קעזקוכן איז געווען באַטעמט. ס'איז געווען אַ היפּשער עולם באַזוכער און אַ געדיכט גערייד איז געהאַנגען אין דער לופטן. די מוזיק האָט מיט הפסקות איבער־געריסן די גרילצנדיקע שטימען. אינעם דאַזיקן גערויש האָבן זיך ווייס און סאַרע געפילט ווי אָפּגעזונדערט און ווייט פון אַלעמען, פונעם גאַנצן אַרום.

— איר ווייסט, — רעדט סאַרע, — איך ווייס נישט ווי איר, נאָר איך

פיל מיך זייער נישט פריי אין דער דאָזיקער נישט־ייִדישער געזעלשאַפֿט. עס דוכט זיך מיר, אַז יעדער בליק, וואָס פֿאַלט אויף מיר, איז אַ שפּיז... איר ווייסט, ס׳איז מיר אָרגאַניש אוממעגלעך צו פֿאַרבלייבן אויף דער דאָזיקער ערד. וויפֿל פּאָליאַקן האָבן פּאַראומרייניקט זייער געוויסן מיט ייִדיש בלוט. דער עיקר איז מיר געוואָרן אומדערטרעגלעך איצט, נאָך מעשה־קיעלץ.

— איר זענט זייער גערעכט, — האַלט אונטער ווייס, — נאָך אַזאַ מבול פֿון ייִדיש בלוט זאָל קאָנען מעגלעך זיין אַזאַ „ספּעקטאַקל״!

— ווי זשע קען מען לעבן בשכנות מיט אַזעלכע מיטבירגער? איך טראַכט טאַקע ערנסט צו טאָן דאָס זעלבע, וואָס אַנדערע טויזנטער ייִדן. איך ווין דאָך אין אַ גרענעץ־שטאָט, זע איך צו אַלע טאָג די דאָזיקע וואַנדערונג. מען פֿאָרט מיט לאַסט־מאַשינעס, מ׳גייט צופֿוס, מ׳פֿאָרט מיט פּעקלעך, צי מ׳גייט מיט ליידיקע הענט — אַבי אויף יענער זייט גרענעץ! נו, און איר, חבר ישראל? וואָס רעכנט איר צו טאָן? צי ברענט נאָך נישט די ערד אונטער אייערע טריט?

— סוף־כל־סוף וועל איך זיך אויך דערצו דערטראַכטן: די פּאַרטיי שטערט אַ ביסל.

— פֿאָלגט מיך, קומט צו פֿאָרן צו אונדז, וועלן מיר פֿאָרן צוזאַמען אין איין גרופּע.

— זייער מעגלעך.

— נאָט אייך מיין אַדרעס, שרייבט אָן אַ פּאָר ווערטער. אָן עבירה יעדער טאָג. פּאַרטיי־אַרבעט איז ב״ה פּאַראַן אומעטום. דאָס פּערזענלעכע לעבן דאַרף מען אויך נישט מבטל מאַכן.

אירע ווערטער האָבן אים נאָך מער ווי איבערצייגט. און נישט אַזוי אירע ווערטער, ווי אירע וואַרעמע בליקן און ווייבלעכער, פּיל־צוזאָגנדיקער שמייכל. ער וואָלט גערן, זייער גערן זיך געהאַלטן מיט איר צוזאַמען אין זיין ווייטערדיקער וואַנדערונג. און אפשר — — — — ווער ווייס — — — ער קאָן גאָר קאָנקרעט נישט טראַכטן דערפֿון. סאַרע איז דערשינען אַזוי פּלוצלינג! אין איין טאָג זענען זיינע אַלע רעיונות איבערגעקערט געוואָרן. אָן אויסטערלישע צעמישעניש געוואָרן.

אין מיטן פֿון זייער אינטימען שמועס איז ווייס פּלוצלינג פֿאַרענדערט געוואָרן. זיינע בליקן האָבן זיך נערוועז געוואַנדט אין איין פּונקט:

דורך די ברייטע אָפֿענע טירן ביים בופֿעט האָט ער באַמערקט פֿרוי זילבער. זי האָט געקויפֿט דאָרט עפּעס זיסוואַרג און פֿון דער ווייטן האָט ער זיך געטראָפֿן מיט איר בליק. ס׳איז פֿאַר אים געווען אומגעריכט. ער האָט נישט אויסגערעכנט, אַז זי זאָל דאָ אַריינקומען אַליין. אַז זי קאָן דאָ יאָ קומען עפּעס קויפֿן — דאָס איז אים נישט איינגעפֿאַלן. ווייס האָט זיך אַנטשולדיקט אויף אַ וויַיל און איז צו איר צוגעגאַנגען.

— כ׳האָב היינט געטראָפֿן אַ באַקאַנטע... — האָט ער גענומען שטאַמלען ווי זיך צו פֿאַרענטפֿערן. — אַן אַלטע באַקאַנטע... פֿון דער שול... נו, זענען מיר אַריין אַ ביסל אַהער.

— פֿאַרוואָס זשע נישט? אַדרבה... — האָט פֿרוי זילבער געענטפֿערט מיט אַ קינסטלעכן שמייכל.

— קומט צו צו אונדזער טישל, — האָט ער זי פֿאַרבעטן, און בעת־מעשה האָט ער זיך געפֿילט אַזוי אומבאַהאָלפֿן און נעבעכדיק.

— ניין. כ׳מוז גיין אַהיים. כ׳וויל אייך נישט שטערן.

— שטערן?! וואָס הייסט? קומט, כ׳בעט אייך.

— אָ, ניין, כ׳מוז שוין גיין. אַדיע!

און זי האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

— מיר זעען זיך באַלד... — האָט ער איר נאָכגעזאָגט.

ער האָט זיך אומגעקערט שטאַרק פֿאַרלוירן. ס׳איז אים געווען מאָדנע אומבאַקוועם און פֿריקרע פֿאַר ביידע פֿרויען.

— מיין באַלעבאָסטע... — האָט ער זיך ווי פֿאַרענטפֿערט פֿאַר סאַרען.

— כ׳וווין דאָרט צייטווייליק.

— פֿאַרוואָס עפּעס צייטווייליק? איז אייך דאָרט אומבאַקוועם?

— די דירה איז יאָ אַ באַקוועמע... אָבער... כ׳האָב זיך דאָרט נאָר אַריינגעצויגן אויף אַ קורצער צייט. ווען די באַלעבאָסטע וואָלט גענומען ביי מיר דירה־געלט, וואָלט מיך נישט געאַרט; אָבער דאָס איז מיין פֿרויס אַ חברטע... אַ באַקאַנטע...

— כ׳פֿאַרשטיי, — האָט סאַרע געשמייכלט, — פֿאַרוואָס האָט זי נישט געוואָלט צוגיין צו אונדזער טישל? כ׳האָב באַמערקט, אַז איר האָט זי דאָך גערופֿן.

—ווייס איך... זי איז גראָד פֿאַרנומען, האָט זי זיך געאיילט.

— זי וווינט מיט אַ מאַן? — פֿרעגט ווייטער סאַרע.

— ניין, איר מאַן איז אומגעקומען.

— קלאָר... — ענטפערט סאַרע מיט אַ שמייכל.

— וואָס איז אייך קלאָר? — דערפילט זיך וויס געטראָפן.

— וואָס? גאָר פשוט: אַן אַלטער פריינט. אַ היימישער מענטש. זעט זי מסתמא אין אייך עפּעס מער ווי אַ סובלאָקאַטאָר.

— וואָס זי טראַכט דאַרף איך נישט וויסן. כ׳קאָן דערפאַר נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך. איך דאַרף דאָך אויך טראַכטן.

— נו יאָ, אין אַזעלכע פאַלן מוזן ביידע צדדים מסכים זיין... אַנדערש גייט עס נישט.

די אינטימע, גוטע שטימונג פונעם ערשטן טייל אָוונט האָט זיך איי־בערגעריסן און איז שוין נישט צוריקגעקומען ביי זייער טישל. וועגן וואָס זיי האָבן נישט געפּרוווט רעדן, האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט.

— איר ווייסט, חבר ישראל — זאָגט סאַרע — איך מוז שוין גיין אין מיינע „מעבלירטע צימערן״. צייט צו שלאָפן. מאָרגן מוז איך פרי אויפ־שטיין.

— מאָרגן וועלן מיר זיך שוין נישט זען? — פרעגט וויס מיט אַ טאָן פון באַדויערן.

— ליידער נישט. כ׳וועל נישט באַוויזן.

— איז ווען זשע וועלן מיר זיך ווידער זען, סאַרע? כ׳וואָלט זייער גע־וואָלט זיין מיט אייך כאָטש אין איין שטאָט.

— נו, אדרבה. כ׳האָב אייך דאָך געזאָגט: קומט צו פאָרן, וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג אַריין, איבער גרענעצן. עס לוינט דאָ נישט צו בלייבן אין אַלע הינזיכטן. פּוילן וועט בלייבן אַ לאַנד אָן יידן.

וויס האָט זי באַגלייט ביזן סאַמע האָטעל. די גאַסן און הינטער־געס־לעך זענען געווען סומנע, ווי אויסגעשטאָרבן. די לאַמטערנעס זענען גע־ווען זעלטענער און זייער קאַרגער שיין האָט קוים אַ ביסל באַלויכטן זייע־רע אייגענע דלד אמות. אין דער פינצטערניש איז געווען פאַרגליווערט דער טרויער, וואָס נאָך אַ חורבן.

ביים אַריינגאַנג פון האָטעל האָבן זיי זיך געזעגנט.

— זייט געזונט, חבר ישראל!

— מיר זעען זיך זיכער, סאַרע! פאָרט געזונטערהייט!

ער האָט איר געדריקט ביידע הענט און אין דעם דריק אַריינגע־

לייגט אַ שטיק האַרץ. זי האָט עס געפילט און אָנגענומען פֿאַר נאַטירלעך, בעת ער האָט זי אין לעצטן אויגנבליק אַ קוש געטאָן אין די ליפּן.

מיט פּאַמעלעכע טריט האָט זיך ווייס געשלעפּט איבער די פּוסטע גאַסן צו זיך אַהיים. ווי משונהדיק עס שפּילט מיט אים דאָס לעבן, האָט ער געטראַכט. עס וואַרפט אים שוין זינט יאָרן אין ווילדע, אומגעריכטע סיטואַציעס. אין דער רגע האָבן ביי אים געבראַוזט געמישטע געפילן: פון איין זייט איז ער פּלוצלינג אויפגעוועקט געוואָרן דורך סאַרען ווי פון אַ לאַנגן, קאַלטן דרימל, און פון דער אַנדערער זייט ליגט אים ממש ווי אַ שטיין אויפן האַרץ פרוי זילבער מיט איר צו־גוטער באַציִונג צו אים. דערצו נאָך די היינטיקע אומגעריכטע פּריקרע באַגעגעניש מיט איר אין קאַפּע ביים בופעט. כאָטש אין תוך גענומען איז ער דאָך לגבי איר אין בעס־טער אָרדענונג: אַפילו דאָס טיפסטע געפיל פון דאַנקשאַפט האָט דאָך אויך זיין גרענעץ. ס׳איז דאָך נישט זיין שולד, וואָס ער פילט נישט צו איר עפּעס מער ווי גוטע פריינטשאַפט.

ער האָט זיך שטיל, ווי אַ גנב, אַריינגעשלייכט אין זיין צימער, כדי נישט אויפצוּוועקן פרוי זילבער און כדי איר נישט צו דערמאָנען וועגן זיין עקסיסטענץ.

עטלעכע טעג נאָך דעם „צופאַל“ האָט פרוי זילבער כמעט ווי אויס־געמיטן מיט אים אַריינצוגיין אין אַ שמועס. ווייס האָט געפילט בחוש, אַז זי איז אויף אים אָנגעשטויסן. מיט דער צייט אָבער איז איר אָנגעכמו־רעטקייט פאַרביי: אַ פּנים, אַז זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון — קיין נאַר איז זי דאָך נישט — אַז ברוגז וועט סיי־ווי־סיי צו גאָרנישט ברענגען. זי האָט זיך פּשוט געמאַכט פאַרגעסן פון דער גאַנצער זאַך און אים קיין שום אַלוזיע נישט געמאַכט. גלייכער עס איגנאַנצן צו איגנאָרירן.

זיי פלעגן ווידער — אמת, זעלטענער ווי ביז אַהער — עסן צוזאַמען אָוונטברויט און אין אַ פרייען אָוונט פאַרברענגען אין קאַפּע, צי אין קינאָ, און אַפילו זיצנדיק אין דער זעלבער קאַפּע, ווו ס׳איז פאָרגעקומען יענע נישט־אָנגענעמע באַגעגעניש און ווו עס וואָלט געווען נאַטירלעך פון איר זייט צו דערמאָנען זיך און פרעגן וועגן יענער פרוי, ווער זי איז און פון וואַנען זי האָט זיך פּלוצלינג גענומען, — אַפילו דאָ אין קאַפּע האָט אים פרוי זילבער מיט קיין וואָרט נישט מרמז געווען, ווי קיין מאָל גאָר־נישט געווען...

יב

איין מאָל קומט ווייס אַהיים מיט אַ נייס:

— איר ווייסט, פרוי זילבער, איך פאָר אַוועק. כ׳האָב זיך שוין אַפילו אָפּגעזעגנט מיט מיין טאַטנס קבר.

— וואָס הייסט? וווהין?

— די פּאַרטיי שיקט מיך אויף אַרבעט קיין נידערשלעזיע.

— וואָס עפּעס? איר טוט נישט גלייך. דאָ איז פאַרט אַ רעזידענץ, אַ צענטער.

— איר ווייסט דאָך, כ׳בין אַ דיסציפּלינירטער פּאַרטיי־מענטש.

— איר פאָרט אויף לאַנג?

— כ׳ווייס נאָך נישט, אויף וויפל מען וועט מיך דאָרט דאַרפן.

פרוי זילבער האָט קיין סך נישט אָפּאָנירט. לויט זיין באַציִונג צו איר אין דער לעצטער צייט איז געווען נאַטירלעך צו דערוואַרטן אַזאַ „סיור־פּריז״. אין האַרצן האָט עס איר אָבער געקרענקט און אויך אויף איר פּנים האָט ווייס דערקענט אַ מאַסקירטע גרימאַסע פון פּאַרדרוס.

— איר פאַרשטייט... — פּרוווט ער זיך פאַרענטפערן — די פּאַרטיי האָט ווייניק אַקטיווע מענטשן. נישטאָ פּשוט וועמען צו שיקן.

— פאַרפאַלן... אַז מען מוז לעבן פאַר דער פּאַרטיי, איז נישט שייך...
— באַמערקט זי מיט איראָניע.

פון דעסטוועגן ביים אָוונטברויט האָט זיך די שטימונג אַ ביסל געביטן צום בעסערן. ס׳איז ביים טיש געוואָרן הייטערער. פרוי זילבער האָט אַפילו געשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל ליקער.

— וואָס עפּעס טרינקען אין אַ מיטן מיטוואָך? — פרעגט ווייס.

— איר זענט דאָך שוין אַ גאַסט. און מיט אַ גאַסט מעג מען אויס־טרינקען.

— אין וועלכער שטאָט אייגנטלעך פאָרט איר? — פרעגט זי אין אַ ווײַלע אַרום.

— מסתמא קיין וראָצלאַוו. כ׳ווייס נאָך נישט אַזוי גענוי.

— וראָצלאַוו איז אַ שטאָט פון גאָלע חורבות. — באַמערקט זי — איך וואָלט נישט געקאָנט וווינען אין אַזאַ שטאָט.

— און וואַרשע איז דען ווייניקער חרוב? אגב, עס קומען אַהין אָן

מיט יעדן טאָג פרישע מענטשן. אַלע עשאַלאָנען פון רוסלאַנד גייען איצט קיין נידערשלעזיע.

— פיין, פיין.

„אָרעמע סאָניע זילבער! אויך דו, קלוגע פרוי, קאָנסט זיך נישט אָנ־שטויסן...״ — האָט וויס גערעדט צו איר אין געדאַנק.

נאָכן אָוונטברויט האָט וויס פאָרגעלייגט מ׳זאָל אַריינגיין אין אַ קינאָ, כדי אויסצומיידן איבעריקע, נישט אָנגענעמע שמועסן. אין קינאָ מוז מען דאָך קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויפן עקראַן. נאָכן קינאָ זענען זיי נאָך אַריין אין קאַפע. ס׳איז נאָך געווען פרי. אַלע טישלעך זענען געווען פאַרנומען. ס׳איז פונקט געווען עפּעס אַ חגא־טאָג. דער אָרקעסטער האָט זיך באַזונדערס געפּלייסט, שפּילנדיק לייכטע מוזיק — אַלטע פאַר־מלחמהדיקע וואַרשעווער טאַנגאָס און באַקאַנטע מאָטיוון, וואָס מ׳פלעגט זינגען אין וואַרשע בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע. גרויס בייפאַל האָט נאָך געהאַט דאָס פּאָפּולערע קופּלעטן־ליד „וואַרשאַווּאַ״, וואָס איינער פון אָרקעסטער האָט געזונגען.

וויס האָט דעם אָוונט זיין ציל דערגרייכט: ס׳איז אים געלונגען אָפּ־צוווענדן פרוי זילבערס אויפמערקזאַמקייט אויף זייטיקע זאַכן.

אין טאָג פון אָוועקפאָרן האָט וויס געמאַכט פאַר פרוי זילבער נאָך אַ „סיורפּריז״: אָנשטאָט איר אָפּצוצאָלן דעם חוב — וואָס ער איז שוין איצט געווען ביכולת צו טאָן, נאָר האָט אַלץ קיין פּאַסיקע געלעגנהייט נישט גע־האָט — האָט ער זיך געקליגלט, כדי זי נישט צו שאָקירן און מעשה דזשענטלמען איר געבראַכט אַ מתנה — אַ שיינע ברילייאַנטענע בראָשקע, וואָס האָט זיכער געהאַט דעם ווערט פונעם חוב, אויב נישט מיט אַן עודף. פרוי זילבער האָט פּראָטעסטירט:

— צו וואָס האָט איר זיך געלאָזט אַזוי פיל קאָסטן? צו וואָס איז עס נויטיק?

— איר פאַרדינט דעם אָנדענק, פרוי סאָניע! איר האָט דאָך מיר אַרויס־געוויזן אַזוי פיל גוטסקייט! אגב: איר האָט דאָך אייער בראָשקע געמוזט פאַרקויפן.

פרוי זילבער האָט די בראָשקע גענומען, אָבער מיט אַ געפיל פון ווי־דערווילן. נישט נעמען האָט זי נישט געקאָנט, ווייל זי האָט נישט געוואָלט וויסן באַליידיקן. דעם ווידערווילן האָט זי געהאַט נישט מחמת די בראָשקע

איז איר נישט געפעלן געווען; אדרבה, זי איז געווען אַן אָריגינעלע און פון גוטן געשמאַק; אין אָריענטאַלישן סטיל. דאָס בריליאַנטל אין איר סאַמע מיט האָט געהאַט אַ סובטעלן בלויען גלאַנץ. דאָך ווייס סאָניע פּאָרויס, אַז זי וועט די בראָשקע נישט טראָגן, אפשר קיין מאָל נישט טראָגן. די דאָזיקע בראָשקע איז ביי איר ווי אַן איבעריקער אַטעסטאַט פון איר וויסטן, צעבראָכענעם לעבן — — —

און פרוי זילבער האָט דאָס קליינע, קאָלירטע שאַכטעלע מיט דער בראָשקע פאַררוקט ערגעץ אין אַ שופלאָד.

***

נאָך ווייס' אַוועקפאָרן איז אין פרוי זילבערס וווינונג געוואָרן נאָך פוסטער, נאָך עלנטער.

ווייס ווידער איז אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע — פון דער שטאָט פון חורבות — מיט אַן אייביקן טרויער, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגענומען אין די מדבריות פון געטאָ. אמת, די שאָטנס, ווייס ער, וועלן אים תמיד באַגלייטן אין לעבן... אָבער פון דער אַנדער זייט האָט ער אויך געהאַט אַ געפיל פון דערלייכטערונג, באַפרייט ווערנדיק פון אַ פּלאָנטער, אין וועלכן ער איז בּיסלעכווייז, קעגן זיין ווילן, אַריינגעצויגן געוואָרן... דאָס מאָל האָט ער קלאָר געוווסט וווהין ער פאָרט, וווהין און צו וועמען...

פּאַריז, 1949.

פון
דרױקע
צײַטן

אין א חופה-נאכט

(פון ציקל: „אין דער אַלטער היים״)

א

דוד און רחל האָבן זיך געקענט פון דער ווייטן. זעלטן ווען איז זיי אויסגעקומען אַ וואָרט אויסצורײדן איינער מיטן אַנדערן. זיי פלעגן זיך צופעליק אַמאָל טרעפן אין דער ביבליאָטעק און זיך טוישן מיט אַ פּאָר ווערטער. נישט מער. פון אים האָט אַרויסגערעדט די גאווה פון אַ גבירישן בחור. שטאַמט ער דאָך פון אַ שטוב, וווּ מ'האָט תמיד געגעסן צו דער זאַט און זיך אָנגעטאָן לייטיש, און זי, רחל, איז געווען אַ באַשיידן מיידל, אַ יתומה אָן אַ טאַטן, האָט געלעבט מיט אַן אָרעמער מאַמען אַן אַלמנה אין אַן אביונדיקער הייזקע עק שטעטל. רחל איז געווען אַ שנײדערין — די איינציקע שפּייזערין אין שטיבל. דער שווערער יאָך אויף אירע יונגע אַקסלען האָט זי דערשלאָגן, אויסגעבלייכט איר געזיכט. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חן און איידלקייט אין איר גאַנץ וועזן. פיסלעך שלאַנקע, ווונדערלעך שיין־געטאָקטע. אירע שוואַרצע אויגן האָבן אין זייער טיפקייט געהאַט אַזעלכע פּייערלעך, וואָס ווער עס האָט זיי איין מאָל געזען, האָט זיי שוין נישט געקאָנט פאַרגעסן. נישט אומזיסט רופט מען זי אין שטעטל: „די שיינע רחלע״... אַפילו דער גרויסהאַלטער דוד, אַז ער פלעגט זי טרעפן אין גאַס, פלעגט ער ציִען דעם הוט נאָך פון דער ווייטן און גריסן זיך צו איר מיט אַ באַזונדער ליבלעכן שמייכל.

רחל איז געווען תמיד אַ פאַרנומענע מיט איר אַרבעט. אין אָוונט איז איר איינציקע טרייסט געווען — דאָס בוך. דאָס בוך האָט פאַר איר צעעפנט די וועלט... נאָכן אָנלייענען זיך — אויב די נאַכט איז געווען אַ שיי־

נע — פלעגט זי זיך אַרויסכאַפּן אַ ביסל שפּאַצירן איבערן וועג, וואָס היני־טער זייער שטיבל.

איין מאָל אויף אַזאַ שפּאַציר, אין אַ זומערדיקן אָוונט, איז איר אויפן וועג אַנטקעגנגעקומען דוד. אויך ער איז געווען אַליין און איר האָט עס געחידושט. ווי קומט ער אַהער?

— גוט נ׳אָוונט אייך, רחל! — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. — פאַרוואָס עפּעס אַליין?

— דאָ איז דאָך מיין וועג. נעבן מיין שטוב.

— האָט איר גאָר קיין מורא נישט? אַ מיידל איינע אַליין. ביינאַכט.

— נישטאָ ביי אונדז קיין גזלנים, — ענטפערט זי שפּאַסיק.

— אויב איר האָט נישט דאַקעגן, וועל איך אייך באַגלייטן. איך בין דאָך אויך נישט קיין גזלן...

רחל האָט זיך צעלאַכט. זי האָט גענומען שטעלן ווייטער אירע טריט. ביי דער זייט איז שוין מיטגעגאַנגען דוד.

דער גאַנצער אַרום איז געווען איינגעהילט אין אַ טונקעלער בלויקייט. שטיל און פאַרחלומט האָט אַלץ געדרימלט אונטערן שווייגעוודיקן הימל און די ווייטעניש האָט שטום געצויגן מיט איר טונקעלן אין־סוף... אין איין זייט האָט אַ וועלדל געפינצטערט און צווישן די טונקל־פאַרטראַכטע פעלי־דער און לאָנקעס האָט דאָס וועלדל אויסגעזען ווי אַ געהיימער פּאַלאַץ פון פאַרשלאָסענעם גליק.

— איר ווייסט, — זאָגט דוד, — איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געזען דורך אייער פענצטער אין אָוונט. איר זיצט איבער אַ בוך און ווייסט גאָרנישט אַז עמעצער זעט אייך. עמעצער אַ בלאָנקענדיקער איבער די שטילע נאַכטיקע געסלעך.

— אַזוי גאָר? צוליב וואָס טוט איר דאָס?

— אָט אַזוי. אייך פאַרדריסט?

— די פאַרהאַנגלעך ביינאַכט נישט פאַרהאַנגען, איז מען ווי אויף דרויסן.

— איז עס פאַר מיר בעסער, וואָס איך קאָן אייך זען... — רעדט ער סודותדיק.

— וואָס פאַר אַ גליק, אַז איר זעט מיך?

— אפשר יאָ אַ גליק.

גייען זיי ווייטער אין שווייגעניש אויף דעם שטילן וועג אין דער טונקע־לער בלויקייט אַריין. ער וואַרפט אויף רחלען זייטיק זיינע בליקן. עס גלוסט זיך אים אָנהייבן ריידן מיט איר גאָר היימיש, פריינטלעך, ווי אַלטע באַ־קאַנטע. פון איר באַחנטקייט און צאַרטקייט שטראָמט אַ מין כישוף. ער פילט, אַז אונטער איר זומערדיק ווייס בלוזקעלע צאַפּלט און שלאָגט איר יונג מיידלש האַרץ.

— גוט, וואָס איר זייט אַרויסגעקומען... — זאָגט דוד.

— פאַרוואָס איז עס אַזוי גוט? — שפּילט זי זיך מיט אים.

— ווייל איך האָב געוואַרט.

רחל האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט חשד.

— איר שפּאַסט מסתמא, — שמייכלט זי. — איך זע אייך דאָך אַמאָל שפּאַצירן מיט גאָלדען, מיט שמואל דעם וואַלד־סוחרס טאָכטער. וואָס טויג אייך די אָרעמע רחל?

— מיט גאָלדען? גאָלדע איז סתם אַ באַקאַנטע. גאָר זעלטן זע איך זי. מאַלע וואָס מ׳טרעפט זיך צופעליק.

— אַזוי ווי, אַ שטייגער, מיט מיר, דאָ? — שמייכלט רחל.

— ניין, רחל, מיט אייך איז עפּעס אַנדערש.

— ווי אַנדערש?

— אויף אייך וואַרט איך שוין לאַנג. אייך וויל איך זען.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, דוד! איר זייט פאַר מיר אַ רעטעניש.

— נעמט אויף מיינע רייד פּשוט. גלויבט, רחל!

דער ערנסטער אויסדרוק אויף זיין פּנים, דער באַהאַרצטער טאָן פון זיין שטים האָט טאַקע רחלען געמאַכט גלויבן אין זיינע רייד.

זיי זענען דערגאַנגען ביז אַ גרויסער קופּע שטיינער ביי דער זייט פון וועג. פאַר רחלען איז עס געווען די גרענעץ. דאָ ווייס זי, אַז מען דאַרף זיך אומקערן און זי זאָגט עס אים.

— מיר קאָנען זיך דאָ אַ ביסל צוזעצן, — האָט דוד פאָרגעלייגט און זיך דער ערשטער אַ זעץ געטאָן אויף אַ גרויסן גלאַטן שטיין.

— איר זייט מיד? — פרעגט זי.

— דאָ איז זייער גוט צו זיצן. פון דאַנען זעט מען די גאַנצע שיינקייט פון אַרום. דאָ איז פאַראַן אויך פאַר אייך פּלאַץ, זעצט זיך צו, רחל.

רחל האָט לכתחילה זיך געקווענקלט. נאָר באַלד האָט זי זיך אַנידער־געזעצט.

— יאָ, טאַקע שיין דאָ דער אַרום. ס׳אַראַ ווונדערלעכע נאַכט! — רופט זי אויס און פאַרטראַכט זיך.

דוד האָט נישט אַראָפּגענומען די בליקן פון רחלען, און רחל, פילנדיק זיינע כסדרדיקע בליקן אויף זיך, האָט געשאַרט מיט אַ צווייגל איבערן גראָז.

רייסט איבער דוד איר פאַרטראַכטקייט:

— איר ווייסט וועגן וואָס איך טראַכט איצט?

— וועגן וואָס, אַ שטייגער?

— איך טראַכט... איך טראַכט וועגן אייך. און נישט נאָר איצטער...

— לאָכט נישט, — האָט רחל פאַרשעמט אַרויסגערעדט, שאַרנדיק ווייטער מיטן צווייגל איבערן גראָז.

— איך לאַך נישט, רחל. איר גייט באמת מיר נישט אַרויס פון זינען.

ביי רחלען האָבן זיך געביטן די קאָלירן אויפן געזיכט. זי האָט ווי בגנבה אַ קורצן בליק געטאָן אויף דודן — ער איז געווען ערנסט, זיינע בליקן איינגעגראָבן אין איר. אַזוי קוקן פאַרליבטע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דוד אָנגעלענט זיין קאָפּ אָן איר אַקסל און זי אָנגענומען ביים אָרעם. רחל האָט אַ ציטער געטאָן. ס׳איז פאַר איר געווען אַזוי אומגעריכט. זי האָט אינסטינקטיוו געפּרוּווט באַפרייען פון זיין האַנט איר אָרעם, אָבער זיינע פינגער זענען געווען פיבערדיק איינגעקלאַמערט.

— אָבער זיצט גלייך, דוד! — האָט זי אָפּגערוקט איר אַקסל פון זיין קאָפּ. — אַ ביסל צו שנעל, דוד.

עס האָט איר געקוועלט אַ מאָדנער געפיל: די דיסטאַנץ צווישן אים און איר! וועט ער דען קאָנען אַריבערשפּרייזן אָט די דיסטאַנץ? זי — אַ קינד פון דער אָרעמשאַפט און ער — דער גבירישער בחור, אַ טאַטנס אַ זינדל.

— איר ווייסט? צי פאַרטראַכט איר זיך? כ׳בין דאָך אַן אָרעם מיידל.

— איז וואָס?

— נישט גלייך.

— איך קוק נישט דערויף.

— אָבער אייערע עלטערן? וועלן זיי נישט שטורעמען?

— מיך אַרט עס נישט.

— צי טראַכט איר, דוד, וואָס איר רעדט?

דוד האָט אָנגענומען איר ווייס הענטל, אַ קוש געטאָן אירע פינגער און מיטן גאַנצן האַרצן אַרויסגערעדט — שוין אויף „דו״:

— רחל, גלויב! מיך אַרט גאָרנישט, גאָרנישט!

רחל איז געוואָרן ווי באַרוישט פון זיינע אומגעריכטע רייד. דאָס האַרץ האָט איר האַסטיקער געקלאַפּט פון דעם נישט־געאַנטן און ווילד־פרעמדן גליק, וואָס האָט זי געשראָקן און געטרייסט צוזאַמען — — —

ב

פריידיק צעגרינט איז געווען דער זומער. ליכטיקע זוניקע טעג און בלויע סודותדיקע נעכט. רחל איז געוואָרן פאַרטראַכטער פון טאָג צו טאָג. טיף אין אירע אויגן האָט אַ שטיל הייליק גליק געשפּילט.

ווי נאָר דער פאַרנאַכט פלעגט זיך דערנענטערן, פלעגט רחלס האַרץ אָנהויבן קלאַפּן האַסטיקער און אירע באַוועגונגען פלעגן ווערן אומרויִקער, איילעוודיקער. דעם שטאָף, וואָס זי האָט געהאַלטן אין מיטן דער אַרבעט, האָט זי פלינקער מיט דער נאָדל דורכגעשטאָכן און פון איילעניש אָפּט מאָל אַ פינגער צעבלוטיקט. האָט זי אויף דער מאַשין געשטעפּט, האָבן זיך די רעדלעך געדרייט מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט און דאָס גערויש איז געוואָרן שטאַרקער, האַסטיקער. זי איז מיטן בליק נאָכגעלאָפן דער טאַנצנדיקער מאַשין־נאָדל און אין דראָבנעם רויש פון ניי־מאַשין האָט זיך אויך איר בענקענדיקע שטים איינגעוועבט:

די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
איר שיין איז שוין נישטאָ,
איך ניי און ניי...

איז נאָר טונקל געוואָרן, איז שוין רחל געווען אַן אָפּגעוואַשענע, אַ פאַרקעמטע און מיט שטראַלנדיקע בליקן פלעגט זי זיך אַוועקלאָזן היִנטער זייער כאַטע, אויפן וועג, וואָס ציט זיך ווייט, ווייט. אַז זי פלעגט אָפּגיין אַ שטיקל וועג, פלעגט איר שוין אַנטקעגנקומען דוד. און ביידע פלעגן אַוועק־שפּאַצירן מיט זייטיקע שטעגלעך, אָפּגעזונדערטע פון דער גאַנצער וועלט.

קליינער פון שטעטל האָט זיי כמעט קיין מאָל נישט באַגעגנט און מ׳האָט נישט געוווּסט פון זייערע אָוונטיקע באַגעגענישן. פלעגט זיי אַמאָל אָנ־טרעפן אַ פויער מיט פאַרוואָרפענע שטיוול אויף די פּלייצעס, וואָס פלעגט גיין צוריק אַהיים פונעם שטעטל, פלעגט ער נאָר אַ זאָג טאָן אַ הכנעהדיקן „דאָברי וויעטשער״ און זיך פאַרבייגיין ווייטער מיט די שטילע באָרוועסע טריט.

אַז דוד האָט זי ליב — איז ביי רחלען קיין ספק נישט. דאָס דערציילן איר זיינע אויגן, זיינע צערטלעכע רייד. און זי, רחל — זי האָט אים אויך שטאַרק ליב באַקומען. עפּעס שפּירט זי זיך מיט אים זיכערער, נישט אַזוי יתומהיש. נאָר צי וועט פון דעם „עפּעס״ אַרויסקומען? זי — אַן אָרעמע יתומה און ער... דאָס גבירישע זינדל. אַ זון פון ר׳ וועלוול דעם גבאי; דעם גרויסן סוחר, וואָס האָט דעם שענסטן מאַנופאַקטור־געשעפט אין שטעטל. וועט ער עס דען דערלאָזן, אַז צווישן איר מיט דודן זאָל „עפּעס״ אַרויס־קומען?

איין מאָל האָט זי אים געפרעגט:

— איז עס נישט מער ווי אַ שפּיל?...

דוד איז געוואָרן ערנסט און ווי באַליידיקט געענטפערט:

— רעדסט ווי אַ קינד.

האָט אים רחל געגלויבט. געגלויבט און נאָך מער פאַרליבט געוואָרן. דוד איז אויף קיין רגע פון איר געדאַנק נישט אַרויס. נישט פון געדאַנק און נישט פון האַרץ.

רחל איז געוואָרן לוסטיקער. עפּעס האָט זי אַזוי ליב באַקומען דאָס לעבן און איר האָט ממש הנאה געטאָן, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן אויף גאָטס וועלט. שטענדיק פאַרקלערט, פאַרחלומט. אַז די מאַמע רעדט צו איר — דערהערט זי נישט מחמת פאַרטראַגנקייט. אויב פריִער פלעגט זי ביי דער ניימאַשין אונטערזינגען טרויעריקע לידער, פאַרקלינגען שוין איצט אין שטיבל אירע מונטערע געזאַנגען, מיט באַזונדערער הייטערקייט האָבן געקלונגען ביי איר די סטראָפן פון „מאַרגאַריטקעס״:

אין וועלדל ביים טייכל, דאָרט זענען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך, עלנט און קליין —
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע טראַ־לאַ־לאַ־לאַ...

אויפן פרימאָרגן פלעגט זיך רחל אויפכאַפּן זייער פרי. זי ליגט אין בעט און אויפן האַרצן איז אַזוי גוט, אַזוי זיס. די זון רוקט זיך אַלץ העכער אויפן הימל. דאָס דרויסן אַזוי לויטער און קלאָר. דער זומער אַזוי הערלעך צעגרינט, צעשטראַלט. און דאָס האַרץ קוועלט אָן פון פולער פרייד און דערוואַרטונג: ס'וועט היינט אויך קומען אַן אָוונט. און ווידער דוד... ווידער דוד...

ג

די זוניקע, פריידיקע טעג פון זומער זענען שוין אַוועק.

האַרבסט־צייט האָט זיך געמאַכט, אַז רחל האָט דודן נישט געזען שוין העכער אַ וואָך צייט. עס האָט גראָד גערעגנט און צו איר אין שטוב פלעגט דוד קיין מאָל נישט קומען, און זי צו אים — אַוודאי נישט. דאָך האָט עס רחלען געחידושט: קאָן ער אָן איר אויסקומען? אַפילו איין טאָג, ווען עס האָט נישט גערעגנט, האָט זי אים אויך נישט געזען. זי איז אַרויס אויף יענעם וועג, וווּ זיי פלעגן זיך תמיד באַגעגענען; אָבער דוד האָט זיך נישט געוויזן. איז זי געוואָרן אומרויִק.

איין מאָל קומט די מאַמע פון גאַס מיט אַ נייס: דוד האָט געשריבן תנאים מיט שמואל דעם וואַלד־סוחרס טאָכטער, גאָלדע. דער מאַמען איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז פאַר רחלען איז עס אַ פינצטערע בשורה. רחל האָט גאָרנישט איבערגעפרעגט. אַ בלאַס געוואָרענע האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט אין אַלקערל און געשטיקט זיך מיט אַ כליפּעריי, די מאַמע זאָל גאָרנישט באַמערקן. מחשבות האָבן זיך ביי איר געדרייט ווי אַ ווינט. ווי איז עס מעגלעך? דוד? דוד? זאָל עס אמת זיין? דאָס האַרץ וויל נישט גלויבן.

פאַרנאַכט האָט זיך אויסגעלייטערט. אַ שיינער אָוונט געוואָרן. אין אַזאַ אָוונט וואָלט דוד זיכער געדאַרפט קומען. איז זי אַרויס אויפן וועג, געדרייט זיך הין און צוריק, געוואַרט, געוואַרט — ער איז נישט אַרויסגעקומען. נישטאָ דוד...

ס'איז געוואָרן שפּעטלעך. זי איז איינע אַליין אויף דעם ליידיקן וועג. זי דערפילט אַזאַ נאָגנדיקע קלעמעניש אויף דער נשמה. עס טרייסטן איר נישט די ווערבעס ביים זייט פון וועג, דער שווייגעוודיקער בלויער הימל, די צעפינקלטע שטערן. עס איז איר קיין זאַך נישט ניחא. און פון גרויסן

ווייטאָג האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט. פריי זיך צעוויינט און טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער אירע באַקן. קיינער האָט אין דער איינזאַמקייט פון דער זומער־נאַכט נישט געשטערט איר געוויין.

נאָכן אויסוויינען זיך האָט זי אַ פאַרקלעמטע אַוועקגעשפּאַנט אַהיים.

אין שטוב האָט זי ווידער אָנגעצויגן אַ מאַסקע אויפן פּנים, כדי די מאַמע זאָל גאָרנישט באַמערקן. די מאַמע האָט ווידער גערעדט וועגן שידוך צווישן דודן און גאָלדען. דערביי האָט זי אַרויסגעזאָגט די השערה:

— שמואל וועט אים אַוודאי צונעמען צום וואַלד־מסחר.

רחל האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן דער מאַמען אין די אויגן אַריין.

צומאָרגנס איז רחל — מחמת קאָפּ־ווייטאָג — אָפּגעלעגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט און אויסגעמיטן צו ריידן מיט דער מאַמען. ערשט אין אָוונט האָט זי זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס זיך אַ ביסל אָפּפרישן. זי איז אינסטינקטיוו אַרויס אויף יענעם וועג. די פּיס האָבן זי בלינד אַהין געטראָגן. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף יענעם גרויסן גלאַטן שטיין, וואָס אויף אים האָט זי אָפט גליקלעכע שעהן מיט דודן פאַרבראַכט. אירע בליקן האָבן געקוקט צום שטעטל, צום באַקאַנטן וועג. געקוקט, געקוקט — כאָטש זי האָט שוין געוווּסט אויף זיכער, אַז דוד וועט זיך נישט ווייזן.

רחל האָט אויפן שטיין געחשבונט אין זינען: וויפל צייט האָט געדויערט דודס ליבע? נאָר געציילטע חדשים. אָבער צי האָט ער זי טאַקע באמת ליב געהאַט? אויב יאָ — טאָ ווי איז עס מעגלעך, אַז אַלץ זאָל זיך אַזוי פּלוצלינג איבעררייסן?

ניין, דוד האָט זי גאָרנישט ליב געהאַט. זי איז געווען ביי אים נאָר אַ שפּילעריי. זיינע צערטלעכקייטן, זיינע קושן — נישט מער ווי אַ שפּיל.

און ווי וועט עס איצט זיין? דאַכט זיך איר, אַז אין איר טראַכט קומט לעצטנס פאָר עפּעס אַן ענדערונג. עפּעס האָט זי אַ חשד... איז ווי זשע קאָן ער עס איצט נישט קומען? זי איבערגעלאָזן אַליין? אַליין מיט איר שרעקלעכן סוד? — — — —

רחלען ווערט ענג אין האַלדז. עס שטיקט, ווערגט. נאָר אַ פרישער שטראָם טרערן האָט איר געבראַכט דערלייכטערונג.

און די שטילע נאַכט האָט איינגעזאַפּט אירע טרערן.

ד

רחל האָט געדאַרט ווי אַ בוים אויף אַ פּוסטן פעלד. מיט יעדן טאָג איז זי געוואָרן אַלץ בלאַסער. די באַקן איינגעפאַלן — קיין טראָפּן בלוט. אירע אויגן האָבן באַקומען עפּעס אַ ווילדן בליק, ווי ביי אַ באַשעפעניש ווען מען פייניקט עס.

די מאַמע האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז דיר, רחל?

קיין ענטפער.

— זע ווי דו ביסט בלאַס!

— לאָז מיך אָפּ, מאַמע.

זעענדיק רחלס עקשנות, האָט זי די מאַמע אָפּגעלאָזט מיט אירע פראַגן, אָבער בשתיקה האָט זי נאָכגעשפּירט יעדע באַוועגונג אירע. און באַמערקט האָט זי, ווי רחל זיצט אָפּ גאַנצע שעהען אין אַלקערל אָן אַ שטאָך אַרבעט, קוקט אַרויס אין פענצטער, לייגט זיך, שטייט אויף און געפינט זיך קיין אָרט נישט. דער מאַמען האָט עס געפייניקט: עפּעס האָט דאָך פּאַסירט מיט איר רחלען. פאַרוואָס רעדט זי גאָרנישט מיט איר? זי, די מאַמע, די וויסטע אלמנה, מעג דאָך וויסן וואָס עס טוט זיך ביי דער איינציקער טאָכטער. דאָס האַרץ איז דאָך תמיד אַזוי אָנגעווייטאָגט. נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. די טאָכטער איז דאָך די איינציקע נחמה. איז פאַרוואָס זשע שוויגט זי, רחל? פאַרוואָס זאָגט זי גאָרנישט?

איין מאָל ביינאַכט האָט די מאַמע דערהערט רחלס פאַרשטיקט כליפּען פון אַלקערל. זי איז גלייך אַראָפּגעלאָפן אָן איבערגעשראָקענע און אַריין אַהין.

— וואָס איז דיר, רחל?

זי האָט אין איילעניש אַרויפגעדרייט דעם לאָמפּ און דערזען ווי רחל ליגט איינגענורעט מיטן קאָפּ אין קישן. איר קערפּער ציטערט ווי אַ בלאַט.

— רחל! רחל! טאָכטער מיינע!

און די מאַמע האָט זיך אַליין אויך צעוויינט. באַלד פרעגט זי ווייטער:

—רחל, ביסט אפשר חלילה קראַנק?

— לאָז מיך אָפּ, מאַמע!

— ניין, רחל, זאָג! זאָל איך אפשר לויפן נאָכן רופא?

— כ׳בין געזונט!

די מאַמע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעטל און געפֿרעגט שוין מיט אַ רויִקערער שטים:

— טאָ פֿאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי שלעכט?

— כ׳ווייס נישט, מאַמע.

— פֿאַרוואָס, רחל, זיצסטו אין אָוונט אין שטוב? פֿלעגסט דאָך שטענדיק גיין שפּאַצירן מיט חברטעס?

די מאַמעשע נאַיִווע קשיות האָבן זיך געשאָטן און רחל האָט געשטומט. וואָס האָט זי איר געקאָנט ענטפֿערן? אדרבה, ווען זי דערציילט איר דעם אמת, וואָלט דאָך דער מאַמען נעבעך נאָך מער וויי געטאָן.

— גיי שלאָפֿן, מאַמע, ס׳איז מיר גאָרנישט.

די מאַמע איז אַוועק אַ פֿאַרקלעמטע און רחל איז ווייטער געבליבן מיט איר שטומען ווייטאָג, מיט אירע צעטראָגענע רעיונות.

„ווי עקשנותדיק דוד האָט עס קיין מאָל נישט געוואָלט אַריבערטרעטן זייער שוועל! — טראַכט איצט רחל מיט ביטערניש. — ער האָט כלומרשט נישט געוואָלט, אַז מ׳זאָל זי, רחלען, „באַריידן“ אין שטעטל. דערין אַליין זעט איצט רחל אַ נישט ריינע כוונה פֿון דודן צו איר. ער האָט זי קיין מאָל נישט גענומען ערנסט. ער האָט געטראָגן פֿאַר איר אַ מאַסקע. איצט פֿאַרשטייט זי שוין אַלץ.

ח

ביי ר׳ שמואל דעם וואַלד־סוחר האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה. מ׳האָט דעם בעסטן און שענסטן אויסשטייער פֿאַר דער כלה צוגעגרייט: קליידלעך און מאַנטלען פֿון סאַמעט און זייד; פּוכענע פֿערענעס און קישנס; אַ פּולער קופּערט מיט וועש, איבערצוגן, סערוועטן און אַנדערע באַלעבאַטישקייטן. סטאָליאַרעס האָבן געזעגט און געהובלעוועט און צורעכט געמאַכט אַ האַלבע שטוב, וואָס מען גיט אָפּ דעם יונגן פּאָרפֿאָלק נאָך דער חתונה. די כלה, גאָלדע, וואָס איז נישט געווען קיין צו גרויסע יפֿת־תּואר, איז פֿון נחת געוואָרן אַ ביסל שענער, איר פּנים שטראַלנדיקער, ליכטיקער. די לופֿט אין שטוב איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט פֿרייד און נחת. דער טאַטע פֿלעגט זיך שטום איבערקוקן מיט דער מאַמען ווי די טאָכטער פֿאַרברענגט

מיטן חתן — מיט דודן. אויפן טיש האָבן זיך געררויטלט קעגן העלן ליכט פונעם בליך־לאָמפּ גלעזער טיי. פּרוכטן און צובייסעכצן זענען פיין געלעגן אויסגעלייגט אויף אַ גרויסער ברוינער טאַץ.

***

איז אָנגעקומען דער טאָג פון דער חתונה.

ביי ר׳ שמואל דעם וואַלד־סוחר האָט מען געמאַכט פיבערדיקע הכנות: אין קיך האָט מען פון פרימאָרגן אָן געהאַלטן אין איין בראָטן און באַקן. צוויי געדונגענע קעכינס זענען געשטאַנען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, מיט פאַררויטלטע פּנימער און האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו פּאָרען. ס׳זענען געקוילעט געוואָרן אָן אַ שיעור הינער, קאַטשקעס און גענדז. די „קאַראַ־בעלניקעס״ פון שטעטל האָבן אָפּגעלעקט אַביינדל: ווו אָן עוף — האָט מען אַלץ אָפּגעקויפט, קיין פעדער נישט געלאָזט. כלי־זמר האָט מען אַראָפּגע־בראַכט די בעסטע. אַ קאַפּעליע פון זיבן פאַרשוין: אַ באַנדורע, טראָמפּייט, קלאַרנעט און פידלען.

אין שטעטל איז געווען אַן אויפלעבונג. אין יעדער שטוב האָט מען גערעדט וועגן דער היינטיקער גבירישער חתונה. ווייבער האָבן עס געטראָגן פון מויל צו מויל, פון שטוב צו שטוב, פון שכנה צו שכנה.

און אַלע „פּאָטשטן״ זענען אויך דערגאַנגען צו רחלס כאַטע...

און רחל... רחל איז כמעט דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין אָנטועכץ אויפן בעט. זי האָט זיך געגנורעט אין קישן, ווי זי וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן פון דער טאָג־ליכטיקייט. דער מאַמען האָט זי געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט איר שטאַרק וויי, עס ברעכן איר די ביינער און זי קאָן נישט זיצן ביי דער ניי־מאַשין. און ווען די מאַמע פלעגט אַריינגיין צו איר אין אַלקער און איר דערציילן וועגן דער היינטיקער גרויסאַרטיקער חתונה, וואָס מ׳גרייט ביי ר׳ שמואל דעם וואַלד־סוחר, פלעגט רחל באַהאַלטן דאָס פּנים טיפער אין קישן און מיט אַן אויער אויפמערקזאַם זיך צוהערן צו יעדן וואָרט פון דער מאַמען.

פאַרנאַכט איז רחל געוואָרן מאָדנע אומרויק. עפּעס אַ דורכדרינגענדי־קע קעלט איז אויף איר אָנגעפאַלן. ס׳האָט איר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. זי האָט נישט געקאָנט איינליגן אין בעט. ס׳האָט זי געהויבן צום פענצטערל, געטריבן צו דער אָפענער טיר.

שטייענדיק ביי דער טיר, האָט זי פּלוצלינג דערהערט אַ גערויש פון רעדער. עס זענען אָנגעקומען באַלעגאַלישע פורן מיט חתונה־געסט: מאַנס־בילן, ווייבער, יונג און אַלט. באַלד איז אויסגעוואַקסן אַ מחנה חדר־יינגלעך און איטלעכע פור, וואָס איז אָנגעפּאַרן מיט אַ שטויב־נעפּל הינטער זיך, האָבן זיי באַגלייט מיט אַ הילכיקן „צאן קדשים!".

ס'איז געוואָרן טונקל. רחל איז אַריין אין כאַטע. זי האָט זיך איינגע־הילט אין אַ וואָלענער טוך און זיך אַנידערגעזעצט ווי אַ פאַרגליווערטע ביים פענצטערל. קיין פייער האָט זי נישט געלאָזט אָנצינדן דער מאַמען. זי קוקט, קוקט אַזוי דורך די שייבלעך וויט אַריבער צו די טונקעלע פעל־דער. פינצטערער ווערט די ערד, שוואַרצער, אימהדיקער. דער הימל רוקט זיך אַראָפּ אַלץ נענטער צו דער ערד. די גרויע וואָלקנס גיסן זיך צונויף מיט דער טונקלקייט, און פון דער טונקלקייט ציט זיך עפּעס שווערס צו איר אין האַרץ אַריין און עס זייגט ווי אַ וואָרעם. אָט דאָרט אין דער ווייטנס, אויפן וועג, דערזעט זי פּלוצלינג דורכן פענצטערל ווי עפּעס אַ שאָטן שוואַרצט זיך. אַ שאָטן פון אַ מענטשן. „איז עס נישט אַמאָל דוד?" — בליצט דורך אין איר מחשבה. אָבער דער ניכטערער געדאַנק דערמאָנט איר גלייך, אַז אַזוי קאָן נאָר טראַכטן אַ נאַר. אַז היינט איז דאָך דודס חתונה מיט גאָלדען.

ס'איז געוואָרן שפּעט אין אָוונט.

פּלוצלינג האָט רחל דערהערט ווייטע אָפּקלאַנגען פון אַ שפּילעריי. „כלי־זמרים!" — טוט איר אַ ברי. זי האָט אָנגעשטרענגט דאָס געהער, זיך אויפגעריסן פון איר פאַרגליווערטקייט און, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, איז זי אַרויס פון שטוב.

אין דרויסן האָט זיך רחל נאָך מער איינגעהילט אין טיכל און מיט ציטערנדיקע קני זיך געלאָזט איבערן שטעטל. די גאַס, וווּ די חתונה איז געווען, האָט אויסגעזען יום־טובדיק. יונגוואַרג האָט אַרומגעשפּאַצירט, גע־רעדט הויך, געלאַכט. און די שטוב פון דער כלה איז ממש באַלאַגערט פון מענטשן. יונג און אַלט, קינד און קייט. רחל האָט נאָך מער אַראָפּגעלאָזט דאָס טיכל, כמעט איבער די אויגן, קיינער זאָל זי נישט דערקענען, און זיך אַריינגעשטופּט צווישן געדיכטן עולם. זי האָט געוואָרפן אַ בליק אין גבי־רישער שטוב, דורך די העל־באַלויכטענע פענצטער: אינעווייניק אַ רחבות. פול מיט חתונה־געסט. אַלע יום־טובדיק אויסגעפּוצט אין עסיק און אין

האַניק. אויבן־אָן זיצט אין אַ פֿאַטעל די כלה. אַ פּריידיקע, אַ שיינענדיקע ווי אַ בת־מלכה, אין אַ שניי־ווייסער מלכותדיקער גירלאַנדע. פֿוןביידע זייטן שטייען אירע חברטעס, אויך צעשטראַלטע און צעשמייכלטע.

פּלוצלינג דערהערט זיך צווישן עולם אַ הילכעריי פֿון קינדער:

— דער חתן! דער חתן! מען פֿירט שוין דעם חתן!

פֿון דער ווייטנס באַווייזט זיך אַ רעדל ייִדן אין שוואַרצן אָנגעטאָן און דאָס רעדל דערנענטערט זיך מיט יעדער ווײַלע: דאָס פֿירט מען שוין דעם חתן צו „באַדעקנס". אָט זעט מען שוין דײַטלעך: פֿאָרויס גייט דער חתן, אין אַ האַרטן קאַפּעליוש און שוואַרצן דרך־ארצדיק פֿאַרקנעפּלטן מאַנטל. פֿון איין זייט גייט דער מרא דאתרא פֿון שטעטל, ר׳ ברוך, אין אַ גרויסן רבנישן קאַפּעליוש, מיט זײַן הדרת־פּנים, און פֿון דער צווייטער זייט — דעם חתנס טאַטע, ר׳ וועלוול גבאי. די באָרד איז אים צעשפּרייט נחתדיק, ברייטלעך, הנאהדיק. הינטער זיי — אַ גאַנצער עולם חתונה־געסט, משפּחה־מענטשן און סתם שיינע ייִדן. אַלע גייען טריט ביי טריט, מיט אַ יום־טובדיקער שטאָלצקייט.

רחלען גלויבט זיך נישט, אַז אָט דער, וואָס גייט אָנגעטאָן אין האַרטן קאַפּעליוש, זאָל זײַן דוד. ניין, עס קאָן נישט זײַן, אַז דאָס זאָל ער עס טאַקע זײַן. ער איז נישט יענער דוד. ער איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרן. אויף זײַן פּנים ליגט איצט די גאַנצע גבירישע גאווה.

דער חתן, נאָך אים די געסט, זענען אַריין אין טיר. דער עולם פֿון גאַס איז צוגעלאָפֿן צו די פֿענצטער, כדי צוצוקוקן זיך צום „באַדעקנס". רחל איז געשטאַנען פֿון ווײַטן ווי אַ פֿאַרגליווערטע. פֿון שטוב האָבן זיך געטראָגן ראַשע טענער פֿון דער קאַפּעליע. אין די אויפֿגעפּלאָמטע אויגן האָט איר געברענט אַ טרער.

דער עולם פֿון שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסשיטן אויף דער גאַס און מען האָט זיך געלאָזט פֿירן דעם חתן צו דער חופּה נעבן דער שול. די קאַפּעליע איז געגאַנגען פֿאָרויס. אין דער לופֿטן האָבן געפֿינקלט פֿייערלעך פֿון פֿאַרשיידנפֿאַרביקע געפֿלאָכטענע ליכטלעך. די גאַסן, וווּ מ׳האָט דורכ־געפֿירט דעם חתן, זענען געווען שוואַרץ פֿון מענטשן. פֿון אַלע הייזער איז מען אַרויס אויף די שוועלן מיט אָנגעצונדענע לאָמפּן.

רחל איז געגאַנגען ביי דער סאַמע זייט פֿון עולם, אַן אײַנגעהילטע אין איר טוך, אַ פֿאַרגליווערטע פֿון ווייטאָג — ווי נאָך אַ לוויה.... אַלע ווילע

פלעגט זי צוליב דער שטיקעניש און שטופּעניש קריגן פון עמעצן אַ שטויס, און זי פלעגט זיך נאָך מער אָפּקערן און אָפּרוקן אַן אַ זייט. די פריילעכע טענער פון דער קאַפּעליע, די לוסטיקע קולות פון די קינדער האָבן זי גע־רייצט. און בעת־מעשה האָט זיך אָנגעצונדן אין איר אַזאַ שנאה צום גאַנצן טאַראַראַם. וואָס פאַר אַ בייז ווונדער אויף זיי אַלע? זי האָט זיי פיינט אַלע־מען, אַלעמען, פון גרויס ביז קליין, דעם גאַנצן נאַרישן עולם. זי וואָלט גאָר ערגעץ אַנטלאָפן פון דאַנען, אָבער זי קאָן עס נישט. עס האַלט זי ווי מיט צוואַנגען. אַדרבה, עס ציט זי רק נענטער, נענטער — צו אים, צו דודן.

זי שלאָגט זיך אַדורך אַ ביסל פאָרויס — אַזוי אַז זי קאָן אָנקוקן דעם חתן, יעדן ריר זיינעם, די גאַוהדיקע פאַמעלעכע טריטלעך זיינע. עס בריט איר ממש: ווי ער גיט דאָס גאָר קיין ריר נישט דעם קאָפּ אַן אַ זייט! פון וואַנען האָט זיך עס גענומען צו אים אַזאַ עגאָיזם, אַזאַ פאַרריסנקייט? פאַרוואָס האָט זי עס קיין מאָל אין אים נישט געזען? פאַרוואָס איז זי געווען אַזוי בלינד? — — —

די חופּה ביי דער שול איז שוין געשטאַנען פונאַנדערגעעפנט. קינדער האָבן זיך געריסן צו האַלטן ביי די שטאַנגען און די חופּה האָט זיך געוויגט אין אַלע זייטן. ביי אַלע פענצטער פון שול זענען געשטאַנען ברענענדיקע לאָמפּן, וואָס האָבן געגאָסן אַ העלע ליכטיקייט אויפן גאַנצן שולהויף. מען האָט אונטערגעפירט דעם חתן אונטער דער חופּה און די כלי־זמר זענען אַוועק נאָך דער כלה.

רחל האָט זיך געשטעלט פון דער ווייטנס — אַזוי אַז זי זאָל קאָנען זען דעם חתן. נעבן אים זענען געשטאַנען טאַטע־מאַמע מיט אָנגעצונדענע הבד־לות, דער רבֿ, דער חזן. אויפן חתנס געזיכט האָט זיך אויסגעלייגט אַ גליק־לעך שמייכעלע. „יאָ, — טראַכט רחל, — ער איז איצט אמתדיק שיין”. זי האָט קיין מאָל אין דודן נישט געזען אַזאַ שיינקייט. דער האַרטער קאַפּע־ליוש מאַכט אים שטאָלץ, די שוואַרצע קליידער — יום־טובדיק. דאָס פּנים שטראַלנדיק. די אויגן פריידיק־צעגלאַנצט.

בריט עס איר, בראָט עס איר ווי גליִענדיקע קוילן: ווי אַזוי קאָן ער נאָך אַזוי שמייכלען? אַזוי גליקלעך שמייכלען? דערמאָנט ער זיך גאָרנישט אָן איר, אָן רחלען? קומט אים איצט גאָרנישט אויפן זינען דער נאָמען „רחל”? ניין, ער האָט זי, זעט אויס, לחלוטין פון געדעכעניש אַרויסגעריסן. כאָטש ערשט מיט קאָרגע וואָכן צוריק האָט ער צו איר אַזוי געשמייכלט.

אַזוי צערטלעך גערעדט. איצט רעדט ער, איצט שמייכלט ער אין מחשבה צו יענער, צו גאָלדען, וואָס די כלי־זמר זענען אַוועק נאָך איר.

און גלייך ווי עפּעס אַ לץ, אַ בייזער רוח, וואָלט אין רחלען אָנגעצונדן אַ ווילדן חשק צוצוגיין נאָנט צו דער חופּה און אַ פרעג טאָן דודן: „נו, דוד, שעמסט זיך גאָרנישט? אַלץ אַזוי שנעל פאַרגעסן? נישט געקומען אַפילו זיך פאַרענטפערן פאַר דיין פּחדנות? פאַר דיין עגאָיזם? זאָג, דוד! הער אויף אַ וויילע צו שמייכלען!" — — —

הינטער זיך האָט רחל דערהערט אַ שמועס פון צוויי ווייבער:

— ווי שיין ער איז, דער חתן!

— טאַקע אַ קראַסאַוועץ, כ'לעבן.

— ער נעמט פינף טויזנט נדן!

— פינף טויזנט?!

— פינף טויזנט! ר' שמואל האָט איינגעלייגט מזומנים אויף דודס נאָמען.

— זעסט ווי דער חתן שמייכלט.

— פאַרוואָס זאָל ער נישט שמייכלען. עס טוט אים הנאה — ער פאַלט אַריין אין אַ שמאַלץ־גרוב.

— און ווי שנעל ס'איז געוואָרן! ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק די תנאים און שוין די חתונה!

— אַ פּנים שמואל וואַלד־סוחר האָט וואָס פריִער געוואָלט אַרויספּטרן די „קראַסאַוויצע", דער חתן זאָל נישט האָבן קיין צייט חרטה צו האָבן. מ'רעדט אַפילו, אַז דער חתן האָט זיך גאָר פאַרקוקט אויף דער „שיינער רחלע". דערפאַר אַזאַ אייַלעניש מיט דער חתונה...

רחלען האָבן די ווערטער געשטאָכן ווי מיט נאָדלען און זי האָט זיך אָפּגעקערט פון די צוויי ווייבער. דאָס האַרץ איז איר פול געוואָרן מיט האַס.

„ער מוז אויף מיר איצט אַ בליק טאָן!" — האָט אין איר געברויזט. און מיט האַסטיקע באַוועגונגען, קעגן איר אייגענעם ווילן, געטריבן פון עפּעס אַ געהיימען כּוח, האָט זי זיך גענומען שפּאַרן דורכן געדיכטן עולם און אַלץ נענטער זיך דערשלאָגן צו דער חופּה. דוד איז אַלץ געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע. דאָס גליקלעכע שמייכעלע איז נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

„דו מוזט, דוד! איין בליק!" — האָט עס געקלונגען אין איר גאַנץ וועזן

און זי האָט עס שיער נישט אויסגעפּלאַצט אויפן קול. אירע אויגן האָבן ווילד געברענט. דאָס טיכל האָט זיך איר בעתן שטופן זיך אַראָפּגעשאַרט פון קאָפּ און ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען אירע צעשויבערטע האָר. אָט איז זי שוין נאָענט, גאָר נאָענט נעבן אַ חופּה־שטאַנג.

און רחל האָט אויסגעפּירט: דוד האָט אַ קוק געטאָן אין איר ריכטונג און זיך געטראָפן גלייך מיט אירע צעפּלאָמטע בליקן.

זי איז ווי געפּלעפּט געוואָרן. עפּעס האָט זיך איר אינעווייניק אָפּגע־ריסן אַ שטיק האַרץ. זי האָט אויפגעכאַפּט אין אים אַ פּלוצלינגען שינוי. די קינבאַקן האָבן אים אַ ציטער געטאָן, און דאָס שמייכעלע איז אַראָפּ פון זיין בלאַס געוואָרענעם פּנים. די אויגן האָט ער פאַרזשמורעט, ווי פון אַ קאָפּ־שווינדל.

רחל האָט דערשפּירט אַ זיס געפיל פון נקמה. עס האָט זי מיט אַמאָל צענומען ווי אַ שיכּרות־געטראַנק.

אין דער רגע האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון דער קאַפּעליע: מ׳פירט שוין די כּלה. ס׳איז געוואָרן אַ געדראַנג און אַ שטיקעניש און רחל איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן אַ ביסל אָן אַ זייט. עס זענען איר אויך אָפּ־געפאַלן די כּוחות צו קאָנען פון דער נאָענט צוקוקן ווי מ׳פירט־צו די כּלה צום חתן אונטער דער חופּה.

דער עולם איז אַלץ געוואַקסן און זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן שול־פּלאַץ. עטלעכע יונגען האָבן אָנגעהויבן ווייזן כּל־המיני פּאָקוסן. איינער אַ לץ האָט געזופּט פון פלעשער נאַפט, באַשפּריצט בעזעמער אויף לאַנגע שטעקנס און זיי אונטערגעצונדן איינעם נאָכן אַנדערן. אין דער לופטן אי־בערן עולם האָבן זיך געוויקלט קנוילן פלאַמען, אויסגעמישט מיט שוואַרצן רויך און אַלע פּנימער זענען געווען באַגאָסן מיט אַ שטאַרקער רויטער ליכ־טיקייט. אונטער דער חופּה האָט זיך געציקלט די שטים פון חזן, וואָס האָט געדרייט דעם „הוא יברך" מיט כלערליי חזנישע דריידלעך.

רחל איז געשטאַנען פון דער ווייטנס און געפּלאָטערט ווי אַ בלאַט. דאָס בלוט האָט איר געזעצט אין די שלייפן ווי מיט האַמערס. אירע אויגן זענען געווען צעצונדן ווילד, שיגעונדיק. זי האָט פון דער ווייטנס דערזען ווי דודס פּנים האָט ווידער אָנגענומען אַ רויִקן אויסדרוק און אַרום זיין מויל האָט זיך פון דאָס ניי גענומען אויסלייגן דאָס גליקלעכע שמייכעלע. זי, די כּלה, איז געשטאַנען האַרט נעבן אים, אַ פאַרהילטע אין איר גירלאַנ־

דע, אין איר מלכותדיק ווייסן חופה־קלייד. ביידע זענען געווען אַרומגעריגלט מיט פאַרשיידנפאַרביקע ברענענדיקע פייערן, וואָס זענען געפאַלן אויף זיי מיט כישוף.

רחלען איז באַפאַלן אַ שוידער. די ציינער האָבן זיך ביי איר געקראַמפּט. זי קאָן מער נישט קוקן אויף זיי אַלעמען. דוד איז אַ שלעכטער, אַן אכזר, אַ רשע; זי, די כלה — אַ שלאַנג, און אַלע מענטשן וואָס פרייען זיך מיט זיי, זענען שלעכטע, מיאוסע באַשעפענישן. אַלע, פון גרויס ביז קליין!

און בעת־מעשה האָט זיך איר געגומען אויסדאַכטן, אַז זי וואַקסט שנעל, מיט יעדער מינוט. זי ווערט גרויס ווי אַ ריז. די כוחות אין איר וואַקסן און דאָס האַרץ אינעווייניק וואַקסט און צעקראַמפּט זיך אין דער ברייט. אָט דריקט זי צונויף מעכטיק די פויסטן, ציט אויס איבער אַלעמענס קעפּ אירע אייזערנע הענט, נעמט אָן מיט איין האַנט דודן פאַרן האַלדז און מיט דער אַנדערער גאַלדען, און זי שטיקט זיי ביידן אָן רחמנות, ביז בלוט טוט אַ שפּריץ פון זייערע פאַרלאָפענע אויגן און פונאַנדערגעעפנטע מיילער...

— —

אַ כוואַליע שגעון. עס האָט זי געיאָגט ווי דער טייוול אַליין.

„אַ נאַר ביסטו, רחל! אַ בהמה! ווו איז דיין שכל געווען?“ — האָט עס דער טייוול אין אירע געהירן אַריינגעשריִען.

ווי אַ צערייצטע חיה האָט זי זיך פּלוצלינג אַרויסגעשפּאַרט פון צווישן עולם. עטלעכע ווייבער, וואָס האָבן געקריגן אַ שטויס פון איר, האָבן איר אָנגעקוקט מיט דערשראָקענע בליקן. רחל האָט זיך אַזוי אין איר שגעונדיקן אימפּעט געלאָזט לויפן אַראָפּ־צו פון שול־פּלאַץ, צום עק געסל, צום ברונעם־צו...

ז

אַ ווילד געשריי האָט עמיצער אויפן שול־פּלאַץ צעטראָגן:

— יידן, ראַטע־וועט!!!

— מ'טרינקט זיך!!!

אַ היפּשער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום עק געסל, צום באָד־ברונעם. אַ מוראדיקע שטופּעניש. אַ בהלה. איינער האָט געשטויסן דעם אַנדערן, ווי בעת אַ שריפה. צעשראָקענע קולות האָבן זיך אין דער לופט געטראָגן:

— ווער? ווער?
— אַ מיידל! אַ מיידל!
— אַ בלאָנדע!
— אַ שוואַרצע!
— אין אַ טונקעלן טיכל!
און מאַמעס האָבן מיט האַרץ־קלאַפּעניש זייערע טעכטער געזוכט:
— רייזל, ווו ביסטו?
— ביילקע!
— לאהקע!
— אסתר! אסתר!
— נ־ח־מ־ה!
איבער די ווענטלעך פון נאַכטיקן פינצטערן ברונעם האָבן זיך קעפּ געבויגן.

שפּעטער אַ ביסל איז שוין רחל געלעגן נעבן ברונעם — אַ קאַלטע, אַ פּאַרגליווערטע, — שוין אַ באַרויִקטע... די נאַס־צעפּלאָשעטע האָר אויפן טויטן פּנים. נעבן איר אויף דער ערד איז געזעסן אַ ווינענדיקע, מיט פאַרבראָכענע הענט, איר מאַמע די אלמנה.

און די חופּה איז געבליבן שטיין בלויז מיט אַ קליינעם שיטערן עולם מחותנים. שטיל, ווי אַ לוויה, איז מען אין חתונה־שטוב געגאַנגען. די כּלי־זמר האָבן שוין נישט געשפּילט. די ציטערנדיקע פלעמלעך פון די הבדלות אין די הענט פון די צעשראָקענע מחותנים האָבן זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן און זיך געלאָשן.

און ווען אין חתונה־שטוב האָבן זיך שוין אַלע באַרויִקט, איז נאָך דער חתן אַלץ געזעסן נעבן דער כּלה אַ שווייגעוודיקער, אַ בלאַסער, מיט צע־טראָגענע בליקן, גלייך ווי ערשט איצט וואָלט ער דערשפּירט דעם טיפן, ווייטאָגלעכן ביס פון געוויסן — — —

צוויי גיבורים

(פון דער צאַרישער קאַזאַרמע)

דער ערשטער גיבור אין ראָטע איז געווען סטעפּאַנענקאָ. אַ הויכער, דיקער, מגושמדיקער פּויער, מיט אַ רויטן, פּרישטשעוואַטן פּנים און גרויע, וואַסערדיקע אויגן. געשטאַמט האָט ער פון אוקראַינע, און בעת ער פלעגט רעדן אוקראַיִניש האָט זיך געפילט, אַז די ווערטער זענען עפּעס צו ווייך פאַר אַזאַ כלי. פון אַזעלכע גראָבע ליפּן, ווי ביי אים, האָט זיך געפּאַסט, עס זאָלן זיך אַראָפּקייקלען האַרטערע, שווערערע ווערטער, גרעבערע קלאַנגען.

אַלע אין ראָטע האָבן געהאַלטן סטעפּאַנענקאָן פאַר אַ גיבור. און טאַקע נישט אומזיסט. בעת ער פלעגט גיין, פלעגט אונטער אים פּשוט די ערד ציטערן. היינט וויפל גבורות פלעגט ער אין ראָטע באַווייזן! אויפהייבן די ביקס מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט פאַרן עק שטיק און האַלטן אַזוי אַ היפּשע צייט איז ביי אים געווען פון די לייכטסטע זאַכן; די דריי־אַרשיניקע הילצערנע „קאַבילע" *) איז אַנטקעגן אים געווען ווי אַ מפּיל־קינד און ער פלעגט אַריבערשפּרינגען איבער איר אַזוי ווי אַ ריז. פּיס האָט ער געהאַט לאַנגע, אומגעלומפּערט גרויסע און מיט איין „האָפּ" פלעגט ער שוין זיין העט אויף דער צווייטער זייט „קאַבילע". בעת סטעפּאַנענקאָ פלעגט זיך ציִען אויפן אייזערנעם טורניק, האָט מען פּשוט מורא געהאַט דער אייזער־נער דראָנג זאָל זיך אונטער דער שווערער משא נישט איבערברעכן. פלעגט ער ווידער קריכן מיט די הענט אויף דעם לייטער, פלעגן די שטאַפּלען נעמען ציטערן און קרעכצן און דער לערער פון גימנאַסטיק פלעגט אַ גע־שריי טאָן:

---

*) קאַזאַרמע־פערד פאַר גימנאַסטישע איבונגען

— סלעזאַי! (קריך אַראָפּ!).

אַ געוואַלטיקער גיבור איז סטעפּאַנענקאָ אויך געווען ביים „אַביעד״ (מיטאָג). אַריינלייגן אין זיך פּלעגט ער קאָנען אין לשער, גליך ווי ביי אים איינוויינינק וואָלט גאָר קיין דנאָ נישט געווען און דאָס עסן פּלעגט אַריינפּאַלן ווי אין אַ וויסטן ים אַריין. סטעפּאַנענקאָ האָט געהאַט בכוח אויפצועסן איינער אַליין אַ פולן באַק „קאַפּוסטאַ״ (קרויט), פאַרבייסן דערנאָך מיט אַ צוויי־דריי קעסעלעך קאַשע און צום סוף נאָך אויך אָפּלעקן דאָס לעפל.

ביים עסן פלעגט זיך אין אים צעשפּילן אַ ווילדער אַפּעטיט. די פּרישטשעס אויף זיין רויטן פּנים פלעגן זיך ממש אָנצינדן פון בלוט, די קינבאַקן האָבן זיך באַוועגט מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט. זיי וואָלטן, דאַכט זיך, בעת־מעשה אַפילו שטיינער צעמאָלן.

דער פעלדפעבל האָט זיך איין מאָל צוגעקוקט ווי סטעפּאַנענקאָ עסט, און ער האָט זיך צעשמייכלט. ער איז צו אים צוגעגאַנגען און אים גוטמוטיק אין פּלייצע אַ קלאַפּ געטאָן:

— מאָלאָדיעץ, סטעפּאַנענקאָ!

ביי סטעפּאַנענקאָן האָבן זיך בעת־מעשה די קליינע וואַסערדיקע אייגעלעך אַ קער געטאָן צום פעלדפעבל, וועלכער האָט אים מפסיק געווען אין מיטן דער אכילה, און מיט אַ פולן מויל האָט ער אַ מאָל געטאָן:

— ראַד סטאַראַטסיאַ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

און האָט ווידער אָנגענומען אַ פול מויל מיט קאַשע.

— מאָלאָדיעץ, סטעפּאַנענקאָ! — האָט דער פעלדפעבל מיט אַ כיוון איבערגעחזרט, זעענדיק אין וואָס פאַר אַ לאַגע סטעפּאַנענקאָ געפינט זיך.

סטעפּאַנענקאָ איז אָבער געווען אַן אמתער סאָלדאַט און האָט געמוזט ענטפערן תיכף, בראַוו, כאָטש דאָס מויל איז אים אין גאַנצן פאַרנומען געווען.

— ר־ר־ראַד ס־ס־טאַר... ר...ר... ר...

סטעפּאַנענקאָ האָט נישט דערענדיקט. די קאַשע האָט זיך אים אין האַלדז געשטעלט און ער האָט זיך גענומען ווערגן. די קליינע וואַסערדיקע אויגן האָבן זיך מיט אַ פייכטקייט פאַרצויגן און ער האָט זיך פאַרכליניעט. דער גאַנצער עולם אַרום האָט בעת־מעשה אויסגעפּלאַצט אין אַ ווילד גע־

לעכטער. אָבער סטעפּאַנענקאָ, ווי נאָר ער איז געקומען צו זיך, האָט דעם פעלדפעבל שוין ווי עס געהער צו זיין געענטפערט:

— ראַד סטאַראַטסיאַ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

דאָס איז געווען איין גיבור.

***

דער צווייטער גיבור אין ראָטע איז געווען דוד קאָפּעלעוויטש.

קאָפּעלעוויטש איז דווקא געווען אַ דאַרער, אַ נעבעכדיקער, מיט אַן אויסגעבלייכטן געזיכט, איינגעפּאַלענע באַקן, מיט אַ חסרון פון דרייצן ציין און אַ שטענדיק קרענקלעכער. קאָפּעלעוויטש פלעגט תמיד דערציילן אין ראָטע, אַז ביים צונעמען אין „פּריסוטסטוויע" האָט זיך איין דאָקטער געשטעלט מ'זאָל אים אין גאַנצן אָפּלאָזן און געבן אַ ווייסן בילעט, ווייל צווי „אָטסראָטשקעס" (פּראָלאָנגאַטעס) האָט ער שוין געהאַט. מ'האָט אים אָבער יאָ צוגענומען, כאָטש אים האָט ממש געפעלט צו דער גרעב. דער „וואָינסקער" נאַטשאַלניק האָט זיך איינגעעקשנט, אַז לויטן אוסטאַוו דאַרפן פעלן פערצן ציין, נישט דרייצן.

— ניטשעוואָ, קאַשאַ פּאָפּראַווית! (נישקשה, די קאַשע וועט אים פאַרריכטן), — האָט ער געזאָגט.

מיט קיין פיזישער גבורה האָט זיך קאָפּעלעוויטש אין ראָטע נישט אויסגעצייכנט; פאַרקערט, ער איז געווען דער ערגסטער פון די ערגסטע. איבערן טורניק, למשל, פלעגט ער זיך בשום אופן נישט קאָנען איבערדרייען. ער פלעגט זיך ציִען, צִיִען, אָנמוטשען זיך, און סוף־כל־סוף פלעגט אים דער לערער אַליין מוזן איבערוואַרפן די פיס אויף דער אַנדער זייט. איבער דער „קאַבילע" פלעגט קאָפּעלעוויטש אויך נישט קענען איבערשפּרינגען. ער פלעגט נישט קאָנען געבן קיין שטאַרקן „טאָלטשאָק" (שטויס) מיט די פיס און העכסטנס פלעגט ער בלייבן זיצן אויפן סאַמע רוקן רייטנדיק. וויפל מ'פלעגט אים נישט טרייבן, נישט דראָען — פלעגט נישט העלפן. ביי דער זייט פון דער „קאַבילע" פלעגט אָפט שטיין דער „וזוואָדני" און האַלטן אָנגעגרייט אַ רימענעם פּאַס, און ווער עס פלעגט נישט איבערשפּרינגען, יענער פלעגט כסדר קריגן שמיץ, ביז וואַנען ער פלעגט נישט באַוויזן זיך אַראָפּצושאַרן אויף יענער זייט „קאַבילע".

איבער דער פאַרלייגטער שטריק פלעגט קאָפּעלעוויטש אויך נישט קאָ־

נעז איבערטאַנצן. שטענדיק פלעגט ער זיך פאַרטשעפּען מיט די שטיוול אָן שטריק און פלעגט — אָדער אומוואַרפן ביידע געשטעלן ביי דער זייט, אָדער ער פלעגט אַליין אומפאַלן.

אַמאָל פלעגט מען נאָך איבער קאָפּעלעוויטשן זיך לוסטיק מאַכן און גלייך נאָך אים פלעגט מען הייסן לויפן אַן אַנדערן צום איבערשפּרינגען איבער דער „קאַבילע". שיקן פלעגט מען בכיוון סטעפּאַנענקאָן. און ווייל קאָפּעלעוויטש פלעגט נאָר בלייבן זיצן רייטנדיק, פלעגט סטעפּאַנענקאָ אָדער זיך פאַרהאַלטן און אַרויפפאַלן אויף אים מיט דער גאַנצער משא פון זיין קערפּער, אָדער ער פלעגט גאָר איבערשפּרינגען איבער קאָפּעלעוויטשן. דער גאַנצער עולם סאָלדאַטן פלעגט לאַכן, חוזק מאַכן און קאָפּעלעוויטש — אַן אויסגעמוטשעטער, אַן אויסגעפּייניקטער — פלעגט זיך שיער נישט פונאַנדערוויינען.

איין מאָל האָט קאָפּעלעוויטש פאַר אַזאַ עובדה נקמה גענומען אַן סטעפּאַנענקאָן. וויסנדיק, אַז גלייך נאָך אים וועט לויפן סטעפּאַנענקאָ, האָט זיך קאָפּעלעוויטש נישט אַ זעץ געטאָן אויף דער „קאַבילע", נאָר זיך אַ צי אויס געטאָן אויף איר רוקן און דערביי פאַרריסן די שטיוול אין דער הויך. און שטיוול האָט קאָפּעלעוויטש געהאַט דווקא גרויסע און געזונטע, מיט אייזערנע פּאַדקעוועס — קאַזיאָנע שטיוואַלעס! — און סטעפּאַנענקאָ איז מיטן גאַנצן ווילדן אימפּעט זיינעם אַרויפגעפאַלן מיטן פּנים אויף די אויסגעשטרעקטע שווערע שטיוול. ס'איז געוואָרן אַ געשריי און אַ ליאַרעם. בעת־מעשה האָט קאָפּעלעוויטש באַקומען אַ פּאָר סטוסאַקעס אין די זייטן פון דעם צעווילדעוועטן סטעפּאַנענקאָ און אַ חוץ דעם האָט אים דער „וזוואָדני" מכבד געווען מיטן רימענעם פּאַס; אָבער ביי קאָפּעלעוויטשן איז עס ווערט געווען: דער כאַכאָל סטעפּאַנענקאָ איז אַוועק אַ צעניזוקטער, אַ צעבלוטיקטער, ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה.

בכלל האָט קאָפּעלעוויטש געהאַט אויסצושטיין אין ראָטע פון יעדן איינציקן באַזונדער מחמת זיין שוואַכקייט און פיזישער נישט־אַנטוויקלטקייט. פלעגט ער ליידן פון זיין גאַנצער „באַטשאַלסטוואָ": פון יעפרייטאָר, „אָטדיעליאָנני" (עלטסטער פון זיין אָפּטיילונג), פון וזוואָדני, פון פעלדפעבל. קיינער האָט פון אים נישט געהאַלטן.

— וואָס טויג אַ מענטש, וועלכער קאָן זיין אייגענעם קערפּער נישט

אויפהאַלטן אויף די „ברוסיעס״! (געשטעלט צום שטיין אויף די הענט), — פלעגט אים דער פעלדפעבל מוסרן.

— וואָס בין איך שולדיק, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק? — פלעגט זיך קאָפּעלעוויטש אַמאָל פאַרענטפערן, בעת ער פלעגט באַמערקן, אַז דער פעלד־פעבל איז אין גוטן הומאָר. — וואָס בין איך שולדיק, וואָס איך האָב נישט אַזוי פיל כוח ווי סטעפּאַנענקאָ?

— קאַזיאָנע קאַשע קאָנסטו עסן? — פרעגט דער פעלדפעבל.

— איך עס אַ סך וויניקער פון סטעפּאַנענקאָן, גאָספּאָדין פּאָדפּראַ־פּאָרשטשיק!

— מיט וואָס האָסטו זיך באַשעפטיקט אין דער היים? — ווערט שוין דער פעלדפעבל מער אויפגעלייגט צו קאָפּעלעוויטשן.

— אין אַ ביוראָ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— אַקערן האָסטו קיין מאָל נישט געאַקערט?

— ניקאַק ניעט, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— פאַרוואָס? ביסט אַוודאי פויל געווען?

קאָפּעלעוויטש האָט אַ וויil געשוויגן און נאָך דעם געענטפערט:

— יידן טאָרן קיין ערד נישט באַזיצן, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— פאַרוואָס?

— ניע מאָגו זנאַט׳ (כ׳קאָן נישט וויסן), גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק! זאַקאָן! (געזעץ).

— אויב זאַקאָן, איז פאַרפאַלן.

און אַוועקגייענדיק פון קאָפּעלעוויטשן פלעגט זיך דער פעלדפעבל אָפּ־שטעלן נעבן סטעפּאַנענקאָן.

— זדראַוו, סטעפּאַנענקאָ!

יענער שטעלט זיך אויף ווי אַ סטרונע און מיט אַ גראָבן קול טוט ער אַ געשריי:

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— געווען אויף „אַביעד״?

— טאַק טאָטשנאָ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— זיך אָנגעפרעסן?

סטעפּאַנענקאָ שווייגט אַ ווײַלע. ער ווייס נישט וואָס צו ענטפערן. זאָגן

„יאָ", וועט עס זיין אַ ליגן; זאָגן ווידער „ניין" — איז אים עפּעס אומבאַ־קוועם.

— וואָלסט נאָך אויפגעגעסן אַ קעסעלע קאַשע?

סטעפּאַנענקאָ שמייכלט נאַריש און ענטפערט:

— טאַק טאָטשנאָ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— דעזשורני! — רופט אויס דער פעלדפעבל.

עס קומט גלייך צולויפן אַ רירעוודיקער אונטער־אָפיציר מיט אַ פּאַק שליסלען אין דער האַנט:

— טשעווא איזוואָליטיע (וואָס פאַרלאַנגט איר), גאָספּאָדין פּאָדפּראַ־פּאָרשטשיק?

— האָסט אפשר פאַר סטעפּאַנענקאָן אַן איבעריקע פּאָרציע קאַשע?

דער דעזשורני שמייכלט, טוט אַ רייב דעם שטערן און ענטפערט:

— קאַפּוסטאַ איז פאַראַן נאָך אַ האַלבער באַק.

— טאַשטשי! (ברענג!).

דער דעזשורני האָט געשיקט דעם דניעוואַלני און יענער האָט תיכף געבראַכט.

— סטעפּאַנענקאָ! — האָט דער פעלדפעבל אַ קאָמאַנדעווע געטאָן, — זאַ דוואַ שטשאָטאַ (איינס און צוויי) זאָל עס ווערן אויפגעגעסן!...

סטעפּאַנענקאָ, גלייך ווי אַ סטרונע, האָט געענטפערט:

— סלושאַיו־ס (כ'הער), גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

און אַרויסציִענדיק דאָס הילצערנע רויט־געפאַרבטע גלאַנציקע לעפל פון כאָלעווע, האָט ער זיך גענומען צו דערפילן זיין „אָביאַזאַנאָסט" (פליכט).

דער פעלדפעבל האָט אים איבערגעריסן מיט פראַגן:

— גראַמאָטני? (קאָנסטו לייענען און שרייבן?).

— ניקאַק ניעט, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— פאַרוואָס?

— ניע מאָגו זנאַט', גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

— וואָס האָסטו געטאָן אין דער היים?

— די ערד געאַקערט, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאָרשטשיק!

און ווענדנדיק זיך צוביידן — צו סטעפּאַנענקאָן און צו קאָפּעלעוויטשן האָט דער פעלדפעבל געזאָגט:

— לערנט איינער דעם אַנדערן: דו, קאָפּעלעוויטש, לערן אים גראַ־

מאַטע, און דו, סטעפּאַנענקאָ, לערן קאַפּעלעוויטשן קאַשע עסן און שפּרינ־גען איבער דער „קאַבילע״ „פּאַ אוסטאַוו״.

— טאַק טאַטשנאָ, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאַרשטשיק! — האָט סטעפּאַנענקאָ אידיאָטיש געשמייכלט.

זעענדיק, אַז דער באַק קאַפּוסטע איז שוין באַלד ליידיק געוואָרן, פרעגט צום סוף דער פעלדפעבל:

— און פאַרוואָס פרעסטו אַזוי פיל?

— ניע מאָגו זנאַט׳, גאָספּאָדין פּאָדפּראַפּאַרשטשיק!

דער האַלב־שיכורער פעלדפעבל גייט אַוועק מיט אַ שמייכל אונטער די אַראָפּגעלאָזטע גרויסע וואָנסן.

אַזאַ העלד ווי סטעפּאַנענקאָ איז קאַפּעלעוויטש נישט געווען, נאָר דאָך האָט קאַפּעלעוויטש געשמט אין דער ראָטע פאַר אַ גיבור.

און זיין גבורה האָט ער אַרויסגעוויזן נאָר אין איין זאַך — אין „סלאָ־וועסנאָסט״*. און אַלע טאָג אין דער צייט פון „סלאָוועסנאָסט״, פלעגט קאַ־פעלעוויטש ממש די ביינער אויסרוען. דעמאָלט פלעגט ער זיך פילן העכער און גרעסער פאַר אַלעמען און אַפילו פאַר דעם גרויסן ריז סטעפּאַנענקאָ. ער פלעגט זיך דערמאָנען די חדרשע יאָרן, וואָס פאַר אַ שאַרף קעפּל ער האָט געהאַט; ווי דער רבי פלעגט קוועלן, בעת ער פלעגט זאָגן דעם „שי־עור״ קלאָר ווי אַ וואַסער און פלעגט פרעגן אַזעלכע קשיות, אַז דער רבי פלעגט זיך מוזן גריבלען אין די בייכיקע מפרשים פון תוספות און מהרש״א, כדי אים צו ענטפערן. ער דערמאָנט זיך אויך די שפּעטערדיקע יאָרן אין שולע, ווו ער פלעגט הוילע „פינפן״ קריגן. אַלס קינד האָט ער שוין גע־זאָגט ווי אַ וואַסער אויף אויסנווייניק „טשודען דניעפּר״ און „אָלעג״...**

איצט מוז ער זיצן פאַר אַ „גאָספּאָדין אוטשיטיעל״ (הער לערער) — עפּעס אַ פּאָניע פון וואָלאָגדאַ — אַ פויערישער מוח, וואָס קאָן אַליין קיין אַדרעס נישט אָנשרייבן ווי געהעריק. אַפילו אין זיין אייגענער שפּראַך, אין רוסיש, כאַפּט אים אויך קאַפּעלעוויטש אָפּט ביי גרייזן. אָבער קאַפּעלעוויטש פאַרשטיקט אין זיך דאָס ביטערע געפיל און שווייגט. אַ ברירה האָט ער? „סלוזשבאַ״ (דינסט) — דאָס איז אין קאַזאַרמע אַ שטענדיקער תירוץ אויף אַלע קשיות.

---

*) קאַזאַרמע־לערע. **) שאַפונגען פון גאָגאָל און פושקין.

גראַד מאַכט זיך איין מאָל, אַז סטעפּאַנענקאָ פאַלט אַריין צו „סלאָוועס־נאָסט" אין דער זעלבער גרופּע, צום זעלבן לערער, וואָס קאַפּעלעוויטש. דער ריז סטעפּאַנענקאָ האָט ביי „סלאָוועסנאָסט" זיין גאַנצע העלדישקייט פאַרלוירן. אַדרבה, ער איז אין דעם דאָזיקן ענין געווען דער שוואַכסטער פון אַלעמען. סטעפּאַנענקאָ איז געזעסן מיט אַ מאָדנער געפּאַלנקייט, די הענט דורך־אַרצדיק אויף די קני און זיין גרויסער קיילעכדיקער קאָפּ איז אים שיער נישט צעפּלאַצט געוואָרן. אַזוי שווער, אַזוי אומבאַגרייפלעך איז אים אַלץ געווען! ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין די אַלע מי־ליטערישע טערמינען און שווערע ווערטער, די פראַגן און דעם גאַנצן לשון פון לערער.

קאַפּעלעוויטש אָבער פלעגט אויף אים בעת־מעשה קוקן מיט אַ באַ־זונדער נצחון. ער איז געזעסן אַ פריילעכער, מיט אַ צופרידן שמייכעלע אויפן אויסגעבלייכטן געזיכט און האָט געוואַרט נאָר דער לערער זאָל אים עפּעס אַ פרעג טאָן. אַ זכרון האָט ער געהאַט אַן אייזערנעם, און אין איין וואָך האָט ער גלייך תופס געווען די גאַנצע „תורה" און האָט זי געקענט אויף אויסנווייניק נישט ערגער פון „אשרי". אין אַ פריער שעה האָט ער אַ פּאָר מאָל אַריינגעקוקט אין מיליטערישן אוסטאַוו, וואָס ער האָט געפונען ליגן ביים „ווזוואָדני" אויפן טישל — און מער האָט קאַפּעלעוויטש נישט געדאַרפט. ער האָט שוין געקענט יעדע זאַך פריִער, נאָך איידער מ׳איז דער־צו דערגאַנגען אויף די לעקציעס.

— סטעפּאַנענקאָ! — רופט אויס דער לערער ביי „סלאָוועסנאָסט".

סטעפּאַנענקאָ שטעלט זיך אויף שנעל ווי אַן אויטאָמאַט.

— טשטאָ טאַקאָיע סאָלדאַט? (וואָס אַזוינס איז אַ סאָלדאַט?).

סטעפּאַנענקאָ גלאָצט מיט די פאַרבלאָזע אייגעלעך און שטאַמלט:

— סאָלדאַט... סאָל־דאַט...

— קאַפּעלעוויטש! — רופט ווידער אויס דער לערער, — אַביאַסני יעמו (דערקלער אים).

קאַפּעלעוויטש טוט זיך אַ שטעל־אויף און זאָגט אָפּ ווי אַ מזמור.

— סאָדיס! (זעץ זיך!).

ביידע, סיי קאַפּעלעוויטש, סיי סטעפּאַנענקאָ, זעצן זיך.

— דו, באָלוואַן, שטיי! — שרייט אויס דער לערער צו סטעפּאַנענקאָן.

דער לעצטער שטעלט זיך ווידער אויף און שטייט שוין אַזוי אָפּ די גאַנצע צייט פון „סלאָוועסנאָסט".

דער לערער פרעגט ווייטער:

— סטעפּאַנענקאָ, טשטאָ טאַקאָיע פּריסיאַגאַ? (וואָס אַזוינס איז אַ שבועה?).

אָבער אויך דאָ בלייבט סטעפּאַנענקאָ שטיין ווי אַ גולם און מורמלט:

— פּריסיאַגאַ... פּריסיאַגאַ...

און ווידער ענטפערט קאָפּעלעוויטש פאַר אים.

אַזוי פּלעגט זיך עס איבערחזרן טאָג אין טאָג. סטעפּאַנענקאָ פּלעגט זיך ביי „סלאָוועסנאָסט" ממש באַגיסן מיט שווייס פון גרויסער מאַרד־אָנשטרענגונג. ס׳וואָלט אים ליבער געווען שעהען־לאַנג צו שוויצן ביי „קאָלקאָ טשושעלאָ *, איידער צו זיצן אויף „סלאָוועסנאָסט". אַגב פלעגט נישט אָוועקגיין קיין איין מאָל ער זאָל נישט באַקומען קיין שטראָף פאַר נישט קענען: דער גרויסער ריז סטעפּאַנענקאָ מיט די לאַנגע גראָבע פיס און שווערן דיקן קאָרפּוס פלעגט זיך מוזן אַראָפּלאָזן אויף די קני און קריכן, אויפן לערערס באַפעל, „גוסינים שאַגאָם" (מיט גענדזן־טריט). דער גאַנצער עולם פלעגט זיך בעת־מעשה שטיקן פון געלעכטער, און סטעפּאַנענקאָ פלעגט מוזן פּאָלגן ווי אַ געהאָרכזאַם קינד.

— אַ באַק קאַפּוסטע וואָלסטו יאָ געקאָנט אויפפרעסן? — פרעגט אים אין מיטן דער לערער.

סטעפּאַנענקאָ איז פאַרטאָן אין קריכן און ענטפערט נישט. די פּרישטשעס אויפן פּנים גלי׳ען ביי אים פון רויטקייט.

— ענטפער! וואָלסט אויפגעפרעסן?

— טאַק טאָטשנאָ, גאָספּאָדין אוטשיטיעל! — ענטפערט שוין סטעפּאַנענקאָ ווי אַ לעמעלע, און זיין שטים איז אַזאַ הכנעהדיקע, אַזאַ נעבעכדיקע, אַז קאָפּעלעוויטש קריגט אויף אים רחמנות.

— „טאַק טאָטשנאָ"... „טאַק טאָטשנאָ"... — קרימט אים איבער דער לערער. — וואָט באָלוואַן!

**
*

---

*) ביקסן־פּעכטעריי און שטעכעריי אין אַן אויסגעשטאָפּטן שטרוי־זאַק.

איין מאָל האָט דער לערער באַפוילן סטעפּאַנענקאָן:

— זאָלסט וויסן זיין, אַז ער, קאָפּעלעוויטש, איז איין פרייער צייט דיין לערער. שטענדיק זאָלסטו ביי אים פרעגן וואָס דו ווייסט נישט; ווען נישט...

דער לערער האָט אַ ווייז געטאָן אַ פויסט און פאַרענדיקט:

— ווען נישט וועט דיך דער רוח נעמען, דוּבינאַ! (דראָנג איינער!).

פון דעמאָלט אָן האָט סטעפּאַנענקאָ געקריגן דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר קאָפּעלעוויטשן. אין די פרייע זונטיק־שעהען פלעגט ער זיצן פאַר קאָפּעלעוויטשן געפאַלן און אונטערטעניק, און קאָפּעלעוויטש פלעגט מיט אים לערנען „סלאָוועסנאָסט". דערפאַר פלעגט אים סטעפּאַנענקאָ רייניקן די ביקס, פאַרבייטן אים אָפט ביי שווערצער אַרבעט וכדומה.

מ׳איז שוין אין „סלאָוועסנאָסט" וויט פאַרפאָרן. מ׳איז שוין געקומען צו פעלד־דינסט. מ׳לערנט שוין „אָביאַזאַנאָסטי ריאַדאָוואָוואָ וו׳ראַזיספּנאָם סטראָיו" (די פליכטן פון אַ סאָלדאַט אין צעשפּרייטן פראָנט), קאָפּעלעוויטש ענטפערט אַזוי גיך אויף אַלע פראַגן; ער ווייס אַלץ אַזוי קלאָר, אַזוי געשיקט, און ער, סטעפּאַנענקאָ, הייבט גאָרנישט אָן צו באַנעמען, גלייך ווי זיין מוח וואָלט פאַרגאָסן געווען מיט שווערן בליי. עס עקט זיך שוין דער ווינטער. עס דערנענטערט זיך שוין דער זומער מיטן מיליטערישן לאַגער און מאַנעווערעס; ער ווערט שוין באַלד אַן אַלטער סאָלדאַט און — ווייס נאָך גאָרנישט, גאָרנישט...

סטעפּאַנענקאָ האָט פּשוט אָנגעהויבן פאַרגעטערן קאָפּעלעוויטשן. ביי גימנאַסטיק פלעגט ער שוין פון קאָפּעלעוויטשן נישט לאַכן; אדרבה, ער פלעגט אים נאָך אַמאָל אַרויסהעלפן און אונטערשטופּן אויפן טורניק. נאָר ביי זיך פלעגט ער בעת־מעשה טראַכטן: „אָט דער שוואַכער נפש, אָט דער זשידיאָנאַק מיטן דאַרן קערפּער, וואָס קאָן זיך אויפן טורניק נישט אַ הייב טאָן — פון וואַנען נעמט זיך דאָס צו אים אַזאַ גבורה, אַזאַ אייזערנער קאָפּ!"

מיט דער צייט האָט סטעפּאַנענקאָ אָנגעהויבן אָפּגעבן קאָפּעלעוויטשן „טשעסט".

*****

פאַרן איבערציען זיך אין מיליטערישן לאַגער איז איין טאָג אַ גרויסער „סמאָטר" (דעפילאַדע) געווען. ס׳איז גראָד אָנגעקומען אַ נייער קאָמאַנדיר פּאָלקאָ, וועלכער איז געגאַנגען פון ראָטע צו ראָטע און האָט זיך געוואָלט

באַקענען מיט זיינע „מאָלאָדטשיקעס“ (יונגע סאָלדאַטן). ער האָט זיך ביי דעם און ביי יענעם סאָלדאַט אָפּגעשטעלט און איטלעכן פראַגן געשטעלט. שפּעטער האָט מען דורכגעפירט מיליטערישע איבונגען, גימנאַסטיק וכדומה. נאָך דעם „סמאָטר“ האָט דער נייער קאָמאַנדיר פּאָלקאָ דערמאָנט פון דער דאָזיקער ראָטע אין „פּריקאַז“ צוויי נעמען, וועלכע האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט: ריאַדאָוואָי סטעפּאַנענקאָ ביי גימנאַסטיק און ריאַדאָוואָי קאָפּעלעוויטש ביי „סלאָוועסנאָסט“.

צוויי גיבורים...

ביכער פון אברהם זאַק:

אַקאָרדן (לידער); גראָדנע, 1918.

〃 (צווייטע אויפלאַגע); פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע, 1921.

רגעס פון טרויס (טאַנקעס); פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1919.

צווישן פיר ווענט (לידער); פאַרלאַג מ. י. פרייד, וואַרשע, 1920.

אונטער די פליגל פון טויט (צוויי אויפלאַגעס); פאַרלאַג „די צייט", וואַרשע, 3־1921.

〃 〃 〃 〃 〃 (דריטע אויפלאַגע); בנימין הארץ־פאַרלאַג, בערלין־ווין, 1929.

〃 〃 〃 〃 〃 (רוסישע איבערזעצונג); „גאָסאיזדאַט", מאָסקווע, 1930.

אין שאָטן (נאָוועלן); פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1922.

די חורבה און דער פּאַלאַץ (קינדער־מעשהלע); פאַרלאַג, „אַלט־יונג", וואַרשע.

אַ זומער־חלום (נאָוועלן); פאַרלאַג א. י. שאַפּירא, וואַרשע, 1923.

אונטער היימישע הימלען (פּיעסע אין 3 אַקטן); פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1926.

שטאָט־קאַשמאַרן (לידער); פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1926.

פּאַניע גנב (אַ כראָניק); פאַרלאַג א. גיטלין, וואַרשע, 1929.

די פרוי פון שטאָט (נאָוועלן); קאָאָפּ' „ביכער", וואַרשע, 1931.

מיט אַש אויפן קאָפּ (לידער); פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן", לאָדזש, 1947.

יאָרן אין וואַנדער (לידער און פּאָעמעס); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום", בוענאָס־אײַרעס, 1949.

צווישן שאָטנס (דערציילונגען); פון דער סעריע „ביכער פון ייִדישן פּען־קלוב", פּאַריז, 1950.

אין אומרו פון יאָרן („וואַרשע 1939" א"אַנד); פאַרלאַג „ייִדבוך", בוענאָס־אײַרעס, 1954.
(פּרעמירט מיט דער סטאָליאַר־פּרעמיע ביי „די אידישע צייטונג", ב"א 1955).

פון אַלע נע־ונדן (לידער); הויפּטפּאַרקויף קולטור־קאָנגרעס, ב״א, 1955.

קנעכט זענען מיר געווען (צוויי בענד); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, בוענאָס־איירעס, 1956.

(פּרעמירט מיט דער סוראָוויטש־פּרעמיע פון קולטור־קאָנגרעס, נ.־יאָרק, 1957).

אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי בענד); פאַרלאַג „ייִדבוך״, ב״א, 1958.

(פּרעמירט מיט דער לואיס לאַמעד־פּרעמיע אין ניו־יאָרק, 1959).

אויף פרעמדער ערד (לידער און פּאָעמעס); הויפּטפּאַרקויף קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1962.

אין אָנהייב פון אַ פרילינג (זכרונות); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, בוענאָס־איירעס, 1962.

אויף וועגן פון גורל (דערציילונגען); פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, בוענאָס־איירעס, 1964.

איבערזעצונגען:

פּאַר שטוב און עסטראַדע; פאַרלאַג נ. שאַפּיראָ, וואַרשע, 1938.

מצירי (פּאָעמע פון מ. יו. לערמאָנטאָוו); „נײַער פאַרלאַג״, וואַרשע, 1921.

מאָצאַרט און סאַליערי (דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. ס. פּושקין); „צוקונפט״, ניו־יאָרק, יולי 1937.

דער פאָטער (פּיעסע פון א. סטרינדבערג); פאַרלאַג „די צײַט״, וואַרשע.

די חתנים (קאָמעדיע פון נ. וו. גאָגאָל); פאַרלאַג „די צײַט״, וואַרשע.

דאָס רעכט אויף ליבע (פּיעסע פון מאַקס נאָרדוי); פאַרלאַג „אונדזער בוך״, וואַרשע.

רודין (ראָמאַן פון א. ס. טורגעניעוו); פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע.

די ערשטע ליבע און קלאַראַ מיליטש (ראָמאַנען פון א. ס. טורגעניעוו); פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, 1925.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אַברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיַין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיַידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע־ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אַברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניַידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקעלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אַברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מײַן היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — הײם און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אַלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשטיסכע און קאַצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מײַנע זיבן יאָר אין תל־אָביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרבײַ... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אַברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר אַ. מוקדוני — מײַנע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פײַער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947“ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישׂראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע“ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שײַן פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מײַנע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דײַטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מײַזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַראָוו (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאולאָ, בראַזיל, 1951)
74) ד״ר אַ. מוקדוני — אויסלאַנד
75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מײַן לעבן
76) יהושע פערלע — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, וואַרשע, 1937)
77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן
78) דניאל טשאַרני — ווילנע
79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)
80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)
81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולשער וואָך
82־83) יצחק פערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)
84) יוסף אַקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע
85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)
87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מײַן אַלטע היים
88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות) (אויספאַרקויפט)
89) משה־דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)
90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91־92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע
93) שמעון האָראָנטשיק — אין געוויש פון מאַשינען (ראָמאַן)
94) גרשם באַדער — מײַנע זכרונות (קראָקע)
95־96) יאָנאָס טורקאָוו —פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954)
97־98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)
99) פועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין
100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)
101) י. הירשהויט — ייִדישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955)
102) משה זאַנשײַן — ייִדיש וואַרשע
103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)
105־106־107) מיכאל באַרוויטש — אַרישע פאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאָנד, פּאַריז, 1958)
108־109) מרדכי שטריגלער — געשמידט מיטן ווינט (ראָמאַן)
110־111) ד״ר אַ. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1956)
112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956)
113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)
114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)

116) מאַקס וויַנרײַך — פון ביידע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פּרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאָרטרעטן
123) אַברהם טענענבוים־אַרזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124־125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער
126־127) אַברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פּרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפֿאָרן
129־130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאָקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141־142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות (אויספֿאַרקויפֿט)
143־144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספֿאַרקויפֿט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּעלעם (אויספֿאַרקויפֿט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס
151) שלמה פּריזאַמענט — די בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פאָרהאַנג (אויספֿאַרקויפֿט)
153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מײַן לײַדנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אָפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברײנסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157-158) דוד דאַווידאָוויטש — שולן אין פּוילן

159) **א. אַלמי** — זאַמלבוך
160) **ד״ר יצחק לעווין** — ייִדן אין אַלטן פּוילן
161) מלך **ראַוויטש** — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
162) **ישראל עמיאָט** — פאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) **הערשל ה. ווײנרויך** — קאָמיסאַרן
165) **ישעיה טרונק** — געשטאַלטן און געשעענישן
166) **אַברהם זאַק** — אין אָנהייב פון אַ פרילינג
167) **שלמה שאַפּיראָ** — זכרונות פון אַ מאַראַן
168) **ב. טערקעל** — די זון פאַרגייט ביים אַמור דאַריאַ
169) **ד. זאַקאַליק** — אין שטורעם
170) **נ. קאַנטאַראָוויטש** — פאַרשווונדענע ייִדישע ישובים
171) **מלך ראַוויטש** — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן (**באַנד 2**)
172) **קעהאָס קליגער** — די שיינע רויז (**טעג און נעכט פון אַ מיידל**)
173) **יצחק טורקאָוו־גרודבערג** — אויף מיין וועג... (**שרייבער און קינסטלער**)
174) **אַברהם זאַק** — אויף וועגן פון גורל (**דערציילונגען**)

עס גרייט זיך צום דרוק:

נחמן בלומענטאַל די ייִדישע ליטעראַטור אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע
ד״ר ל. וואָלמאַן — ייִדישע דאָקטוירים אין פּוילן
ד״ר יוסף קרוק — זכרונות
דוד לעדערמאַן — די לעצטע טריט

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

א. לעיעלעס האָט געשריבן וועגן אברהם זאַקס ווערק „אין אַנהייב פון אַ פרילינג" אין זיין אַרטיקל אונטערן זעלבן נאָמען (ניו־יאָרק, „דער טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 4טער אויגוסט, 1963):

דער נאָמען אברהם זאַק איז גוט באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז דער מחבר פון צוויי צענדליק ביכער, צווישן זיי — פּאָעזיע, בעלעטריסטיק, רייזע־באַשרייבונגען, מעמואַרן, עסייען, וכדומה. מיך פערזענלעך פירט דער דאָזיקער נאָמען צוריק צו דער צייט, ווען אין אונדזער ליטעראַטור, ספּעציעל אין דער פּאָעזיע, האָט זיך שטאַרק גערודערט מיט נייע ריכטונגען, מאָדערנע שטרעמונגען. אויך איז פאַר מיר נישט גלייכגילטיק דער פאַקט, וואָס אַברהם זאַק איז איינער פון יענע לעצטע, וואָס האָבן פּערזענלעך געקענט י. ל. פּרצן און איז געווען אַן אַריינגייער אין אונדזער גרויס־מייסטערס הויז אויף צעגלאַנאַ 1 אין וואַרשע.

ער איז נאָך געווען זייער יונג, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אָנגעקומען קיין וואַרשע און געזוכט — און באַקומען — סמיכה ביי י. ל. פּרצן. קוים וואָסערע זיבעצן־אַכצן יאָר, אָבער ער איז פרי פאַרבונדן געוואָרן מיט צייטונג־אַרבעט און איז ממילא אַריינגעפאַלן אין דעם סאַמע קאָך פון דעם יידישן שרייבערישן לעבן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט אין די יאָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַברהם זאַק איז נישט לאַנג צוריק געוואָרן זיבעציק יאָר און די דאָזיקע דאַטע איז אין אונדזער גאַנצער קולטור־וועלט אָפּגעצייכנט געוואָרן מיט באַגריסונגען און ווינטשעוואַניעס. ער האָט עס כשר פאַרדינט. איבער אַ האַלב יאָרהונדערט איז ער פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור, מיט יידיש, און שטענדיק, אויף אַלע געביטן און אין אַלע זשאַנערס, האָט ער ווירדיק געטראָגן דעם באַרוף פון אַ יידישן שרייבער.

ער וווינט איצט אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, און דאָרטן שטייט ער, ווי אומעטום און אַלע מאָל, מיט גרויס חשיבות אויף זיין פּאָסטן.

דער עיקר איז אַברהם זאַק אַ פּאָעט. דערמיט האָט ער אָנגעהויבן און דאָס איז ער פאַרבליבן. אויך האָט ער צוגעטראָגן אַ סך צו דער יידישער דיכטונג, אין איר אָנגעשלאָגן אַן אייגענע, אָריגינעלע נאָטע, געצויגן אַן אייגענעם אינדיווידועלן ניגון.

חוץ דעם — ער האָט אין זיינע יאָרן אַזוי פיל איבערגעלעבט, איז אַזוי פיל דורכגעגאַנגען, אַז ער האָט פּשוט געפילט אַ נויטווענדיקייט צו זוכן אויסדרוק אין אַנדערע זשאַנערס. ער איז געקומען קיין

וואַרשע אין דער צייט, ווען אונטער י. ל. פרצעס השפעה האָט מען אָפט געהערט דאָס וואָרט רענעסאַנס בנוגע ייִדישער פרעסע, ליטעראַטור און קולטור. דערנאָך האָט זיך אָנגערוקט די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס אין איר איז ער געווען „פאָניעס״ זעלנער און געכאַפּט אַ קויל אין זיין האַנט. ווייטער — אויפלעב אין פוילן, האָפענונגען אין דער נאָך־רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד. שפּעטער — צווייטע וועלט־מלחמה, דער טעם אין זיין אייגענעם וועזן פון די צוויי דיקטאַטורן — דער נאַצישער און באָלשעוויסטישער; וואָגלעריי אין רוסלאַנד, אַרעסט, קאָנצענטראַציע־לאַגער, באַפרייונג, צוריקקער צו אַ פאַרחורבנטער, ייִדן־אויסגעליידיקטער פוילן; דאַן — פראַנקרייך, אַרגענטינע.

ער האָט געענוג איבערגעלעבט, דער דיכטער, דער ייִדישער שרייבער אַברהם זאַק, גענוג דערפאַרונג און שטאָף האָבן זיך אָנגעזאַמלט פאַר זיינע פילצאָליקע ביכער.

די ייִדישע ליטעראַטור קאָן אים נאָר דאַנקען. ער האָט זי באַרייכערט מיט בילדער און מחשבות, מיט דירעקטע און אומדירעקטע שילדערונגען פון דער דראַמאַטישסטער און טראַגישסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם ייִדישן פאָלק און פון אַלע פעלקער. יעדער ייִדישער געשיכטע־שרייבער וועט מוזן לייענען זיינע ביכער צו פאַרשטיין אַלע זייטן און ווינקעלעך פון אונדזער מאוימדיקער וואָר.

צו זיינע זיבעציק יאָר האָט אַברהם זאַק אָנגעשריבן דאָס בוך „אין אָנהייב פון אַ פרילינג״, אַן אויטאָביאָגראַפישער פרווו, וואָס הייבט זיך אָן מיט זיין קינדהייט און דערגייט ביז דעם 1920, ביז זיין צווייטן באַזעצן זיך אין וואַרשע.

אויף אָט־דעם טאָפּלטן יובל־בוך — זיבעציק יאָר לעבן און דאָס צוואַנציקסטע בוך פון זיין שאַפן — וועל איך דאָ זיך ספּעציעל אָפּשטעלן.

אַברהם זאַקס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ זייער אָרעמער ייִדישער שטוב אין דעם ווייס־רוסישן שטעטל אמדור. צו דער אָרעמקייט איז נאָך צוגעקומען אַ באַזונדערע קרענקלעכקייט. מען האָט אים קינדוויז גאַנץ אָפט אויפגעגעבן. ער איז אַ סך מאָל געווען פאַרביי.

אין זיין אַריינפיר זאָגט דער מחבר, אַז צוליב אָט־די צוויי ערשטע באַגלייטערינס פאַרנעמט דער אומעט און דער טויט אַזאַ ברייטלעך אָרט אין זיינע לידער און דערציילונגען. אָבער עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז כסדר האָט ער זיך ווי עס איז אַרויסגעדרייט פון דער סכנה און געלעבט און זיך, דאַנקען גאָט, געעלטערט. אין דעם אַריינפיר האָט ער אַזאַ באַמערקונג:

„אין דער אמתן איז דעם מחברס געבוירענע לעבנס־פרייד אין אַלע זיינע איבערדיקע מאָמענטן געווען פון העכערער קראַפּט און ער האָט תמיד באַוויזן זיך אַרויסצודרייען פון אונטער די פליגל פון טויט... און דאָס איז אויך נוגע דעם טראַגישן פעריאָד 1939—1945, בעת ער האָט באַצאָלט דעם טייערסטן פרייז ביידע דיקטאַטורן — דער רויטער און ברוינער. אין דער ערשטער האָט ער גופא פאַרזוכט קאָנצלאַגער, קאַטאָרגע, נע־ונד. אין דער צווייטער זענען די נאָענטסטע זיינע פאַרברענט געוואָרן אין די קאַלכאויוונס״.

קלאָר, אַז דאָס ליבע עפּאָכעלע אונדזערס האָט דורך־און־דורך צעגאַרבט די מענטשלעכע און ייִדישע הויט פון דעם דיכטער.

אָבער יוגנט בלייבט יוגנט און אַברהם זאַק באַט אונדז אָן אַ סך שילדערונגען, וואָס פאַרמאָגן אין זיך נישט ווייניק גוטס און פרייד.

אַ שרייבער איז ער געוואָרן פרי. ער האָט אָנגעהויבן מיט לידער, דערנאָך אי־

בערגעגאַנגען צו אַנדערע זאַכן. ער האָט זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע, ווו ער האָט געזען פּרצן און בייגעוווינט דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופן אויפשוווּנג פון דער יידישער ליטעראַטור. ער דערציילט אונדז וועגן זיינע באַגעגענישן און עס גייען פאַר אונדז פאַרביי אַ גאַלעריע באַקאַנטע נעמען: א. אַלמי (דעמאָלט אליהו שעפּס), מאַרק שווייד, מנחם באָריישא, אפרים קאַגאַנאָווסקי, צבי און נח פּרילוצקי, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער טעגלעכער וואַרשעווער צייטונג „מאָמענט”; מרדכי ספּעקטאָר, ריקליס און נאָך און נאָך.

אין 1913 האָט ער זיך געשטעלט צום פּריזיוו און מען האָט געזאָגט: „גאָדיען”, ער טויג, הייסט עס, און ער איז געוואָרן אַ זעלנער פון דער צאַרישער אַרמיי. אַברהם זאַק דערמאָנט זיך גלייך, אַז אַברהם רייזען האָט אויך געדינט ביי פּאָניען. אָבער אין רייזענס צייטן איז קיין מלחמה נישט געווען. אַברהם זאַק האָט דעם טעם פון מלחמה זייער באַלעבאַטיש פאַרזוכט. ער איז געשיקט געוואָרן צום פראָנט און איז, ווי שוין דערמאָנט, געראַניעט געוואָרן אין זיין האַנט.

ווידער האָט דאָס מזל אים צוגעשפּילט. טאַקע די קראַנקע האַנט איז אים געווען אַ הילף. ער איז אַרויס פון די אַקטיווע שלאַכט־רייען אויף זעקס חדשים. אָבער עס האָט זיך געמאַכט, אַז די זעקס חדשים זענען פאַרלענגערט געוואָרן, ביז דער דייטש האָט פאַרנומען די געגנט, ווו אַברהם זאַק האָט זיך געפונען, און אַזוי האָט ער מער נישט געדאַרפט זיך גיין שלאָגן פאַר ניקאָלאַי דעם לעצטן.

דערווייל איז ער אָפּגעפאָרן קיין נאָווגאָראָד, אין דער אַלטער, זייער חשובער רוסישער שטאָט. דאָרט האָט ער געהאַט אַלערליי ראָמאַנטישע איבערלעבונגען. זיי קומען אַרויס פון אונטער זיין פען באַ־

חנט, איידל, צניעותדיק. דער שטילער ליריקער, וואָס אַברהם זאַק איז, ווייס זיך צו האַלטן אין דער מעלה, נישט אַריבערטרעטן די דינע גרענעץ, וואָס נאָך איר הייבט זיך אָן די וווּלגאַריטעט.

די ערשטע וועלט־מלחמה ברענגט די גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע. אַברהם זאַק איז צו יענער צייט אין גראָדנע און פון דאָרטן אויס עפנט ער פאַר אונדז די פּאַנאָראַמע פון די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, ווי זיי האָבן אָפּגעהילכט אין דעם גראָדנער ווינקל און געזען דורך אַ יחידיש־יידישן דיכטערישן אויג.

מיט די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען קומען האָפענונגען פאַר יידיש. אַברהם זאַק איז, לויט זיין פּאָליטישער איינשטעלונג, אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט. צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע סאָציאַליסטן גלייבט ער אין אַ צייט פון נייעם, גרויסן אויפבלי פאַר אַלע צווייגן פון דער יידישער קולטור. דאָ טרעפט ער אַנדערע פיגורן פון יידיש־סאָציאַליסטישער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט; זלמן רייזען, לייב יפה, משה שאַליט, יעקב פּאַט, בערל גוטמאַן און אַ ריי אַנדערע.

עס איז דאָ אין דעם בוך איין באַגעגעניש, וואָס האָט אַ ספּעציעלן באַטייט פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. איך מיין די באַגעגעניש און שפּעטערדיקע נאָענטע פריינטשאַפט, וואָס איז אויפגעקומען צווישן אַברהם זאַקן און דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם פּאָעט לייב נײַדוס.

לייב נײַדוס איז אין די מלחמה־ און מהומה־יאָרן געשטאָרבן פון דיפטעריע נאָך איידער ער האָט דערגרייכט דרייסיק יאָר. געניי — צו 28 יאָר. עס קאָן נישט זיין קיין ספק, אַז וואָלט ער געהאַט אַריכת־ימים, וואָלט ער אויסגעוואָקסן צו אַ פיגור פון גרויסער פּאָעטישער קראַפט. אין אַ צייט ווען דער יידישער פערז איז נאָך

געווען גאַנץ שלאַבעריק און עס איז כמעט געהען אַ קונץ צו שרייבן אַ ריכטיקע קלינגענדיקע שורה, האָט לייב נײַדוס אַרויסגעבראַכט געשליפענע פערזן, וואָס קאָנען נאָך היינט איבעררעאַשן מיט זייער מעלאָדישקייט און שווונג. אפשר האָט ער זיך צו פיל אָפּגעגעבן מיט דער דרויסנדיקייט פון דעם ליד. אָבער ער איז דאָך געווען אַזוי יונג. מיט דער רייפקייט וואָלט זיכער געקומען אַ פאַרטיפונג פון תוך און תוכן. נישט באַשערט געווען נישט אים, נישט דער ייִדישער פאָעזיע.

אַברהם זאַק דערציילט וועגן לייב נײַדוסן אַ סך אומבאַקאַנטע פרטים. ביידע זענען געוואָרן זייער נאָנט, ערשטנס, ווייל זיי זענען געווען צוויי יונגע פאָעטן און גרויסע מאמינים אין דער שליחות פון דער ייִדישער דיכטונג. צווייטנס, זענען ביידע אויך געווען נאָנט אין זייער אידעאָלאָגיע. נײַדוס איז אויך געווען אַ סאָציאַליסט־טעריטאָריאַליסט.

וואָס אַברהם זאַק גיט איבער פון דעם לעבן פון דעם יונגן פאָעט, איז טאַקע אַ שפּאָר ביסל נײַ, ספּעציעל וועגן די לעצטע עטלעכע יאָר פון זיין קורץ לעבן. אַברהם זאַק אַליין באַטאָנט עס. ער מאַכט אויך אָט־די באַמערקונג: „אין 1919 האָט זיך ש. ניגער (דאַן פון ווילנע) געווענדט צו מיר איך זאָל אים שרייבן גענויע פרטים וועגן לייב נײַדוסעס אומגעריכטן טויט. איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, געטאָן. אָבער עד־היום איז מיר נישט באַקאַנט, צי ניגער האָט די דאָזיקע פרטים ערגעצווו דעמאָלט אויסגענוצט כאָטש אין אַ געלעגנהייט־אַרטיקל".

כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז שמואל ראָזשאַנסקי האָט אין זיינע באַוווּסטע „מוסטערווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור" ביי דעם יוסף ליפשיץ־פאָנד, געהאַלטן פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלייב פון לייב נײַדוסעס אויסגעקליבענע שריפטן און — זייער גוט האָט ער געטאָן. שמואל ראָזשאַנסקי איז אַן אַלטער תושב פון אַרגענטינע. דער פאַקט, וואָס אַברהם זאַק איז אויך אַן אַרגענטינער, האָט מסתמא געהאַט אַ חלק אין דעם, וואָס לייב נײַדוסעס מערקווירדיקע לידער זאָלן ווידער קומען צום אויפמערק פון דעם בעסערן ייִדישן לייענער.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אַברהם זאַק זיך פון ס'נײַ באַזעצט אין וואַרשע, ווו עס זיינען ווידער אויפגעקומען אַזוי פיל האָפענונגען אויף אַ באַנייט ייִדיש לעבן און אויף אַ נייעם רענעסאַנס פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

מיר געפינען אין די זכרונות פון אָט־דער צייט באַגעגענישן מיט שוין באַקאַנטע און נייע ייִדישע שרייבערס — הלל צייטלין, דוד פרישמאַן, ז. סעגאַלאָוויטש, משה בראָדערזאָן, ה. ד. נאָמבערג, יעקב דינעזאָן, יהושע פערלע, ד"ר יוסף קרוק און נאָך אַ סך אַנדערע.

וואָס איז דאָ צו רעדן? די באַנייטע האָפענונגען האָבן זיך פאַרענדיקט נאָך ערגער, ווי די האָפענונגען אונטער דער צאַרישער רעגירונג ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. דערביי — אַ מערקווירדיקע זאַך. בעת דעם ערשטן וועלט־קריג איז דער דייטש נאָך געווען מער־ווייניקער אַ מענטש, און ער האָט אַפילו געהאָלפן דעם אויפשטייג פון אַ ייִדישער פרעסע, ליטעראַטור און קולטור. אַברהם זאַק דערציילט וועגן דעם כלאחר יד, אָבער דער פאַקט שלאָגט אין באַוווּסטזיין. עס האָט געדאַרפט קומען די צווייטע וועלט־מלחמה, מיט דער סאַדיסטישער מערדערישער אומנאָרמאַלקייט פון די היטלערס, גערינגס און הימלערס, אַז דער דייטש זאָל ווערן עפּעס אַזוינס אויסטערליש־גרויליקס לגבי דעם קייזער־רייך, אַראָפּשינדן אין גאַנצן זיין

מענטשלעכע הויט און ווערן אַ חיה־רעה.

דאָס צוואַנציקסטע בוך פון אַברהם זאַקן לייענט זיך זייער געשמאַק. דער דיכטער און גוטער דערציילער איז דאָ אויף יעדער זייט. די אַלגעמיינע געשעענישן — וויפל זיי זאָלן נישט זיין באַקאַנט פון אַנדערע קוואַלן — ווערן ווי ניי, ווייל צו זיי איז צוגעקומען אַן אייגנאַרטיקער אינדיווידועלער שטריך. נאָך וויכטיקער איז דער שליסל, וואָס דאָס בוך דערלאַנגט אונדז צו דעם סאַמע אינעווייניקסטן פון אַ יידישן שאַפן אין אַזאַ צעשטורעמטער, אַרצי־טראַגישער תקופה.

דער ערשטער באַנד פון אַברהם זאַקס זכרונות רייצן דעם אַפּעטיט, אַז עס זאָלן קומען נאָך אַנדערע בענד. געוויס, דער אויטאָר האָט אונדז שוין אַ סך געגעבן אין זיינע פריערדיקע 19 ביכער פון פּאָעזיע און פּראָזע. אָבער ער האָט זיכער נאָך אַ סך צו דערמאָנען זיך און דערציילן.

צו זיינע זיבעציק יאָר ווינטש איך אים אַ סך נחת און צופרידנקייט מיט זיך אליין. דעמאָלט וועלן האָבן נחת אויך מיר, זיינע פריינט, און פּאַראיינס די יידישע ליטעראַטור.

„אין אַנהייב פון אַ פרילינג״ איז דאָס בוך נומער 166 אין דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״, אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פּאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בועגאָס־איירעס, 1962.

װעגן אַלע ענינים װאָס האָבן אַ שײַכות צום פֿאַרלאַג
„דאָס פּױלישע ייִדנטום‟, זיך װענדן:
UNION ISRAELITA POLACA
Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

Este libro se terminó de imprimir el 15 de julio de 1964 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS. S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires, Rep. Argentina.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 174

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley.

Copyright by:
ABRAHAM ZAK
BUENOS AIRES

Tapa y dibujos: José Ratner Mirski

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material claims against Germany.

ABRAHAM ZAK

POR SENDEROS DEL DESTINO

(CUENTOS)

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1964